YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i16

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 16
May 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 16)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/51

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ״ז, 6).
און מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראָ ווילסאָן.

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

Vol. I. PRICE 3 CENTS | Friday, May 2, 1919. | פרייטאַג, דער 2טער מאַי, 1919. | No. 16

קלאָוקמאַכער ערב סטרייק

באַשטימט זיכער איז עס נאָך ניט, אַז עס וועט מוזען קומען צו אַ קאַמפף צווישען די קלאָוקמאַכער און די קלאָוקמאַנופעקטשורערס פון ניו יאָרק. אָבער, אויב מען וויל ניט זיין צו אָפּטימיסטיש, און אויב מען וויל זעהן זאַכען מיט קלאָרע אויגען, שיינט עס, אַז דער קאַמפף איז אונפאַרמיידליך.

פון אָנפאַנג האָט עס אויסגעזעהן, אַז די באַסעס זיינען פאַרטיג צו באַגעגענען די אַרבייטער אויפ'ן האַלבען וועג. זייער שנעלער ענטפער אויף דעם בריעף פון די אַרבייטער פאַר אַ געמיינשאַפטליכער קאָנפערענץ; אויך דער אופן, ווי זיי האָבען אין אָנפאַנג אויפגענומען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער, דאָס אַלעס האָט געקענט איינעם מאַכען רעכענען, אַז מען וועט זיך באַגעהן דאָס מאָל אָהן אַ סטרייק.

און דער שכל האָט אויך מחייב געווען, אַז עס דאַרף קיין קאַמפף ניט זיין, אויב די באַסעס ווילען ניט זיין דוקא איינגעשפאַרט.

נעהמען מיר זאָגאַר די רעוואָלוציאָנערסטע פאָדערונג, די איינפיהרונג פון וואָך־אַרבייט, שטעלט זיך די פשוט'ע פראַגע, מיט וועלכען שיין פון רעכט קען דער באַס קומען צום אַרבייטער און זאָגען: „ניין, איך וויל ניט אַנדערש, אַז דו זאָלסט אַרבייטען פאַר מיר פון שטיק, און ניט פון וואָך"? יעדער איינער מיט נאָר עטוואָס מאַרך אין קאָפּ וועט מוזען צוגעבען, אַז דער אַרבייטער האָט אין דעם פּרט אַ זיכערען רעכט צו באַשטימען דעם אופן, ווי ער זאָל באַצאָהלט ווערען פאַר זיין אַרבייט.

נאַטירליך, דער באָס קען האָבען אַזאַ טענה: יאָ, וואָך־אַרבייט, אַז דו ווילסט ניט אַנדערש, אָבער איך קען דיר ניט באַצאָהלען פאַר דיין אַרבייטס־וואָך אַזוי פיעל, וויפיעל דו פאַרלאַנגסט; עס איז צופיעל. איז אָבער דער פאַקט דער, אַז צו דער פראַגע פון ווייזדזשעס איז מען נאָך ניט געקומען גאָר. דער סכסוך דרעהט זיך נאָך אַלץ אַרום דעם, צי וואָך־אַרבייט, צו ניט, אַזוי ווי עס וואָלט געקענט זיין גאָר דער מינדעסטער קלעהר וועגען דעם רעכט פון אַרבייטער צו באַשטימען איבער דעם פונקט. ווען די באַסעס וואָלטען געווען נאָר אביסעלע לאָגיש, וואָלט זייער ענטפער צו די פאַרטרעטער פון דער יוניאָן באַדאַרפט זיין: מיר מיינען, אַז וואָך־אַרבייט איז ניט קיין גוטע סיסטעם, זי קען שאַדען אי אייך אי אונז און אי דער גאַנצער אינדוסטריע. אָבער אַזוי ווי איהר ווילט דורכאויס ניט מעהר אַרבייטען פון שטיק און ווערען דוקא וואָך־אַרבייטער, קענען מיר זיך אַנדערש ניט העלפען, ווי אונטערגעבען זיך, און איצט לאָמיר ריידען וועגען אייערע ווייזדזשעס, די אַרבייטס־שטונדען א. ז. וו. איהר ווילט 50 דאָלאַר אַ וואָך? עס איז צופיעל. איהר ווילט אַרבייטען בלויז 44 שטונדען — עס איז צו וועניג, א. ז. וו., א. ז. וו. דערצו וואָלטען די באַסעס געהאַט געוויס אַ רעכט. איז אָבער ניין: זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פונקט פון וואָך־אַרבייט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געהאַט דאָס מינדעסטע רעכט צו דיקטירען די אַרבייטער וועלכען סיסטעם פון אַרבייטס־באַלוינונג אויסצוקלייבען; אַזוי ווי אין דער פראַגע מוז ניט זיין דער איינציגער בעל־דעה דער אַרבייטער, און ניט דער באָס.

נאַטירליך, האָבען מיר געמענט ערוואַרטען, אַז די באַסעס זאָלען פּרובירען צו ברענגען די פאַרשטעהער פון דער יוניאָן צו זייער שטאַנדפּונקט, און מיר האָבען צו זיי ניט געקענט, האָבען קיין פיעל טענות, ווען זיי האָבען עס פּרובירט אויסצופיהרען מיט זייערע „אַרגומענטען". אָבער איצט, אַז זיי האָבען שוין אַלעס אויספּרובירט, אויסגענוצט זייער גאַנצע בערעדזאַמקייט אויף די פאַרשטעהער, און דאָך גאָרניט אויסגעפיהרט, האָבען זיי דאָך געמענט מיט אַ מינע פון „דזשענטעלמען" עס נאָכגעבען און איבערגעהן צו די אַנדערע פונקטען. טוען זיי עס אָבער ניט. זיי ציהען נאָך אַלץ מיט קאָנפערענצען און קאָנפערענצען. איז דאָס ניט אַ קלאָרער באַווייז, אַז אָהן אַ קאַמפף וועלען די באַסעס קיינמאָל ניט באַגרייפען, אַז דער אַרבייטער האָט דאָס אַבסאָלוטע רעכט צו באַשטימען, ווי, אויף וועלכען אופן זיין אַרבייטס־לוין זאָל איהם באַצאָהלט ווערען, און אַז אויב ער וויל ניט מעהר אַרבייטען פון שטיק, נאָר דוקא פון וואָך, איז ניטאָ קיין קראַפט אין דער וועלט, וועלכע זאָל איהם מיט דעם מינדעסטען שיין פון רעכט קענען צווינגען צו אַרבייטען דוקא פון שטיק?

און דאָס פאַרשטעהען די אַרבייטער אויסגעצייכענט. זיי ווייסען, אַז דער פאַקט פון דער פאַרציהונג מיט אַלערליי קאָנפערענצען איז דער בעסטער סימן, אַז נאָך דריי יאָהר פון פריעדען אין דער קלאָוק־אינדוסטריע ווילען די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס נאָך אַ מאָל פּרובירען זיך מעסטען אין כחות מיט דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

נון, מיר ווייסען ניט, ווי ווייט די באַסעס זיינען פאַרבאַרייטעט צום בעפאַרשטעהענדען קאַמפף; מעגליך, אַז זיי האָבען אויך פון זייער זייט ניט פאַרלאָזען זיך אויף נסים און האָבען געמאַכט די נויטיגע פאַרברייטונגען. ניין, ניט מעגליך, נאָר מיר מעגען זיין זיכער אין דעם. אָבער פונקט אַזוי האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן פון איהר זייט געמאַכט שוין אַלע נויטיגע פאַרברייטונגען, אַזוי דאָס צו יעדער מינוט איז זי פאַרטיג צום קאַמפף.

דער אונטערשיעד אָבער צווישען דער יוניאָן און די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס איז פאָלגענדער: די באַסעס נעהמען אויף, ריכטיגער, רופען אַרויס דעם קאַמפף מיט אַן „אפשר". אפשר וועט זיי געלינגען דאָס מאָל. די אַרבייטער אָבער זיינען זיכער מיט זייער זיעג. זיי זיינען זיך פאָלקאָם באַוואוסט איבער זייער מאַכט, און, נאָך מעהר, איבער די אַבסאָלוטע גערעכטיגקייט פון זייערע פאָדערונגען, און דערפאַר טאַקע הערשט אין די רייהען פון די אַרבייטער אַ באַגייסטערונג, אַן ענטוזיאַזם, וועלכען מען טרעפט זעהר זעלטען פאַר אַ קאַמפף. קיין סימן פון קיין צווייפעל, קיין סליאַד פון דער מינדעסטער אונזיכערקייט. די סאַמע בעסטע גאַראַנטיען פאַר אַ גיכען און גרויסען זיעג.

דאָס איז ניט נאָר דער פאַל מיט די קלאָוקמאַכער פון ניו יאָרק. די זעלבע גרויסע קאַמפף־לוסט האָט אַרומגעכאַפּט אַ ל ע קלאָוקמאַכער פון אַלע אַנדערע שטעדט, וואו קלאָוקס ווערען געמאַכט. און איבעראַל דער זעלבער ציעל: וואָך־אַרבייט, אַ באַשטימטער סקייל פון ווייזדזשעס און אַלע אַנדערע פאָדערונגען. עס איז דאָרום גרייליך מעגליך, אַז גלייכצייטיג מיט די קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק זאָלען אויך אַרויס אין קאַמפף די קלאָוקמאַכער אין קליוולאַנד, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל, שיקאַגאָ א. ז. וו.

מיר זאָגען, עס איז מעגליך, אָבער זיכער זיין אין דעם זיינען מיר ניט. דאָס וועט שוין אָפּהענגען פון פאַרשיעדענע אומשטענדען. זאָלען אָבער די פיהרער פון דער אינטערנעשאַנאַל געפינען פאַר נויטיג אַרויסצורופען אַ דזשענעראַל־סטרייק פון די אָרגאַניזירטע קלאָוקמאַכער איבער'ן לאַנד, זיינען אַלע פאַרטיג צו פאָלגען דעם געגעבענעם סיגנאַל. און זאָלען זיי געפינען פאַר גלייכער אויסצופעכטען פריהער דעם קאַמפף אין ניו יאָרק, וועלען די קלאָוקמאַכער פון דער קאַנטרי האָבען די נויטיגע געדולד צו וואַרטען, ביז עס וועט קומען זייער רייהע. דער עיקר איז, אַז די גאַנצע קלאָוקמאַכער אַרמעע איז פאָלשטענדיג מאָביליזירט צום גרויסען קאַמפף פאַר איהרע פאָדערונגען, און איז ענטשלאָסען, מעג עס קאָסטען וואָס עס וויל, צו קעמפפען ביז דער זיעג וועט זיין איהרער.

עס איז דאָרום פאַרשטענדליך, וואָרום די גאַנצע יוניאָן, ווי אויך איהר גאַנצע פיהרערשאַפט נוצט אויס יעדע מינוט פאַר אַלץ אַ בעסערער פאַרברייטונג. די עטוואָס־צוריקגעבליבענע מיטגליעדער אין זייערע דיוס ווייסען, אַז איצט איז די צייט צו באַצאָהלען אַלע זייערע שולדען. די, וועלכע זיינען ביז איצט געווען פון ווייטען, קומען אין זייער יוניאָן און לעגען פאַר זייערע דיענסטען אין אירגענד וועלכער ראָליע. די קלאָוקמאַכער יוניאָן און דער דזשאָינט באָאַרד לעבען איבער איצט די שטורמדיגסטע טעג פון זייער גלאָררייכער לעבענס־געשיכטע.

א פינסטערע פאַרשווערונג

מיר לעבען דאָ איבער אַ צייט פון רעאַקציע. די פינסטערניש, די דומהייט, דער פאַרברעכען האָבען אויפגעהויבען זייערע העסליכע פּנים'ער, אויף וועלכע זיי האָבען ביז איצט געטראָגען אַ מאַסקע פון פאָרטשריט און זאָגאַר ראַדיקאַליזם.

עס איז איצט די צייט פון דער חברותא פון פינסטערנים און נידערטרעכטיגקייט. עס איז די צייט פון דעם פּייקער, פון דעם פּאַראַזיט. ער, דער לומפּ, דאַרף זיך נאָר איינוויקלען אין דעם מאַנטעל פון פּאַטריאָטיזם, און ער מעג זיך שוין אַלעס ערלויבען.

וואָס־זשע איז דער וואונדער, וואָס אַלע פּייקערס, אַלע פּאַראַזיטען אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, וועלכע האָבען געהאַט ביז איצט גענוג אורזאַכען צו ציטערען פאַר זייער פעל, נאָר זיי האָבען ניט געוואוסט, ווי זיך צו רעטען פון דער געפאַהר, האָבען דערפיהלט, אַז איצט איז זייער צייט, אַז איצט קענען זיי נאָך פעסטער זיך אָנזעצען אויף דעם אַרבייטער'ס קאַרק, אַז איצט דאַרפען זיי נאָר נעגען די אַלע אמת'ע, עהרליכע אַרבייטער־פיהרער, וועלכע האָבען זיי געקוקט אַזוי שטאַרק אויף די פינגער, אויפהויבען דעם געשריי: באָלשעוויקעס! סאָציאַליסטען! ראַדיקאַלען! און זיי קענען פון זיי פּטור ווערען, און בלייבען אויף אַזאַ אופן די איינציגע הערשער אין דער אַרבייטער־באַוועגונג.

ביז איצט האָט די חברה געציטערט פאַר דעם טאָג, ווען דער אַרבייטער וועט קומען צו זיין באַוואוסטזיין, און וועט פאָדערען פון איהר שטרענגען דין וחשבון; באַנוצט זי זיך איצט מיט דער הערשענדער מהומה אין אַלעמענס מוחות און מאַכט אַ פּאַרזוך „אויסצורייניגען די אַרבייטער באַוועגונג" פון אַלץ, וואָס איז עהרליך וואָס איז ריין, וואָס מיינט טאַקע נאָר די אינטערעסען פון דער אַרבייטער־באַוועגונג.

עס האַנדעלט זיך דאָ ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי אום אַ פאַרשווערונג „אויסצורייניגען די טרייד־יוניאָנס פון אַלערליי ראַדיקאַלע עלעמענטען". עס ווערט געפּלאַנעוועט צו צוברעכען יעדע יוניאָן, וועלכע האָט דעם מינדעסטען פאַרדאַכט צו זיין עטוואָס מעהר ווי בלויז אַ קערפּערשאַפט, ביי וועלכער עטליכע געמיינע נפשות קענען מאַכען אַ לעבען, פּאָסט־און־פּאַסעוועגדיג. מען וויל מאַכען די „אמעריקען פעדריישאַן אָוו לייבאָר" פאַר אַ „שרייענדע וויסטע", אין וועלכער קיין דוך זאָל ניט בלייבען פון אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו, און וואָס שטרעבט צו אמת'ער פרייהייט.

און דאָס אַלעס פּלאַנעוועט מען אויסצופיהרען אויף דער קומענדער קאָנווענשאַן פון דער אמעריקען פעדריישאַן אָוו לייבאָר אין אַטלאַנטיק סיטי.

וועט עס געלינגען דער דאָזיגער באַנדע אויסצופיהרען דעם דאָזיגען פּאַראַט געגען דער גאַנצער אַרבייטער־באַוועגונג? מיר האָפען, אַז ניט. מיר ערוואַרטען, אַז די גרויסע מאַסען אמעריקאַנער אַרבייטער זיינען גאָרניט אַזוי בלינד און נאַריש, און דאָס זיי וועלען נעבען אָפּ די פּייקערס, אָפּ די פּאַראַזיטען פון דער אַרבייטער־באַוועגונג דעם גרעסטען סיורפּריז, וואָס זיי האָבען געהאַט אין זייער לעבען.

מיר גלויבען, אַז אָט די נפשות, אַליין ניט ווייסענדיג, גראָבען פאַר זיך אַליין די גרוב, אין וועלכער זיי וועלען אַריינפאַלען. איין זאַך איז זיכער, אַז, אויב זיי מיינען, אַז זיי קענען זייער פאַררעטערישע אַרבייט דאָס בעסער אויספיהרען, ווייל די פאָרטגעשריטענע עלעמענטען גופא זיינען צווישען זיך גאָרניט שוה

(שלוס אויף זייט 20)

אינהאַלט־פאַרצייכניס
נומער 16 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די הויפּט פיהרער פון דער אינטערנעשאַנאַל ביי דער אַרבייט (איינדריקע) — ש. יאַנאָווסקי.
זייט 3. אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער־וועלט — מ. קאַלטשין.
זייט 4. מיר און זיי — מ. פּערעלשטיין. די ריינקאָוטמאַכער יוניאָן לאָקאַל 20 — ס. פריעדמאַן.
זייט 5. די פאַרשטעהענדע ענדערונגען אין דער קלאָוק אינדוסטריע — ל. פינקעלשטיין. אויפרוף צו די ווייסטמאַכער.
זייט 6. די קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 1 — פ. קאָטלער. דער פּראָטעסט קאָנפערענץ געגען פּאָגראָמען.
זייט 7. די ניין טעג (וועגען סעטלמענט פון ווייסטמאַכער סטרייק) — עליאַס ליבערמאַן. צווישען קלאָוקמאַכער (סצענקעס און בילדער) — ברוד'קע.
זייט 8. אינגעבאָרג (ראָמאַן) — ב. קעלערמאַן.
זייט 9. ראָמאַן. אין דער טשילדרענס דרעססמאַכער יוניאָן לאָקאַל 50 — העררי גרינבערג.
זייט 10. פון רעדאַקטאָרס נאָטיץ־ביכעל.
זייט 11. אַרונטער מיט דער בלאָקאַדע! — דזשוליעט סטואַרט פּוינטץ. אָהן איין מיגראַנטען (פּאָליעטאָן) — א. וואַהליכער.
זייט 12. ליגקע און רעכטע — נ. בוכוואַלד.
זייט 13. געסט (סקיצע) — שמואל דייקסעל.
זייט 14. שטרענגער פון'ם געזעץ — א. סמאָלינסקי. איטאַליענער (געדיכט) — נפתלי גראָס.
זייט 15. די פרויען־וועלט — ראָזע בערריק. שיקאַגאָ לײדיס טיילאָרס יוניאָן לאָקאַל 104 געווינט אַ 44־שטונדיגע אַרבייטסוואָך.
זייט 16. שמועסען צווישען רעדאַקטאָר און לעזער. פאַרשיעדענעס.
זייטען 17, 18 און 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. די יוניאָן מעדיקאַל און [illegible] קליניקס — אַ סטעפּ רעפאָרמער.
[illegible]

צוויי מיטינגען

(איינדריקע)

פון א סטעף רעפארטער.

לעצטען שבת נאכמיטאג זיינען אין נויארק אפגעהאלטען געווארען צוויי מיטינגען אויף וועלכע עס איז באשפראכען געווארען דער זיעג וואס די ארבייטער האבען געהאט אין דעם לעצטען וויסט און דרעס סטרייק.

איין מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אונטער'ן אויפזיכט פון לאקאל 25, אין בעטהאווען האל דאס איז געווען א מיטינג בלויז פאר די טשערלייט און טשערליידיס פון די געסעטעלטע וויסט און דרעס'שעפער.

דער צווייטער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אין ארלינגטאן האל. דער מיטינג איז איינגערופען געווארען פון דער קאטערס יוניאן, לאקאל 10, צו פייערען דעם גרויסען זיעג.

ווי שוין באמערקט, זיינען ביידע מיטינגען איינגערופען געווארען צו באשפרעכען וואס די סטרייקער, די ארבייטער אין דער וויסט און דרעס אינדוסטרי האבען געוואונען דורך'ן לעצטען, מערקווירדיגען קאמף.

אבער וואס'ארא אונטערשיעד עס איז געווען צו מערקען אין דעם כאראקטער פון די ביידע מיטינגען!

וועהרענד אויף דעם מיטינג פון דער קאטערס יוניאן, לאקאל 10, האט געהערשט ששון ושמחה און אלע האבען זיך אמת הארציג געפרעהט מיט'ן זיעג פון'ם סטרייק, מיט'ן גרויסען געווינס וואס די ארבייטער האבען דורך דעם סטרייק אויסגעקעמפט, — האט אויף דעם צווייטען מיטינג, אויף דעם מיטינג פון די טשערלייט און טשערליידיס פון לאקאל 25, זיך ארומגעטראגען עפעס א מין צווייפעל, עפעס א ניט באשטימטקייט. ביי א סך פון די אנוועזענדע טשערליידיס איז איינפאך געהאנגען פאר'ן פנים א פראגע־צייכען, ווי איינער זאגט: „צו האבען מיר יא געוואונען אדער ניט געוואונען?“

ביי דעם מיטינג פון די וויסט און דרעס מאכער, האט פרעזידענט שלעזינגער גערעדט איבער צוויי שעה. ער האט ארומגערעדט יעדען פונקט פון דעם נייעם אגרימענט מיט די בעלי בתים און קלאר געמאכט יעדען „קלאוז“, יעדען פונקט, יעדען פאראגראף. ער האט אנגעשטרענגט זיין יעדען נערוו צו מאכען יעדען פונקט וואס קלערער און פארשטענדליכער.

אבער וואס האט דאס אלעס געהאלפען?

ווי נאר ער האט געענדיגט רעדען האט זיך א גאס געטאן א ים מיט פראגען: פראגען וועגען די אלע פונקטען וואס ער האט, דאכט זיך, אזוי קלאר געמאכט דאס אפילו קינדער האבען דאס געדארפט פארשטעהן.

מילא, נו, פארשטעהן די מיידלעך ניט די פונקטען און דער רעדנער נעמט זיך ענטפערן יעדער פראגע וואס מען שטעלט איהם.

אבער וואס איז דאס? אט האט דער רעדנער געענטפערט א פראגע־שטעלערין א געוויסע פראגע, און ווי נאר ער איז פארטיג געווארען מיט'ן ענטפער, פרעגט גלייך א צווייטע פראגע־שטעלערין די זעלבע פראגע, אביסעל אין אנדערע ווערטער, נאטירליך, נאך אמאל.

און ברודער שלעזינגער ענטפערט ווידער. מען פרעגט איהם ווייטער פראגען און ער ענטפערט אלעמען אהן א שיער פראגען. ער וויל אלעמען קלאר מאכען די סיטואציע יעדע און יעדער זאל פארשטעהן דעם פולען ווערט פון דעם גרויסען געווינס; די ווירקליכע באדייטונג פון דעם זיעג פון איינעם פון די פארביסענסטע קעמפע וואס די אינטערנעשאנאל האט געהאט אין דער לעצטער צייט.

אבער וואס העלפט דאס אלעס? דער לאקאל 25 געפינט זיך איצט אין אזא סביבה, דאס א סך פון די מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען פשוט ניט מסוגל צו באגרייפען דעם פולען ווערט פון דעם זיעג. אונטער די אומשטענדען איז פאר זיי פשוט אומעגליך דאס צו באנעמען. די שולד ליגט ניט אין די מיטגלידער, נאר אין די אומשטענדען, עס ליגט אין די ארבייטס־באדינגונגען, אונטער וועלכע די מערסטע מיטגלידער פון לאקאל 25 קומט אויס צו ארבייטען, ווי מיר וועלען דאס אנווייזען אביסעל שפעטער.

* * *

א גאנץ אנדער כאראקטער האט געטראגען דער מיטינג פון די קאטערס יוניאן לאקאל 10. דער גרויסער ארלינגטאן האל איז געווען איבערפילט מיט מענשען וואס האבען זיך געפונען אין א אמת יום־טוב'דיגער שטימונג. ווי מען איז נאר אריינגעקומען אין האל האט מען גלייך דערפיהלט אז מען געפינט זיך דא צווישען א מחנה זיעגרייכע מענשען, וועלכע האבען זיך צוריקגעקערט זיעגרייך פון דעם עקאנאמישען שלאכטפעלד.

און עס ווילט זיך אויסרופען: גאט מיינער, וואס פאר אן אונטערשיעד צווישען דעם מיטינג און דעם מיטינג פון לאקאל 25! דא איז לעבעדיג און פריילאך, נאך יעדען רעדנער שפיעלט א מוזיק ארקעסטער און אלע אנוועזענדע זיינען זיך אמת הארציג משמח מיט'ן זיעג, און דארטען, די זעלבע סטרייקער, וועלכע האבען צוזאמען געקעמפט, צוזאמען געשטאנען אין דער פיקעט ליין און ווי אנדערש זיי פיהלען וועגען דעם!

דער ענטפער איז פון אויבען־אויף; עס איז דא דערפאר א גרונד, א גוטע אורזאכע.

די קאטערס, די מיטגלידער פון לאקאל 10, זיינען אלע וואך ארבייטער, וועהרענד די וויסט און דרעס מאכער, די גרויסע מאיאריטעט מיטגלידער פון לאקאל 25, זיינען שטיק־ארבייטער. און דאס פארענטפערט שוין אלעס!

ווען וואך־ארבייטער געווינען עפעס דארף מען זיי גאר ניט ערקלערען, זיי באגרייפען דאס גלייך אליין. זייער געווינס איז פליין, איינפאך, עס איז ניטא דערביי קיין בוכהאלטעריע מיט חשבונות און מען דארף זיי ניט אנווייזען דעם זיעג דורך ציפערען, דורך „קלויזען“ אין דעם אגרימענט און דורך די פראצענטען אויף די סטאנדארדס. אהן שום ערקלערונגען ווייס יעצט יעדער קאטער אין דער וויסט און דרעס אינדוסטרי פון ניו יארק אז ער האט געוואונען א גרויסען זיעג! ער ווייס דאס, ווייל ער ארבייט איצט מיט 5 שטונדען א וואך ווייניגער ווי פאר'ן סטרייק און באקומט מיט דריי דאלער א וואך מעהר אן שכירות. היינט, וואס דארף ער נאך האבען ערקלערונגען? ער איז העכסט באגייסטערט פאר זיין יוניאן, און פון די בעאמטע און פיהרער פון דער אינטערנעשאנאל אהן אירגענד וועלכע ערקלערונגען!

און אט באווייזט זיך פרעזידענט שלעזינגער אין ארלינגטאן האל, דאס קומט ער פון יענעם מיטינג פון לאקאל 25 אין בעטהאווען האל, און ער איז מיעד, אויסגעמאטערט פון יענעם מיטינג, מיט די פיעלע פראגע־שטעלער.

ווי ער באווייזט זיך נאר אין האל, ברעכט שוין אויס א שטורם פון אפלאדיסמענטען, און ווען ער קומט ארויף אויפ'ן פלאטפארם, באקומט ער א זעהר ווארימע אויפנאמע, כמעט דער עולם האלט זיך אביסעל צוריק אוים רעספעקט צו דעם רעדנער, גענאסע אוירווין, רעדאקטאר פון „די קאל“, וועלכער האט גראדע דעמאלט געהאלטען אין מיטען רעדען.

ווען ברודער שלעזינגער ווערט נאכדעם פארגעשטעלט אלס רעדנער, שפיעלט אויף דער ארקעסטער די מארסעליעזע און עס ברעכט ווידער אויס א שטורם פון אפלאדיסמענטען.

אבער די ריכטיגע אוואציע פאנגט זיך אן ערשט ווען דער מוזיק־ארקעסטער ווערט אנשוויגען. אלע אנוועזענדע אין האל שפרינגען אויף פון זייערע פלעצער און עס ברעכט אוים א הילכיגער הורראגעשריי פאר'ן פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל! אלע אין האל דריקען אוים דאנקבארקייט דורך א ספאנטאנער דעמאנסטראציע פון ווארימע ברידערליכע געפיהלען.

און דא קומט דער „קליימאקס“, דער העכסטער פונקט פון ענטוזיאזם, פון באגייסטערונג.

דער פרעזידענט פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10, ברודער ה. בערלין, גיט איבער פרעזידענט שלעזינגער, אין נאמען פון דער קאטערס יוניאן, א קליינע קעסטעלע, בלויז א פאר גאלדענע „קאפבאטענס“, אלס פרעזענט, אלס צייכען פון אנערקענונג.

און א נייע אוואציע ברעכט אוים. ברודער שלעזינגער שטעהט אויפ'ן פלאטפארם, איבערוועלטיגט פון דעם שטראם פריינדליכקייט, פון דעם ים פון ווארימע, העכסט ברידערליכע געפיהלען וואס שטראמט פון דעם עולם צו דער פלאטפארמע, און ער געפינט קיום גענוג ווער־ מער אויסצודריקען זיין דאנקבארקייט צו דעם ענטוזיאסטישען עולם פאר דער זעהר ווארימער אויפנאמע. ער דערפיהלט בשעת מעשה דעם קאנטראסט, דעם חילוק פון דעם מיטינג ביז יענעם מיטינג, פון וועלכען ער קומט נאר וואס, און ער זאגט וועגען דעם א פאר ווערטער.

ער האט אבער אויף קיינעם ניט קיין פאראיבעל. ער ווייס גוט די אומשטענדען און אלעס אין דער יוניאן איז קלאר פאר איהם. ער האלט א קורצע אבער איינדרוקספאלע רעדע, וועגען דעם וויסט און דרעס סטרייק בכלל און וועגען דעם סוף פון דעם סטרייק בפרט, און מיט דעם ווערט יענער שענער, זעהר איינדרוקספאלער מיטינג געשלאסען.

און ארויסגעהענדיג פון דעם מיטינג אין ארלינגטאן האל טראכט איך מיר:

ווארום פאנגט ניט אן אונזער אינטערנעשאנאל א קאמף איינצופיהרען וואך־ארבייט אין אלע צווייגען פון דער ליידים גארמענט אינדוסטרי? ווארום נעמט מען זיך ניט איינמאל פאר אלע מאל שאפען אין דער ליידים גארמענט אינדוסטרי א געזונטען באדען פאר'ן טרייד יוניאניזם? ווארום נעהמט מען זיך ניט איינצופיהרען וואך־ארבייט אין יעדען צווייג פון דער אינדוסטרי און אזוי מעגליך מאכען, דאס די מיטגלידער פון יעדען לאקאל באזונדער זאלען שעצען און אכטען זייער יוניאן? זיי זאלען געווינען זיעגע און ניט דארפען קיין ערקלערונגען?..

און איך טרייסט מיר, דאס יענע צייט קומט שוין ווירקליך אן. אונזער גרויסע קלאוק מאכער ארמיי שארפט שוין די כלי־זיין ארויסצוגעהן אין קאמף פאר אט דער גרויסער אומענדערונג, פאר וואך־ארבייט, און די אנדערע באטאליאנען וועלען שוין נאכקומען אין דעם זעלבען וועג.

און עס ווילט זיך מיר אויפ'ן שטעל אויסרופען:

זאל אייך זיין מיט מזל, ברידער קלאוק מאכער! איהר נעמט איצט אונטער א קאמף פאר וועלכען די גאנצע טרייד־יוניאן־וועלט וועט אייך א סך דאנקען און וועלכער וועט שאפען בעסערע באדינגונגען פאר דער עקזיסטענץ פון אונזער גאנצער אינטערנעשאנאל יוניאן.

די סיטואציע אין קלאוקס טרייד פון ניו יארק

די לאגע אין קלאוק טרייד ווערט אלץ ערנסטער און ערנסטער. די יוניאן האט שוין צוזאמענגעשטעלט איהר דזשענעראל סטרייק קאמיטע און דער גרויסער, ריזיגער קאמף קען ענטשטעהן פיעל פריהער, ווי מען ערווארטעט.

די יוניאן איז שוין אלזא אין א לאגע פון זיין אויף דער וואך יעדע מינוט און האלטען אפענע אויגען איבער אלעס וואס פאסירט איצט אין דער אינדוסטרי, און דאס טוט זי. האבענדיג פארטיג איהר סטרייק מאשינערי שטעהט די יוניאן א באוואפענטע, גרייט יעדע מינוט זיך אריינצוווארפען אין קאמפף, אויב איהרע פאדערונגען, די פאדערונגען פון די ארבייטער וועלען ניט נאכגעגעבען ווערען.

בענדזשאמין שלעזינגער, דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, איז ערוועהלט געווארען אלס דער טשערמאן פון דער סטרייק קאמיטע. דער וויים־טשערמאן איז י. פיינבערג, דער פרעזידענט פון דעם קלאוק־מאכער דזשאינט באארד. אלס סעקרעטער פון דער סטרייק קאמיטע איז ערוועהלט ל. לאנגער.

אז דער קאמף איז שוין גאר נאהענט אין דער קלאוק אינדוסטריע, האט מען זיך געקענט איבערצייגען ביי דעם לעצטען מיטינג פון דעם דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכערס יוניאן.

מאררים זיגמאן, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דער יוניאן, האט געצייגען די אויפמערקזאמקייט פון די דעלעגאטען וועגען די סעמפעלס און די דופליקייטס וואס מען פאנגט שוין אן צו מאכען אין די שעפער פאר דעם קומענדען סיזאן און וועגען וועלכע עס דארף זיין א קלארע פארשטענדעניס אויף וואס פאר אן אופן די ארבייטער זאלען זיי מאכען, נעהמענדיג אין אכטאכט די רעוואלוציע וואס דארף אין טרייד פארקומען צוליעב דער איינפיהרונג פון וואך ארבייט.

„אוט אוו טאון“ קאמיטע שוין ביי דער ארבייט.

די „אוט אוו טאון קאמיטע“ איז שוין איינגענטליך ביי דער ארבייט. א קלאנג האט זיך דערטראגען, אז מאנכע מאנופעקטשורערס האבען די לעצטע טעג באזוכט מאנכע שטעדטלעך און ווילעדזשעס צו זעהן, אויב מען קען דארטען איינפיקסען שעפער. די „אוט אוו טאון“ קאמיטע שיקט שוין דערפאר ארוים איהרע שלוחים זיך צו זעהן מיט די איינוואוינער פון יענע ווילעדזשעס, אז דער גרויסער קאמף פון צעהנדליגע טויזענדער פאמיליען פאטערס אין ניו יארק זאל ניט פארראטען ווערען.

ל. לאנגער, דער טשערמאן פון דער קאמיטע, וועט די טעג צוזאמען מיט זיגמאן'ען באזוכען אויך עטליכע גרעסערע שטעדט, וואו מען מאכט קלאוקס און וואו עס זיינען דא קלאוק מאכער יוניאנס, אז זיי זאלען דארטען אויפפאסען, אז מען זאל ניט מאכען קיין ארבייט פאר ניו יארק. די יוניאן האט אויך ארויסגעשיקט בריעף צו אלע סענטראל לייבאר יוניאנס, איינצעלנע יוניאנס, ארב. רינג ברענטשעס און סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען צו זיין אויף דער וואך, צי מען עפענט ניט אין זייערע שטעדט קלאוק שעפער. אויסער דעם וועט די אוט אוו טאון קאמיטע באזוכען יעדע שטעדטעל און יעדען ווילעדזש, זיך פארבינדען מיט די סענטראל לייבאר יוניאנס פון די אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר און אזוי איינארדנען, צוגרייטען און פארנעהמען דעם גאנצען געגענד, וואו קלאוק באסעס קענען קומען עפענען שעפער.

די קלאוק מאכער יוניאן אפעלירט צו יעדען סאציאליסט, צו יעדען מעמבער פון ארב. רינג, צו יעדען ארבייטער בכלל, צו יעדען און צו אלעמען, וועלכע זיינען פריינד פון יוניאנס און פון ארגאניזירטע ארבייטער, אויפצונעהמען די ארגאנייזערס און די קאמיטעס, וועלכע קומען ארוים אין די שטעדטלעך, מיט פריינדליכקייט און זיי אנווייזען, וואו די שעפער געפינען זיך. די קאמיטעס וועלען האבען קרעדענשעלס פון דער קלאוק מאכער יוניאן און פון דער אינטערנעשאנאל. עס קומט אן איינער פון די גרעסטע קעמפע, וואס אידישע ארבייטער האבען ווען געהאט. עס וועט, מעגליך, זיין דער שארפסטער קאמף און אלע מוזען קומען צו הילף. יעדער מוז טאן זיין פליכט.

אויף א צווייטען פלאץ אין דער צייטונג וועט איהר געפינען פארעפענטליכט די גאנצע דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

מיידעלע דו שעהנע

מיידעלע דו שעהנע,
מיידעלע דו מיין,
זאג מיר נאר וואו וועסטו
מאי דעם 3טען זיין?

— איך וועל דיר באלד זאגען,
בחור'ל דו מיין:
אין „ניו סטאר קאסינא“,
דארטען וועל איך זיין.

מיידעלע דו שעהנע,
מיידעלע מיין קרוין,
זאג־זשע מיר נאך וואס־זשע
וועסטו דארטען געהן?

— איך וועל דיר גלייך זאגען,
נאך געדענק דעם מאל:
דארט, אין יענער נאכט, וועט
זיין דער שרייבער־באלל.

מיידעלע דו שעהנע,
מיידעלע מיין גאלד,
זאג מיר נאר פיעל ס'ווערט א
טיקעט'ל געצאהלט?

— גלייך וועל איך דיר זאגען,
אבער פרעג ניט מעהר;
איין דאלאר פאר איינעם,
צוויי — פאר איינס מעהר.

מיידעלע דו שעהנע,
כ'ווארט עס זאל פארביי
יעדער טאג, און קומען
זאל דער דריטער מאי.

איך וועל זיין דער גראף און
דו'סט זיין מיין גראפינע,
צו דעם באלל פון שרייבער
אין ניו סטאר קאסינא.

בחור'ל דו ליעבער,
זיי נאר צוגעגרייט,
מאך נאר מיט קיין פרעמדע
יענעם טאג קיין „דייט“.

ס'וועלען דארטען אלע
גוטע זינגער זיין,
אוי וועט דיר פארדריסען
ווען דו'סט דארט ניט זיין.

אויב זיי האבען עפעס איפצוזעצען נע־
גען די געשטעלטע פאדערונגען, א חוץ
דער הויפט־פאדערונג פון וואך־ארבייט,
מיט וועלכער אלע זיינען איינפארשטאנען,
און פון אלעמען, אהן אן אויסנאהם, קומט
דער איינשטימיגער ענטפער יע, און שלע־
זינגער מיט זיין אייביגע געלאסענהייט
ערקלערט: „טהי „אייס" העוו איט".

איך מוז מיך צוויילען, איך מוז אי־
בערהיפען די אינטערעסאנטע דעבאטען,
וואס עס רופען ארויס פארשיידענע רע־
פארטען און קאמיטעס, און וועל עס, טייל־
ווייז, פארעפענטליכען, ווען די „מינוטס"
פון אלע זיצונגען וועלען זיין פארטיג. ליי־
דער איז עס איצט אוממעגליך דורך די
פלוצלונגע קראנקהייט פון ברודער בא־
ראוו, אזוי אז עס ליגט פאר מיר בלויז
דער רעפארט פון די לעצטע צוויי זיצונ־
גען, פארצייכענט פון ברודער פערלשטיין,
וועלכער האט פארנומען באראוו'ס פלאץ
פאר דערווייל. דא זאל נאר פארצייכענט
ווערען דער צווייטער וויכטיגער באשלוס,
וואס איז אנגענומען געווארען פון דער
דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועגען
דער ארגאניזאציאנס־ארבייט אין דער
קאנטרי.

די פראגע איז איינע פון די וויכטיג־
סטע, און זי האט דערפאר פארנומען גאר
א היבשע ביסעל צייט. די פארזאמעלטע
דעלעגאטען, אהן אן אויסנאהם, באגריי־
פען, אז די אלע זיגע פון די ניו יארקער
ארבייטער מוזען פאראליזירט ווערען פון
דעם ניט ארגאניזירטען שאפ אין קאנטרי.
ברודער שלעזינגער, ווי אויך באראוו, הא־
בען אנגעצייגט אין זייערע רעפארטען, אז
די קאנטרי איז געווען דאס הויפט־פרא־
בלעם אין דעם סטרייק פון די ליידיס
ווייסט מייקער. וואס פאר אן אוצר מיט
געלט די קאנטרי האט פארשלונגען! ברו־
דער לעפקאוויטש, אין זיין רעפארט, האט
עס געמאכט באזונדער קלאר. ער איז
דאך געווען דער הויפט טוער אין דער
קאנטרי אין דער צייט פון סטרייק, און
ווי פארהעלטניסמעסיג ווייניג ער האט
דערגרייכט מיט אלע זיינע גרויסע אנ־
שטרענגונגען! אלע פארשטעהען אבער,
אז עס מוז איינמאל פאר אלע מאל גע־
מאכט ווערען א סוף צו אזא לאגע, אז
כדי די זיגע אין ניו יארק זאלען זיין פון
אירגענד א ווערט, מוז די קאנטרי־ארבייט
יוניאניזירט ווערען, און אז דאס מוז גע־
טאן ווערען ניט אין דער צייט פון
סטרייק, נאר דוקא אין דער צייט פון
פרידען.

אבער ווי פיהרט מען עס אויס?

א גראנדיאזען פלאן האט ב. שלעזינ־
גער אויסגעארבייט; אבער עס איז א
פלאן, וועלכער פאדערט אונגעהויערע
מיטלען, און דאס איצט, ווען די גאנצע
קלאוק אינדוסטריע ניט נאר אין ניו יארק,
נאר איבער'ן גאנצען לאנד איז אויפ'ן
שוועל פון א קאמפף.

און דאך, דער פלאן ווערט בשום אופן
ניט פארווארפען, ווייל עס איז צו שווער.
ווארום אז מען מוז איז דאך ניט שייך.

און דאס איז געווען דער באגייס־
טערונדסטער, אפשר, מאמענט פון אלע
זיצונגען, וועלכע איך האב ביינעוואוינט.
פאר די פארזאמעלטע איז, ווי עס האט
אויסגעזעהען, -עקזיסטירט ניט אזא זאך
ווי „אונמעגליך". גראדע דאס אונמעג־
ליכע, דאס שווערסטע רייצט זיי. זיי זו־
כען ניט דעם וועג, אויף וועלכען עס לאזט
זיך געהן וואס לייכטער און אויף וועלכען
מען קען געוועהנליך ווייניג וואס דער־
גרייכען, נאר גראדע דעם שווערען וועג,
דעם וועג פול מיט שטיינער, אבער און
דערזעלבער צייט מיט אזעלכע גרויסע,
שעהנע פארשפרעכונגען.

צו ענדע פון די זיצונגען, וואס איך
האב ביינעוואוינט, האב איך אויסגע־
דריקט אין א פאר ווערטער מיינע גע־
דאנקען און געפיהלען פאר די דעלעגא־
טען, האב אויך באריהרט מאנכע פראגען,
וואס באריהרען די „גערעכטיגקייט", און
האב מאנכע דעלעגאטען געמאכט דעם
פארוואורף, וואס זיי טוען ניט אלעס, אום
צו מאכען „די גערעכטיגקייט" אלץ מעהר
און מעהר זייער צייטונג.

דער פרעזידענט פון דער אינטערנע־
שאנעל האט אין דעם נאמען פון אלע אנ־
וועזענדע ערקלערט, אז די „גערעכטיג־
קייט", ווי זי געהט, שטעלט צופרידען
אלעמען, כאטש צו גוט איז קיין שיער ני־
טא, און דאס ער איז זעהר צופרידען, וואס
איך בין געווען אנוועזענד צו די זיצונגען,
ווייל נאר זעהענדיג די אינטערנעשאנעל
ביי איהר פראקטישער ארבייט, קען מען
ערשט גרינדליך לערנען איהר כאראקטער
און פארשטעהן איהרע באלדיגע און וויי־
טערע ציעלען.

איך וויל דא זאגען נאך א ווארט וועג־
ען [illegible]

די קלאוקמאכער אין פילאדעלפיא. דער
באנקעט איז געווען איינער פון די שעהנ־
סטע, וואס איך האב אמאל ביינעוואוינט.
ברודער אמדור, דער פיהרער פון די
קלאוקמאכער אין פילאדעלפיא, איז אן
אידעאלער טאאסטמאכער. די רעדנער פון
מיר, וויינבערג, פיינבערג, טשערמאן פון
דזש. ב., ע. ליבערמאן, פאניא מ. קאהן
און ב. שלעזינגער זיינען געווען פון דעם
בעסטען סארט באנקעט רעדען, און איך
בין זיכער, אז נאך קיינער האט ניט אזוי
כשר פארדיענט א באנקעט, ווי די שווער־
ארבייטענדע דזשענעראל עקזעקוטיוו
באארד פון דער אינטערנעשאנעל.

א. יאנאווסקי.

אין דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער וועלט

פון מ. קאלטשין.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 2, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

צו דער מאי־דעמאנסטראציע אין פראנקרייך.

אין פראנקרייך איז איצטער פאראן
גענוג חיל, פראנצויזישע און אויסלענדער־
שע, און די הערשער פון פראנקרייך וואל־
טען דאכט זיך געדארפט זיין רוהיג, ניט
מורא האבען פאר ארבייטער טראבעלס,
אבער זיי ציטערען, זיי האבען געווארט
אויף דעם ערשטען מאי מיט א פחד. די
גרעסטע ארבייטער יוניאנס און די סא־
ציאליסטישע פארטיי האבען באשלאסען
צו סטרייקען דעם ערשטען מאי. זיי הא־
בען ארראנזשירט א דעמאנסטראציע, וועל־
כע האט געדארפט צייגען די פראנצויזישע
הערשער די מאכט פון דעם ארבייטער־
קלאס. און א מאכט האבען די ארבייטער.
זיי קענען אפשטעלען דאס גאנצע געזעל־
שאפטליכע לעבען, און אויב גוט ארגא־
ניזירט, קענען זיי צווינגען די רעגירונג צו
קאפיטולירען, זיי קענען דיקטירען וועלכע
באדינגונגען זיי ווילען. די הערשער פון
פראנקרייך ווייסען עס, און, טראץ אלע
הויכע און גרויסע פראבלעמען פון דעם
פרידענס־קאנפערענץ, האבען זיי אנגעהוי־
בען זוכען מיטלען ווי אזוי די מאכט פון
די ארבייטער צו באקעמפפען. דער עולם איז
אבער אין שרעק: אויב די זשארעס דע־
מאנסטראציע איז געווען אזא ריזיגע,
היינט וואס וועט זיין די מאי־דעמאנ־
סטראציע? — טענה'ן זיי.

דער פראנצויזישער פארלאמענט איז
זעהר שטארק אויפגערעגט געווען, ווען
ער האט זיך דערוואוסט וועגען דער קו־
מענדער דעמאנסטראציע. וואס טוט מען?
האט מען מיט אמאל אנגענומען א געזעץ
וועגען אן אכט שטונדען ארבייטס־טאג
פאר אלע ארבייטער. די געזעצגעבער הא־
בען געהאפט דערמיט צוטיילען די ארביי־
טער־מאסען און איבערציהען אויף זייער
זייט איינע טיילען פון ארבייטער־קלאס.
דאס איז אבער ניט אלעס. מען האט זיך
אנגעהויבען גרייטען צו א „זיגעס־דעמאנ־
סטראציע", וועלכע ווערט ארראנזשירט פון
דער רעגירונג און אויף וועלכער מען גיט
אויס א גרויסע סומע געלד. אבער וואס
איז געלד, ווען דער געפאהר איז גרויס
ווען עס איז נויטיג צו שאפען א פאטריא־
טישע פיהלונג, ווען מען מוז האבען „פא־
טריאטען" געגען די סאציאליסטען און
ארבייטער?

און עס איז צו באדויערען וואס מיר
לעבען איצטער אין א צייט, ווען ניט אלעס
קען מען וויסען, ווען ניט אלעס זיינען מיר
ערלויבט צו וויסען. ווער ווייסט וואס אין
פראנקרייך טוט זיך? ווער ווייסט אויף
וויפיעל די הערשער זיינען איצטער אי־
בערצייגט אין דעם, אז ווען דער ארביי־
טער־קלאס גיט זיך א ריהר, טרעסטשען
אלע גלידער פון דער געגענווארטיגער
ארדנונג?

די לאגע אין איטאליען.

אייניגע דענקען, אז דער סכסוך צווי־
שען די שטאאטסלייטע פון דער פרידענס־
קאנפערענץ איבער פיומע איז ניט אזוי
געפערליך. זיי טענה'ן אזוי: איטאליען
האט מארשירט אלץ נעהנטער און שנעלער
צו א רעוואלוציע; די באפעלקערונג איז
געווען מיט די סאציאליסטען און געגען
דער רעגירונג, ניט קוקענדיג אויף די
כלומרשטדיגע פאטריאטישע דעמאנ־
סטראציעס, וועגען וועלכע די צייטונגען
האבען געמעלדעט; די רעגירונג האט
געציטערט, מורא געהאט פאר דעם ער־
שטען מאי, וועלכער, לויט זייער מיינונג,
האט געזאלט זיין דער טאג פון דעם אנ־
פאנג פון דער רעוואלוציע; די רעגירונג
האט געזוכט א מיטעל און אן „אישו"
אפצוציהען די מאסען פון די סאציאליס־
טען אויף איהר זייט און דערמיט פארמיי־
דען, אפשטעלען, דערווייטערען די רעווא־
לוציע, האט זי זיך אנגעכאפט אין דער
פיומא פראגע און די אנדערע שטאאטס־
לייטע האבען איהר געהאלפען. דאס פאלק
האט איצט אן אישו, די „עהרע" פון אי־
טאליען איז אין קאן, די פארשטעהער פון
דער רעגירונג זיינען העלדען, זיי פאדערען
פיומע און באשיצען איטאליען'ס עהרע.
און פיומע וועלען זיי קריגען, שפעטער,
אלס „מאנדאטארים", וואס וועט נאך
מעהר פארשטארקערען די רעגירונג.

איבער דיזער מיינונג קענען מיר אפילו
ניט דעבאטירען, ווייל מיר ווייסען ניט
גענוי וואס אויף דער פרידענס קאנפע־
רענץ איז פארגעקומען; דיפלאמאטיע איז
דאך תמיד געווען א געהיימניס. איין זאך
איז אבער קלאר: די לאגע אין איטא־
ליען איז אן ערנסטע, מען קען זאגען א
קריטישע. און די לאגע האט גארניט צו
טאן מיט דער פראגע פון פיומע. נאך
לאנג בעפאר די פראגע איז ארויפגעשווי־
מען, האבען מיר געהערט וועגען הונגער,
נויט און אונרוהען צווישען די מאסען,
באזונדער צווישען די ארבייטער מאסען.
עס איז שוין אזוי ווייט פארגאנגען, אז די
רעגירונג איז געצוואונגען געווען צו אראנ־
זשירען א קאנפערענץ צווישען פארשטע־
הער פון ארבייטער און קאפיטאליסטען,
ערקלערען, אז זי וועט איינפיהרען אן אכט
שטונדען ארבייטס־טאג און נאך אנדערע
זאכען. עס האט שוין אבער ניט געקענט
העלפען, און מיט צוויי וואכען צוריק הא־
בען שוין די צייטונגען געמעלדעט וועגען
צוזאמענשטויסע צווישען ארבייטער און
חיל אין די גאסען פון די אינדוסטריעלע
שטעדט.

דאס, פארשטעהט זיך, האט קיין שום
שייכות ניט צו דער פיומע פראגע, וועגען
וועלכער מיר ווייסען זעהר ווייניג.

עבערט־שיידעמאן געגען סטרייקס.

עס זיינען פאראן מענשען, כלומרשט
סאציאליסטען, וועלכע — פארגעסענדיג
וועגען זיך — האבען ניט אויפגעהערט צו
פארדאמען די דייטשע שאוויניסטען, אונ־
טערשטיצער פון קייזער ווילהעלם, אין
צייט פון קריעג, אבער וועלכע האלטען
איצט דיזעלבע עבערטס און שיידעמאנס
פאר סאציאליסטישע העלדען. און אט די
כלומרשט סאציאליסטען שעמען זיך גאר־
ניט, גלייך ווי עס וואלט געווען א גאנץ
נאטירליכע זאך. זיי האבען פארגעסען ווע־
גען די שבחים, וועלכע זיי האבען געזונגען
ליעבקנעכט'ן און האבען פארגעסען, אז
זיי האבען ערקלערט די שיידעמאנס און
די עבערטס פאר פאררעטער.

פאר די אבער, וועלכע האבען אן עט־
וואס לענגערען זכרון, איז עבערט נאך אלץ
עבערט און שיידעמאן איז אלץ שיידעמאן,
— ווילהעלם'ס אונטערשטיצער, פאררע־
טער, אנטי־סאציאליסטען. פארקערט,
וואס ווייטער, דאס מעהר זיינען זיי אי־
בערצייגט, אז זיי האבען זיך ניט אפגע־
נארט אין זייער אפשאצען די יונקערישע
סאציאליסטען.

זונטאג האבען די צייטונגען גע־
בראכט א נייעס. אין דייטשלאנד, וועלכע
איז רעגירט פון די שיידעמאן'ס און
עבערט'ס, גרייט מען זיך איינפיהרען א
געזעץ געגען ארבייטער סטרייקס לויט
דעם געזעצפראיעקט, וועלכער וועט אריינ־
געבראכט ווערען דעם צווייטען מאי —
אויף מארגען נאך דעם יום טוב פון אינ־
טערנאציאנאלען ארבייטער־קלאס — ווע־
לען די ארבייטער, וועלכע ערוואגען זיך יא
צו סטרייקען, זעהר שווער באשטראפט
ווערען. ווען א סכסוך קומט פאר צווישען
די ארבייטער און די קאפיטאליסטען, מו־
זען די צדדים זעהן איהם אויסגלייכען
צווישען זיך, אבער די ארבייטער טארען
ניט סטרייקען סיידען זיי קענען באווייזען,
אז זיי האבען אויסגענוצט אלע אנדערע
מיטלען אויסצוגלייכען דעם סכסוך. דאס
הייסט, אז ווען די ארבייטער זעהן, אז זיי
קענען זיך דערשלאגען זייערע פאדערונ־
גען, מוזען זיי ווארטען ביז דער קאפיטא־
ליסט וועט אננעמען מיטלען געגען די אר־
בייטער; דאס הייסט, אז די ארבייטער
וועלען זיין צוגעקאוועט צו דער מאשין און
וועלען קיין רעכט און מעגליכקייט ניט
האבען צורייסען זייערע קייטען. אפילו
אונזער פיהרער פון דער אמעריקאן פע־
דעריישאן אוו לייבאר איז געווען געגען
אזא געזעץ אין אמעריקא.

עס איז אבער דא א מיינונג, אז דער
טייוולשער פלאן פון די שיידעמאן'ס או
עבערט'ס וועט ניט געלינגען. עס איז ה
א גרענעץ צום געדולד פון די דייטשע אר
בייטער אויך, און עס זיינען נאך פארבלי
בען אמת'ע סאציאליסטען אויך, וועלכ
וועלען פיהרען דעם ארבייטער קלאס מי
דעם גלייכען וועג, געגען די שיידעמאן'ס.

אין שוועדען.

אין שוועדען האבען די ארבייט
זייער עקאנאמישע ארגאניזאציאן — ד
ארבייטער יוניאנס — און זייער פאליטי
שע ארגאניזאציאן — די סאציאליסטיש
פארטיי. ביז ניט לאנג איז דארט געווע
בלויז איין סאציאליסטישע פארטיי. אבע
די שפאלטונג צווישען די סאציאליסטע
פון אלע לענדער האט אויך צושפאלט
די סאציאליסטישע פארטיי פון שוועדע
וואו עס איז איצטער פאראן א פארטיי
פון „יונגע סאציאליסטען" און א סאציא
דעמאקראטישע פארטיי. די ערשטע א
דער לינקער פליגעל און די צווייטע —
דער רעכטער פליגעל פון דער סאציאליס
טישער באוועגונג. אויף די לעצטע וואה
לען אין 1917 האבען ביידע ריכטונגען גע
צויגען פערציג פראצענט פון אלע שטי
מען, די לינקע האבען 11 פארשטעהער א
די רעכטע — 86 מעמבערס אין ריקסדא
ד. ה., 42 פראצענט פון אלע מעמבער
(230).

די לינקע האבען נאך דער דייטשע
רעוואלוציע אנגענומען א נייע פראגראמ
וועלכע איז ניט אין גאנצען קלאר, ווי
זי שליסט איין פיעלע געגענזעצטע
פונקטען. אזוי, איין פונקט פאדערט א
סאוויעט פארם פון רעגירונג, און אן אנ
דערער — דאס אפשאפען פון דער אוי
בערשטער פאלאטע (סענאט). נאך
פונקט פאדערט א גרינדונגס פארזאמלונ
און שטימרעכט פאר אלע בירגער — מע
נער און פרויען— איבער צוואנציג יאה
אלט. צווישען די אנדערע פאדערונגען גע
פינען מיר — אן אכט שטונדען ארבייט
טאג, א פארגרעסערונג פון שכירות פא
אלע ארבייטער, דאס אפשאפען פון מיל
טער־דיענסט און ארבייטער־קאנטראל אי
בער די אינדוסטריעס.

די „יונגע" וואקסען אין צאהל או
אין איינפלוס, זיי האבען אין פיעלע רי
טונגען באאיינפלוסט די „אלטע", ד. ה.
די סאציאל־דעמאקראטען און האבען אוי
געצוואונגען די רעגירונג צוזאגען פיעל
רעפארמען. די „יונגע" זיינען אבער נ
צופרידען, זיי געהן ווייטער. די הויפט
פראגע אין שוועדען איצטער איז, מאנא
כיע אדער רעפובליק? אלע סאציאליס
טען זיינען פאר א רעפובליק, פארשטעה
זיך, און די פראגע וועט אין גיכען בא
שלאסען ווערען דורך א רעפערענדום א
דורך א גרינדונגס פארזאמלונג. ווען ד
סאציאליסטען וואלטען געווען פאראיי
ניגט, וואלטען זיי, פארשטעהט זיך, גע
קענט אויספיהרען אלעס וואס זיי ווילע
ווייל די מאסען פון דער באפעלקערונג זיי
נען מיט זיי, אבער דער הויפט־קאמף פו
די סאציאליסטען איז א קאמף צוויש
זיך זעלבסט, צווישען די צוויי פראקציע
דאס שוואכט אפ זייער איינפלוס און ד
קאנסערוואטיווע און ליבעראלע פארטי
זוכען דיזען „ברודער קריג" אויסצונוצ

די ארבייטער פון קאנאדא פאר אינ־ דוסטריאליזם.

אין קאנאדא האבען די ארגאניזירט
ארבייטער אנגעהויבען פארשטעהן, אז ד
ארגאניזאציאנס־פארמע, וועלכע פאראי
ניגט בלויז די געלערנטע ארבייטער או
לאזט איבער די איינפאכע ארבייטער או
סער דער ארגאניזאציע, איז א געפאה
פאר דעם גאנצען ארבייטער־קלאס. „ד
וועסטערן קאנפערענץ אוו לייבאר" הא
דאריבער באשלאסען צו רעארגאניזירע
די יוניאנס אויף דעם אינדוסטריעלע
פלאן, — איין אינדוסטריע, איין יוניא
— אין וועלכע עס זאלען איינגעשלאסע
ווערען די איינפאכע אזוי גוט ווי די גע
לערנטע ארבייטער. דאס איז א רעוו
לוציע.

אינדיע איז ווידער זעלבסט בא־ שטימט.

דאס וואס עטליכע מיליאנען הינד
סען זיינען געשטארבען פון אינפלוענצ
דאס וואס די באפעלקערונג פון אינדיע
הונגערט און איז פארשקלאפט, דאס ה
די הינדוסען ווילען האבען א דעה
באשטימען פון זייער שיקזאל [illegible]

די הויפּט פיהרער פון דער אינטערנעשאָנאל ביי דער אַרבייט

איינדריקע פון דעם פּערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דער דזשע־נעראל עקזעקוטיוו באַארד אין פילאַדעלפיא, פרייטאג, שבת און זונטאג, דעם 25טען, 26טען און 27טען אַפּריל.

פון ש. יאַנאָווסקי.

איך האָב ניט ערוואַרטעט, פאָהרענדיג צום מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, צו הערען גרויסע אָראַטאָרישע רעדען, ווייסענדיג, אַז די טאָגעס־אָרדנונג איז פון אַ גאַנץ פּראַקטישער נאַטור, פאר וועלכע שעהנע געפלינגעלטע רעדען וואָלטען געווען זעהר ניט אם פּלאַץ. איך האָב אויך ניט ערוואַרטעט קיינע סענזאַציאָנעלע באַשליסע, נייע אויפטואונגען, ווייל איך ווייס מעהר אָדער ווייניגער, וואָס די בעאַמטע פון דער אינטערנעשאָנעל האָבען אין זינען אויפצוטאָן און וואָס זיי האָבען, ביז צו אַ געוויסען גראַד, שוין אויפגעטאָן, אַז איך זאָל קענען נאָר דענקען פון דער ערעפענונג פון אַ גאַנץ נייע פעלד פון טעטיגקייט; און דאָך האָב איך מיט אמת'ן פאַרגעניגען אָנגענומען די איינלאַדונג פון דזשענעראַל סעקרעטער באַראָוו צו קומען קיין פילאַדעלפיא.

איך האָב געפיהלט אַ שטאַרקען אינערליכען פאַרלאַנגען צו זעהן די הויפּט־פיהרער פון דער אינטערנעשאָנעל ביי דער אַרבייט. איך האָב געוואָלט זעהן די 15 מענשען, אין וועמעס הענט עס ליגט דער שיקזאַל פון אונזער גרעסטער אידישער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, ווי זיי אַרבייטען צוזאַמען. וואָרום עס איז נאָך ניט גענוג צו קענען אַ מענשען פון אַ פּערזענליכען געשפּרעך. עס איז נויטיג איהם צו זעהן ביי דער אַרבייט צוזאַמען מיט זיינע חברים. איהר קענט דאַן האָבען אַ פּיעל טיעפערען איינבליק אין זיין נשמה, אין זיין פיהלען, אין זיין אינערליכען אויסזעהן, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקען.

אַ חוץ דעם, חאָטש די מייסטע פון די וויס־פּרעזידענטען קען איך גאַנץ גוט, ווי, למשל, די פריינד זיגמאַן, ראָזענבערג, וואַנדער, לעפקאָוויטש, פּערלשטיין, האַלפּערן, זיידמאַן, פאַניא מ. קאָהען, נינפאָ און אַמדור, וועלכע איך טרעף אָפט אין ניו יאָרק, און די מייסטע פון וועלכע איך קען נאָך פון פריהערע צייטען, זיינען אָבער די איבעריגע וויס־פּרעזידענטען געווען פאר מיר אַ סאָרט טיערא אינקאָגניטאָ. איך האָב געהערט פון די ברידער קאַלדאָווסקי, סקולמאַן און סילוועער און זייער גוטער אַרבייט פאר די אינטערנעשאָנעל, האָב אויך אפשר, מיט זיי זיך אַמאָל באַגעגענט, אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט מיט זיי זיך דורכצורעדען, אַז איך זאָל קענען זאָגען, אַז איך קען זיי.

אַ חוץ דעם האָב איך געוואוסט, אַז צו דער באַארד זיינען צוגעשיקט געוואָרען פאַרשיידענע רעפּאָרטען מיט פאַרשיידענע פאָרשלעגע און פאָדערונגען; האָב איך זיך משער געווען, אַז פאר דער באַרד וועלען ערשיינען פאַרשיידענע קאָמיטעס מיט אַלערליי פאָרשלעגע און פאָדערונגען, און ווי אַזוי קען נאָך בעסער לערנען דעם כאַראַקטער פון דער אינטערנעשאָנעל, פאר וועלכער איך רעדאַקטיר „די גערעכטיגקייט", אויב ניט ביי אַזאַ געלעגענהייט? ווי אַזוי קען מען בעסער וויסען, ווי אַמבעסטען צו רעדאַגירען די צייטונג, אויב ניט דורך די פּערזענליכע באַריהרונג מיט די, וועלכע, מעהר ווי אַלע אַנדערע, דריקען אויס דעם גייסט פון דער אינטערנעשאָנעל?

אָט צוליעב דעם האָב איך מיט פאַרגניגען אָנגענומען די איינלאַדונג פון פריינד באַראָוו, און איך וויל דאָ גלייך זאָגען, אַז איך האָב ניט נאָר קיין חרטה, נאָר מיר האָט ווירקליך לייד געטאָן, וואָס איך האָב ניט געקענט פאַרבלייבען מיט די דעלעגאַטען ביז צום סאַמע סוף. האָב געמוזט פאַרלאָזען פילאַדעלפיא מיט אַ טאָג פריהער, ווי די דעלעגאַטען זעלבסט, און האָב פאַרפעהלט געוויס זעהר פיעל.

איך וויל אָבער, איידער איך טרעט צו צו צום סאַמע ענין, וואָרענען דעם לעזער, ער זאָל ניט מיינען, אַז איך גיב דאָ באַשרייבען יעדע איינצעלנהייט פון די דריי זיצונגען, וואָס איך האָב בייגעוואוינט, איך מיין די זיצונגען פון פרייטאָג און שבת. דאָס איז אוממעגליך. איך קען אויך דאָ ניט איבערגעבען אפילו אַ טייל פון די איינדריקע, וואָס איך האָב געקראָגען פון די פּערזענליכע געשפּרעכען מיט די וויס־פּרעזידענטען: קאַלדאָווסקי, פון טאָראָנטאָ; סקולמאַן, פון שיקאַגאָ און סילוועער, פון פילאַדעלפיא. איך קען דאָ ניט איבערגעבען די ווירקליך אינטערעסאַנטע מיטטיילונגען זייערע סיי איבער זיך זעלבסט און סיי איבער דעם, וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן, איך וועל עס קאָן שפּעטער, ביי אַנאַנדער געלעגענהייט. גענוג וועט זיין ווען איך וועל איצט זאָגען, אַז ברודער סילוועער, למשל, אין פילאַדעלפי, האָט אויפגעטאָן אין די לעצטע דריי יאָהר אַ ריזען־אַרבייט. ווען ער איז אָנגעקומען אין פילאַדעלפיא, האָט ער געפונען אַן אָרגאַניזאַציע פון איינינע מיידלעך, וועלכע איז געגאַנגען אונטער דעם נאָמען לײדיס וויסט מייקערס יוניאָן. פאַקטיש איז דאָס געווען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט נאָך גאָרניט עקזיסטירט. איצט קען ער זיך באַריהמען צו האָבען אָרגאַניזירט דעם גאַנצען לײדיס וויסט מאַכער טרייד. די יוניאָן פון די לײדיס וויסט מאַכער אין פילאַדעלפיא איז ווירקליך אַ מוסטער־יוניאָן אין דעם בעסטען זין פון וואָרט, ווייל זי ענטספּערט ניט נאָר אויף די באַדירפניסע פון דער לײדיס וויסט מייקערין, אַלס אַרבייטערין, נאָר אויך אויף אַלע איהרע באַדירפניסע, אַלס מענש, אַלס סאָציאַלער וועזען. די יוניאָן האָט אין פילאַדעלפיא אַ גרויסע הויז, אין וועלכען די מיטגליעדער האָבען זייערע שאָפּ־מיטינגען, אין וועלכע די יוניאָן זעלבסט האָט אַלע איהרע ביזנעס, אַ גימנאַזיום פאר די מיידלאַך צו שווימען, אַ קלאַס זיך צו לערנען טאַנצען, אַ קלאַב צו לערנען שפּילען, זינגען, און זי געהט נאָך איינפיהרען באַלד אַ לאַנטש־רום. אַ חוץ דעם האָט די יוניאָן אויסגעפיהרט אין דעם משך פון די דריי יאָהר אויפצובויען אַן אייגענע זומער־ווילא, אַ יוניטי־הויז אין קאַנטרי, וועלכע האָט געקאָסט דער יוניאָן 40 טויזענד דאָלאַר, און וועלכע איז פאָלשטענדיג אויסגעצאָהלט.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין דעם אַרבייטער־טעמפּעל, האָט דאָרט געקאָכט ווי אין אַ ביהנשטאָק. אין יעדען צימער איז עפּוואָס געטאָן געוואָרען. אין איין צימער זיצט באַרנשטיין, אַלס אַ דזשאָדזש איבער אַ געוויסע שאָפּ־פראַגע. פון זיין פאַרפּלאָמטען פּנים איז קענטיג, אַז די פראַגע מוז זיין ניט קיין גאַנץ לייכטע, און שנעל מאַך איך צו די טיר הינטער זיך, און טהו זיך אַ קעהר אין אַנאַנדער ווינקעל. דיזעלבע קאָכעדיגקייט, דיזעלבע ביזי איבעראַל. דאָ ניט אַ מיידעל רעסיטס פאר דיוס, וואָס אַנאַנדער מיידעל דערלאַנגט; אין אַנאַנדער ווינקעל, אויף אַ שטוהל ביי אַנאַנדער פענסטער טהראָנט מיסס ראָזענפעלד, מיט וועלכער מים קענאָן האָב שוין אונז פון פריהער באַקאַנט געמאַכט, און וואוהין איך טהו נאָר אַ בליק, אין יעדען צימער, אין יעדען ווינקעל, מען רעדט, מען דעבאַטירט, מען קאָכט זיך, מען איז ביזי.

אויף מיין גליק, ריכטיגער, אויף אונזער גליק, ווייל איך בין געקומען אין דער באַגלייטונג פון באַראָוו און זיידמאַן, איז דאַן גראָדע געווען די שטונדע פון זינגען און שפּילען. און מיר זיינען געווען איבערראַשט צו זעהן אַ היבשען צימער אָנגעפילט מיט מיידלעך פון פאַרשיידענעם עלטער און אויסזעהען מיט מאַנדאָלינען אין די הענט, און שפּילענדיג איינינע זאַכען גאַנץ גוט, חאָטש עס איז איינגאַנצען צוויי מאָנאַטען, ווי זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו לערנען. דאָסזעלבע איז אויך געווען ביים זינגען, ווען אַרום עכּליכע און צוואַנציג מיידלאַך האָבען געזונגען אין כאָר, חאָטש ניט אַלע מיט זעהר פרישע און שעהנע שטימען, אָבער אַלע מיט גרויס געפיהל.

עטוואָס האָט אָביסעל פאַרשטערט מיין גרויסען פאַרגעניגען. איך האָב, פּונקט ווי פריינד באַראָוו, באַמערקט אין דעם כאָר אַ מיידעל, וועלכע מיר ביידע האָבען מיט יאָהרען צוריק געקענט אַלס זעהר שעהנע, אַ זעהר געזונטע. זי איז געווען דאַן אין איהר פולער בליהונג. צו זעהן איצט איהר פאַרבליהטען, פאַרוועלקטען פּנים מיט אומעטיגע, כמעט אויסגעלאָשענע אויגען, איז פאר מיר, ווי פאר פריינד באַראָוו, געווען עטוואָס העכסט־פיינליכעס, און אין האַרצען האָב איך זיך געזאָגט: אַך, ווען אָט אַזאַ יוניאָן וואָלט געקענט אויפגעבויט ווערען מיט עטליכע יאָהר פריהער, קיינמאָל, קיינמאָל וואָלט אָט יענע בליהענדע שעהנהייט ניט געקענט ווערען אַזוי עלענד, אַזוי פאַרלאָזען, אַזוי חרוב, און איך האָב געטראַכט: וועט די איצטיגע יוניאָן קענען כאָטש וויפיעל עס איז גוטמאַכען דאָס, וואָס די פריהעריגע אַרבייטער־טעטיגקייט צוליעב איהר שוואַכקייט און אונבאַהאָלפענקייט, האָט ניט געקענט פאַרהיטען?

איך וואָלט גערן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פּערזענליכקייט פון דעם הויפּט אויפטועהר פון דעם אַלעם, אייבראַהאַם סילוועער, און דערצעהלען עטוואָס, ווי ער האָט עס מיר דערצעהלט, פון זיין לעבען, חאָטש ער איז נאָך זעהר יונג, אָבער איך קען עס ניט איצט, ווייל אויב איך וואָלט עס געטאָן מיט איהם, וואָלט איך געמוזט אויך געבען די פּען־בילדער פון קאַלדאָווסקי, וועלכער האָט זעהר פיעל שוין דורכגעמאַכט, פון סקולמאַנען, וועלכער, ווי ער האָט מיר דערצעהלט, האָט זיך ממש אויפגעהאָדעוועט אויף דעם לאָנדאָנער „אַ. פּ." און דער „פּ. אַ. ש.", און דאַן פון אַלע אַנדערע וויס־פּרעזידענטען, וועמעס לעבען און טעטיגקייט איז זעהר און זעהר אינטערעסאַנט, ווייל אַזוי וויכטיג פאר טויזענדע און טויזענדע, וועמען זיי האָבען פאַרהאָלפען צו אַ בעסערען, שעהנערען לעבען. אָבער דאָס קען איצט ניט געטאָן ווערען, ווייל איך וויל דאָ איבערגעבען איינינע איינדריקע פון די דריי זיצונגען, וואָס איך האָב בייגעוואוינט, ניט אַלס מיט־טוער, נאָר אַלס שטומער עדות.

איך ווייס, אַז ווען דער מיטגליעד פון „רענק ענד פייל" הערט, אַז די דעלעגאַטען פאָהרען אַוועק צו אַ קאָנגרעס, איז זיין ערשטער געדאַנק: נו, אונזערע פיהרער געהען שוין „לעבען אַ טאָג". אָט וועלען זיי קומען אין אַ פּרעכטיגע שטאָדט, וועט מען ערשטענס זיי קומען מקבל פּנים זיין; מען וועט זיי אַרויסנעמען אין אויטאָמאָבילס, ווייזען די שטאָדט, נאָכהער וועט מען זיי נעהמען אין טעאַטער, אין אָפּערא און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

ווי ווייט עס איז די ווירקליכקייט פון דער פאָרשטעלונג! מיר האָבען פאַרלאָזען ניו יאָרק פרייטאָג אום נײַן אין דער פריה, געקומען זיינען מיר אין פילאַדעלפיא אום עלף; אָבער קיינער האָט אונז ניט ערוואַרט, קיינע אויטאָמאָבילען אודאי ניט. מיר האָבען געמוזט מוחל זיין אונזער כבוד און פאַרלאָזען דעם דיפּאָ צופוס, צוגעהן צום האָטעל, באַשטעלען אַ צימער פאר זיך, און אום עס זאָל אויסמאַכען אָביסעל ביליגער, צו נעהמען איין צימער פאר צוויי, און האָבענדיג אַלעם דאָס אויפגעטאָן, האָבען מיר שוין געטראָפען דאָרט פר. באַראָוו, וועלכער איז געקומען פאר אונז מיט אַ פּאָר שטונדען פריהער, אום אַלעם אָנצוגרייטען, כדי מען זאָל גלייך קענען צוטרעטען צו דער אַרבייט!

און ווירקליך, האַלב נאָך איינס זיינען שוין אַלע דעלעגאַטען געווען אין האָל, ד. ה. אין אַ קליינעם צימער, וואָס איז געווען פּונקט גענוג פאר אונזערע ביסעל מענשען, און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. ב. שלעזינגער, פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל, גיט איבער אין אַ קאָנווערזאַציאָנס־טאָן אַלעס, וואָס די אינטערנעשאָנעל האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע מאָנאַטען. ער רעדט שטיל, געלאַסען פון די גרויסע אויסגעפּאַכטענע קעמפּפע, פון די נייע זיגע, אָבער אַלע אָנוועזענדע וויסען, וואָס דאָס האָט געקאָסט, וועלכע אָנשטרענגונגען פון טויזענדע און טויזענדע. ער דערצעהלט, אַז דער ערשט־געענדיגטער לײדיעס וויסט מייקערס סטרייק האָט געקאָסט אַ האַלבען מיליאָן דאָלאַר און — לאָרנים, אונזערע דעלעגאַטען נעהמען עס אויף, דאַכט זיך, אַזוי געלאַסען, כאָטש מען קען לייענען דעם געפיהל פון שטאָלץ און יובעל אויף יעדען פּנים. ער גיט איבער די געשיכטע פון קאַמפּף אָהן דעם מינדעסטען פּאַטהאָס, ער דערצעהלט פון די הונדערטע און הונדערטע, וואָס זיינען אַרעסטירט און פאַרפאָלגט געוואָרען אין דעם סטרייק. ער דערצעהלט די דאָזיגע וואָרהאַפטיגע העלדען־געשיכטע, און חאָטש זי ווערט ניט איבערגעריסען פון קיינע אַפּלאָדיסמענטען, אָבער איהר פיהלט, אַז אַלע פיהלען, אַז דאָ ווערט דערצעהלט עטוואָס גרויסעס, טיטאַנישעס.

ער ענדיגט זיין רעפּאָרט, און ברודער באַראָף פאַנגט אָן זיין געשיכטע, וועלכע איז פּונקט אַזוי ריהרענד, פּונקט אַזוי ערגרייפענד, און דערפאַר ווערט זי אויפגענומען מיט דעמזעלבען טיפען ערנסט, אַזוי, אַז די פאָלגענדע הסכּמה פון די פאַרזאַמעלטע זעהט אויס ניט מעהר ווי אַ ניט נויטיגע צערעמאָניע. אין דער טיפער שטילקייט, אין דעם גרויסען ערנסט האָבען די גענעראַלען געהאַט די טיפסטע און שטאַרקסטע אַנערקענונג פון די אַלע אָנוועזענדע.

עס פאָלגען דאַן די רעפּאָרטען פון אַנדערע וויס־פּרעזידענטען, פון די ברידער קאַלדאָווסקי פון טאָראָנטאָ, פון סקולמאַן פון שיקאַגאָ, פון סילוועער און אַמדור פון פילאַדעלפיא, פון זיגמאַן פון ניו יאָרק, פון פּערלשטיין פון קליוולאַנד, און אַלע, אַלע אָטעמען מיט ענטוזיאַזם, מיט באַגייסטערונג, מיט אַן איינפאַכער ערצעהלונג פון דעם, וואָס איז שוין אויפגעטאָן געוואָרען, און פון וואָס מען פּלאַנעוועט פאר די באַלדיגע צוקונפט.

שטונדען געהען אַוועק, און מען האַלט אַלץ אין דערצעהלען און דערצעהלען און אַלץ אין אַזעלכע איינפאַכע ווערטער, און דאָך אַזוי אינטערעסאַנט, אַז מען באַמערקט ניט די לויפענדע צייט, און עס פאַרדריסט פּשוט וואָס אין מיטען דעריגען קומט אַ קאָמיטע פון דער דזשאָינט באָארד פון די קלאָאָקמאַכער אין פילאַדעלפיא און לאַדעט איין די געסט צו אַ באַנקעט, וואָס איז פאַראַנשטאַלט פאר זייער כבוד אויף מאָרגען אום עלף ביינאַכט.

וואָרום עפּעס אום עלף? פאַרשטעהט איהר, די דזשאָינט באָארד פון די פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער האָט אויך אַ מיטינג, אַ וויכטיגען מיטינג, וואָס קען ניט אָפּגעלייגט ווערען. אויך דאָרט גרייטען זיך די קלאָוקמאַכער צום קאַמפּף. אויך דאָרט וויל מען מאַכען דיזעלבע רעוואָלוציע אין דער אינדוסטריע, ווי די ניו יאָרקער, און דאַן זיינען דאָך די דעלעגאַטען אויך ניט קיין לײדיג־געהער, איז די פאַסענדסטע צייט 11 אוהר ביינאַכט.

נאַטירליך, ענטזאָגען זיך ניט די דעלעגאַטען. פּרעזידענט שלעזינגער נעמט אָן זייער איינלאַדונג אין דעם נאָמען פון אַלע, און זיגמאַן נעהמט זיך ווידער דערצעהלען וועגען דעם גאַנצען קאַמפּף־פּלאַן פון די קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק.

איהר הערט איהם ריידען אין זיין עטוואָס רייסענדער שטימע, אָבער איהר באַמערקט עס גאָרניט. איהר וואונדערט זיך, ווי גוט דער פּלאַן איז שוין אויסגעאַרבייט אין אַלע זיינע איינצעלהייטען, ווי קיין זאַך איז דאָ ניט איבערגעלאָזען געוואָרען צום צופאַל, און איהר טראַכט זיך: וואויל דער באַוועגונג, וועלכע האָט אַזעלכע וויטזיכטיגע און איבערגעבענע גענעראַלען. באַרעכענט, אין דעם משך פון אַ פּאָר וואָכען בלויז זיינען אַריינגעקומען פון דעם אַרויפגעלייגטען 5־דאָלאַר טעקס 150 טויזענד דאָלאַר. ווי געשיקט, ווי קלוג דאָס האָט אַלעם געמוזט אויסגעאַרבייט ווערען, און אין דערזעלבער צייט, וועלכער באַוויז פון ציעלבאַוואוסטזיין פון דער גאַנצער מיטגליעדערשאַפט, ווייל די דאָזיגע סומע וואָלט ניט געקענט געשאַפען ווערען, ווען אַלע, אַלע אָהן אויסנאַהם וואָלטען צו איהר ניט בייגעטראָגען. ער דערצעהלט אונז פון אַלע קאָמיטעס, וועלכע זיינען שוין אויסגעקליבען געוואָרען, און פון וועלכע יעדע ווייס איהר פּלאַץ, איהר פונקציע, און עס דוכט זיך אייך, אַז פאר אייך שטעהט אַן אימפּרעסאַריאָ, וועלכער דערצעהלט אייך פון די „ריהוירסעלס", וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט מיט די אַקטיאָרען, און ווי גוט יעדער איינער קען און פאַרשטעהט זיין ראָליע.

„יעדען מאָמענט זיינען מיר פאַרטיג צום קאַמפּף", פאַרענדיגט ברודער זיגמאַן זיין רעפּאָרט, און, ווען ער ענדיגט איהם, און דער טשערמאַן פרעגט ביי די פאַרזאַמעלטע, נאָכדעם, ווען עס זיינען געשטעלט געוואָרען איינינע זעהר וויכטיגע פראַגען פון ברודער אַמדור און אַנדערע, אויב זיי הייסען גוט אַלעם דאָס, וואָס די קלאָוקמאַכער יוניאָן בעהט טאָן,

די פארשטעהענדע ענדערונגען אין קלאוק אינדוסטרי

פון ל. פינקעלשטיין.

5.

אין דעם פארינגען ארטיקעל האבען מיר געזעהן, ווי דער שטיק־סיסטעם ביי קלאוקס האט געהאט א דירעקטע ווירקונג ניט צו לאזען די אינדוסטריע זיך ענטוויקלען. מיר האבען אנגעוויזען ווי דאס האט געבראכט מיט זיך די צושפליטערונג פון די קלאוק שעפער, דאס אנשטאט די אמאליגע, סאלידע, גרויסע קלאוק־הייזער, וואו עס זיינען געווען באשעפטיגט א סך ארבייטער, וואו מען האט געקענט נישקשה'דיג פארדיענען, זיינען אויסגעוואקסען גרויסע „דזשאבערס", וועלכע מאכען זייער ארבייט ערגעץ אין די קליינע שאפקעס, וועלכע עס איז פשוט אונמעגליך ריכטיג צו קאנטראלירען. מיר האבען געזעהן, ווי דאס שטענדיגע דינגען זיך ווענען פרייזען האט געפיהרט צו דעם, דאס דער קלאוק־טרייד אין ניו יארק איז אין די לעצטע פאר יאהר ארונטערגעזונקען, און ניט געוואקסען, ווי דאס האט געדארפט זיין דער פאל אונטער נארמאלע אומשטענדען.

די סטאטיסטיקס, וואס זיינען צוזאמענגעשטעלט געווארען פון דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל אין דער קלאוק־אינדוסטריע, באווייזען קלאר ווי דער טאג, דאס ערשטענס זיינען היינט דא אין ניו יארק א סך מעהר קלאוק־שעפער, ווי מיט עטליכע יאהר צוריק און דאס אין דיעזע שעפער זיינען באשעפטיגט עטליכע טויזענד ארבייטער ו ע נ י ג ע ר, ווי מיט א פאר יאהר צוריק. דאס הייסט, עס זיינען צוגעקומען שעפער און עס זיינען אפגעקומען ארבייטער! די שעפער האבען זיך פארמעהרט, די צאהל ארבייטער אין דיעזע שעפער האט זיך אבער באדייטענד פארקלענערט.

אז אין דעם קלאוקס־טרייד פון ניו יארק זיינען איצט באשעפטיגט עטליכע טויזענד ארבייטער ווענינער, ווי מיט א פאר יאהר צוריק, באווייזען אויך די ביכער פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

עס איז, אלזא, גאנץ קלאר, דאס די קלאוק־אינדוסטריע איז דא געגאנגען ריקווערטס און די ארבייטער אין דער אינדוסטריע האבען פון דעם גאר א סך געליטען מאטעריעל און אויך גייסטיג, ווייל דאס האט, ווי מיר האבען שוין געזעהן אין די פאריגע ארטיקלען, צערשטערט די הארמאניע אין שאפ, געפיהרט צו אומנוציגע קריגערייען צווישען די ארבייטער גופא.

דער אמת פון דער זאך איז, דאס דערפון האבען געליטען ניט בלויז די ארבייטער. עס האבען דערפון אויך געליטען די מאנופעקטשורערס. עס איז, נאטירליך, ניט אונזער עסק זיי צו פארזארגען, עס וועט אבער ניט שאדען צו זאגען ווענען דעם א ווארט.

יעדער קלאוקמאכער וויים, דאס אין די קלאוק־שעפער איז אין די לעצטע פאר יאהר ניט אריינגעקומען אזעלכע נייע מאשינען, וואס זאלען אוועקנעהמען די ארבייט פון די ארבייטער; דאס הייסט, עס זיינען ניט צוגעקומען אזעלכע מאשינען, דאס א קלענערע צאהל ארבייטער זאלען קענען מיט זיי אויפמאכען אזוי פיעל ארבייט, ווי עס האבען בעפאר געמאכט א גרעסערע צאהל ארבייטער. היינט ווי באלד אין דעם טרייד זיינען באשעפטיגט ווענינער ארבייטער ווי א מאל, קען דאך דאס אנדערש ניט מיינען, ווי אז עס ווערט דא געמאכט ו ע נ י ג ע ר א ר ב י י ט; אז די מאנופעקטשורערס האבען ווענינער „אר־דערס" ווי אמאל.

עס פארשטעהט זיך, ביי זיי זעהט זיך דאס ווענינער אן ווי ביי אונז.

ווען די קלאוקמאכער האבען אין די לעצטע פאר יאהר געהאט איין שלעכטען סיזאן נאכ'ן אנדערען, האבען זיי דאס גאנץ ביטער געפיהלט. דאס האט געמיינט פאר זיך מיט דער פאמיליע א ביסעל ניט דערעסען און געהן אנגעטאן ניט ווי מענשען דארפען געהן. דאס האט געמיינט פאר זיי צו וואוינען אין ביליגערע רומס, און בכלל זיך אפזאגען פון א סך נויטיגע זאכען, וואס מאכט דאס לעבען אביסעל אנגענעהמער.

גאנץ אנדערש אבער איז עס מיט די מאנופעקטשורער. ווען, למשל, פון א גרעסען סיזאן איז דער פירמע געבליבען 20 טויזענד דאלאר ריינער פראפיט און פון שלעכטען סיזאן איז איהר געבליבען נאר 10 טויזענד דאלאר, איז מה רעש? איז וואס איז דא אזוי געפעהרליך? האבען זיי „געסייווט" א ביסעל ווענינער, אבער אויף פרנסה האט, חלילה, קיינעם פון זיי ניט געפעהלט. ניט זיי און ניט זייערע פאמיליען האבען זיך צוליעב דעם נעדארפט קווענקלען.

היינט נאך עפעס. אז מענעשן, און נאך ביזנעס לייט דערצו, האבען געלד, ניט מען זיך אן עצה, האנדעלט מען צו מיט עפעס אנדערש. אין די לעצטע פאר סיזאנס, למשל, זיינען גאר א סך פון די נויארקער קלאוק מאנופעקטשורערס געווארען וואארע־ספעקולאנטען. מען האט געקויפט און פארקויפט שטיקער וואארע און מען האט דערביי גאנץ פיין פארדיענט. אגב ווייסען אויך די קלאוק מאנופעקטשורער וואו וואלל סטריט געפינט זיך און ניט איינער פון זיי מאכט דארטען געלד פון פארשידענע „סטאקס", מיט וועלכע זיי האנדלען אונטער אלס א „סייד ליין". זיי נעמען זיך דאריבער ווייניג וואס צום הארצען אויב די קלאוקס אינדוסטריע געהט פאראווערטס אדער ריקווערטס. מאכען זיי ניט פון קלאוקס, מאכען זיי פון עפעס אנדערש, מאכען זיי פון וואארען־ספעקולאציעס, מאכען זיי פון ווייץ, פון קאטען, פון קופער, א. ז. וו. זיי מעגען זיך דאריבער זיין גאנץ גלייכגילטיג, זיך ניט קימערען אויב די אינדוסטרי געהט פאראווערטס אדער ריקווערטס.

די ארבייטער קאנען זיך אבער צו דעם אזוי גלייכגילטיג ניט פארהאלטען. דער קלאוקס טרייד איז דער איינציגער קוואל פון וואנען זיי דארפען מאכען א לעבען און עס איז זעהר פיעל אין זייערע אינטערעסען דאס דער טרייד זאל פראגרעסירען, דאס די אינדוסטרי זאל זיך ענטוויקלען און געהן פאראווערטס, ניט ווי זי איז געגאנגען אין די לעצטע 8—9 יאהר, ריקווערטס. עס איז אין זייערע אינטערעסען אז אזעלכע צרה'דיגע סיזאנס ווי זיי האבען געהאט אין די לעצטע פאר יאהר, איידער דער היינטיגער עקסטרא גוטער סיזאן האט א שיין געטאן, זאלען זיך מעהר ניט אומקערען. דער קלאוק מאכער האט ניט קיין „סטאקס", ער האט ניט קיין „סייד ליין", זיי זיינען גאר אין גאנצען אבהענגיג פון דער קלאוק אינדוסטרי און דערביי מוזען זיי „מאכען" זייער לעבען. עס דארף זיי דעריבער אינטערעסירען דער צושטאנד פון דער אינדוסטרי, איהר גאנג און ענטוויקלונג, ניט נאר אין דער געגענווארט, נאר אויך אין דער נאהנטער צוקונפט. עס איז זעהר און זעהר אין דעם ארבייטערס אינטערעסע צוריקצוברענגען די קלאוק אינדוסטריע צו דער מדרגה זי זאל ווייטער קאנען וואקסען, פראגרעסירען, און ניט געהן צוריקוועגס. די אינדוסטרי מוז דא צוריקגעבראכט ווערען צו דעם שטאנד, דאס די קלאוק שעפער זאלען אנפאנגען ווערען גרעסער און ניט קלענער, דאס די „דזשאבערס" זאלען ווערען מאנופעקטשורער און ניט די מאנופעקטשורערס זאלען ווערען „דזשאבערס", ווי דאס איז געווען דער פאל אין די לעצטע עטליכע יאהר. עס דארף אוועקגענומען ווערען די מעגליכקייט, דאס יעדער „קאקערוטש" זאל קענען עפענען א סוועט־שאפקע און ווערען א „מאנופעקטשורער". עס זאל זיך קאנען צוזאמענגעמען אן אפרייטאר מיט א פינישער, שאפען א „קאפיטאל" פון א צוויי הונדערט דאלער און עפענען א „קלאוק פעקטארי", מיט א פאר „קאטערינקעס" אין א שמוציגען, ניט געזונטען „לאפט", אין וועלכען די ארבייטער פארלירען דאס געזונד און ווערען קאנדידאטען פאר א סאניטאריום.

און דאס אלעס קאן נעמען [illegible] נאר דעמאלט, ווען אין דעם גאנצען קלאוק טרייד וועט איינגעפיהרט ווערען וואך־ארבייט.

נאך א לאנגען ארומבלאנזשען איז די קלאוק מאכער יוניאן אין ניו יארק ענדליך געקומען צו דעם באוואוסטזיין און זי איז־שוין דערפאר איצט גרייט צו קעמפען, מיט'ן פולען סופארט פון אלע אקטיווע מיטגלידער און פארשטענדיגע ארבייטער אין טרייד, וועלכע האבען איינגעזעהן, פון וואנען דער אומגליק אין טרייד האט זיך גענומען, פון וואנען עס שטאמען אפ אלע די צרות וואס האבען אין די לעצטע עטליכע יאהר אזוי פיעל פארביטערט דעם קלאוק מאכערס לעבען. מען האט ענדליך איינגעזעהן אז נאר וואך־ארבייט קאן מאכען א סוף צו די אלע איבלען אין דער אינדוסטרי, ווי מיר האבען עס אנגעוויזען, און איהר אוועקשטעלען אין א נעזונטער לאגע זי זאל קאנען וואקסען און זיך ענטוויקלען, זי זאל געהן פאראווערטס ניט ריקווערטס. דאס וועט מאכען, ביז גאר א גרויסען גראד, א סוף צו די „דיסקרימינייישאנס", „רעארגאניזיישאנס", „קאאפעריישאן"־שעפער, און וועט אריינברענגען מ ע ה ר ה א ר מ א נ י ע, מעהר איינינקייט אין דער־יוניאן און מעהר ברידערליכקייט צווישען די ארבייטער אין די שעפער.

עס איז קיין פראגע ניט דאס דיעזע אומענדערונגען אין קלאוקס טרייד, פאר וועלכע די יוניאן מאכט זיך שוין גרייט צו קעמפען, אויב די בעלי בתים וועלען אויף דעם ניט איינגעהן ביים גרינעם טיש דורך קאנפערענצען, מיינט אן אמת'ע איבערקערעניש, א רעוואלוציע אין דעם טרייד, א רעוואלוציע צום גוטען, פון וועלכער די גאנצע אינדוסטרי וועט פיעל פראפיטירען. דיעזע אומענדערונג וועט האבען נאך א גרעסערע באדייטונג, וועט זיין נאך פון א גרעסערען ווערט, ווי יענע גרויסע אומענדערונג וואס איז געמאכט געווארען אין יאהר 1910, אין יענעם גרויסען, היסטארישען דזשענעראל סטרייק. יענער אויפשטאנד אין טרייד האט געבראכט מיט זיך אונזער גרויסע און מעכטיגע קלאוק מאכער יוניאן, די אומענדערונג וועט די יוניאן אזוי באפעסטיגען דאס קיין שטורם ווינד וועט איהר מעהר ניט קאנען געבען אפילו דעם מינדעסטען טרייסעל. יענער אויפשטאנד אין טרייד האט געבראכט די יוניאן אין שאפ, אין דעם שאפ וואו מען האט זיך בעפאר מיט די ארבייטער גאר ניט גערעכענט, און האט געווירקט, דאס מען האט געמוזט זיך נעהמען רעכענען מיט איהם. די אומענדערונג וועט אריינברענגען די יוניאן צו יעדען מיטגליעד אין הארצען און וועט מעגליך מאכען די ארבייטער זאלען טאקע קענען זיין ריכטיגע, אמת'ע יוניאן־לייט.

דער דזשענעראל סטרייק פון 1910 האט, אמת, דעם טרייד ארגאניזירט, ער האט אבער ניט געשאפען אין דעם טרייד אזא באדען דאס די ארבייטער זאלען ביי דער ארבייט קאנען מאכען א רוהיג, אנשטענדיג לעבען, ווי עס פאסט זיך פאר ציוויליזירטע, אויפגעקלערטע ארבייטער; דאס די לאגע פון די ארבייטער אין שאפ זאל וואס ווייטער ווערען אלץ זיכערער, אלץ שטאנדהאפטיגער. און דאס מוז איצט די קלאוקמאכער יוניאן גוט מאכען.

צום שלום וועט ניט שאדען כדי אויפמערקזאם צו מאכען אויף נאך א זעהר וויכטיגען פונקט.

האבען אמאל די קלאוקמאכער א טראכט געטאן ווי אזוי דער שטיק־ארבייט סיסטעם איז צו זיי געקומען? האבען זיי זיך אמאל פארטראכט, דאס דיעזער מיזעראבלער ארבייטס־סיסטעם איז ניט געקומען אלס א פ ר י י ע ר אויסוואהל, ווייל די ארבייטער האבען נאכגעדענקט און אויסגעפונען, אז פון שטיק איז ווירקליך בעסער צו ארבייטען ווי פון וואך?

דער אמת פון דער זאך איז, דאס דער מיזעראבלער שטיק־סיסטעם איז אן א י ב ע ר ב ל י י ב ע נ י ש פון די אמאליגע סקעבישע צייטען! פון יענער פינסטערער צייט, ווען אין דעם טרייד האט ניט עקזיסטירט קיין שטארקע יוניאן פון א באדייטונג, וואס זאל האבען קאנטראלירט דעם טרייד. דער סיסטעם פון שטיק־ארבייט ביי קלאוקס איז איינגעפיהרט געווארען אין א צייט, ווען די בעלי בתים האבען געהאט די גאנצע מאכט און דעה, צו טאן וואס זיי האבען געוואלט און האבען זיך מיט דער מיינונג פון די ארבייטער גאר ניט גערעכענט! זיי האבען איינגעפיהרט די שטיק־ארבייט סיסטעם אין דער צייט ווען די ארבייטער אין די קלאוק שעפער זיינען געווען הפקר צו די קאפריזען פון די מאנופעקטשורער. די מאנופעקטשורער האבען דעמאלט ניט געפרעגט ביי די ארבייטער, אויב זיי ווילען ארבייטען פון וואך צו פון שטיק, מען האט זיי געהייסען ארבייטען פון שטיק און פטור! און דאס וואס די פרעסער און סעמפעל־מאכער ארבייטען פון וואך איז דערפאר, וואס אין דזשענעראל סטרייק פון 1910 האט דאס די יוניאן פאר זיי אויסגעקעמפפט.

דענקט איהר ניט, ברידער קלאוקמאכער, דאס עס איז כדאי א טראכט צו טאן, ווארום די בעלי בתים האבען איינגעפיהרט שטיק ארבייט דעמאלט ווען זיי זיינען פ ר י י געווען איינצופיהרען וועלכען ארבייטס־סיסטעם זיי האבען נאר געוואלט? לעגט זיך דאס ניט ביי אייך אויפ'ן שכל, דאס ווי באלד זיי האבען זיך אויסגעקליבען שטיק־ארבייט, איז דאס מסתמא דערפאר, ווייל זיי האבען גערעכנט אז דער סיסטעם פון ארבייט לוינט זיך פאר זיי בעסער?

די פראגע איז, אלזא, צו די קלאוקמאכער אין ניו יארק דארפען היינט ארבייטען אונטער אזא סיסטעם, וואס די מאנופעקטשורער האבען פאקטיש אויף זיי ארויפגעצוואונגען איידער די ארבייטער זיינען נאך ריכטיג ארגאניזירט געווען. ווי עס שיינט אבער, האט מען זיך מיט דעם איבעל אזוי איינגעלעבט אז מען האט גאר פארגעסען פון וואנען דאס איז געקומען.

אבער, ווי שוין באמערקט, אונזערע קלאוק מאכער זיינען ענדליך דאך צום שכל געקומען און זיי פאדערען וואך־ארבייט. וואך־ארבייט איז איצט געווארען די לאזונג פון די נויארקער קלאוק מאכער און עס ווילט זיך האפען דאס באלד, באלד און דער שטיק ארבייט סיסטעם אין דעם טרייד וועט זיין א זאך פון דער פארגאנגענהייט.

א ווארט צו די וויסט און דרעסמאכער פון לאק. 25

די שענדליכע האנדלונג פון די עטליכע וויסט מאנופעקטשורערס, וועמעס ארבייטער זיינען נאך ביז איצט אין סטרייק, טאר ניט און זאל ניט פארשווייגען ווערען פון די מעמבערס פון דער וויסטמייקערס יוניאן.

די דאזיגע האנדלונג פון אט די עטליכע פארביסענע מאנופעקטשורערס איז בנוגע ניט נאר די בראווע סטרייקער, די ארבייטער, וועלכע שטעהען אזוי לאנג אין קאמף, מיט דער בייטש פונ'ם איצטיגען יקרות איבער זייערע קעפ, און גיבען זיך דאך ניט אונטער.—נאר עס איז פונקט אזוי גוט אין די אינטערעסען פון די אלע וויסט־מאכער, וואס ארבייטען שוין איצט, אז אט דער פארביסענער קאמף, פון וועלכען זייערע סטרייקענדע שוועסטער האבען אזוי פיעל אויסצושטעהן, זאל אומבאדינגט געוואונען ווערען! דאס קען לייכט אויסגעפיהרט ווערען, אויב נאר יעדער מעמבער פון דער וויסט און דרעסמייקערס יוניאן, וועלכע ארבייטען און פארדיענען, זאל טאן זיין אדער איהר פליכט צו זייערע מוטיגע ברידער און שוועסטער אין זייער קאמף פאר יוניאן־פרינציפען.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו אלע מעמבערס פון דער יוניאן מיט דעם אייפרוף צו טאן זייער הייליגע פליכט צו זייערע סטרייקענדע ברידער און שוועסטער, און ביז דער סטרייק וועט ניט געבראכט ווערען צו א זיעגרייכען ענד, זאלען זיי ניט פארפעהלען בייצושטייערען יעדע וואך די פינף פראצענט פון זייערע פארדיענסטען צום רעליעף־פאנד, פאר די נאך ביז־איצט סטרייקענדע וויסט־מאכער.

עקז. באארד ליידיעס וויסט און דרעסמייקערס יוניאן לאק. 25

י. שטעהנהאלץ, סעקרעטער.

לייטע ווערען אויפגעפאדערט צו מאכען אלע אנשטרענגונגען דאס דיזער אסעסמענט זאל פון יעדען מיטגליד באצאהלט ווערען וואס גיכער.

די עקז. באארד האט גענומען א טעאטער אונטערנעמונג פאר אונזערען א מעמבער, וועלכער איז ביי דער ארבייט פארקריפעלט געווארען און איז מעהר ניט פעהיג צו ארבייטען ביים מאשין. דיעזע אונטערנעמונג איז פאר זונטאג מאטינעע דעם 18טען מאי אין שווארץ'ס אירווינג פלייס טעאטער. אונזערע מעמבער זיינען געבעטען צו קויפען טיקעטס. פאר טיקעטס זאל מען זיך ווענדען אין אפיס פון אונזער יוניאן.

ס ע ם פ ר י ד מ א ן, סעק.

ווען מען האט געווארפען באמבעס און געשאסען פון דער לופט אין די פראטעסטירענדע מאסען, — דאס אלעס איז ניט וויכטיג. וויכטיג איז דאס, וואס רוהע הערשט איצטער אין אינדיע. די הערשער פון גראס־בריטאניע האבען ווידער „זעלבסט באשטימט" אינדיע.

באנדיטיזם אין סיביר אונטערשטיצט.

די שווארצע מאה'דיגע באנדיטען און צארישע אפיצירען פון קאלטשאק ווערען איצטער אנגערופען „די פאלקס־ארמעע"; די ערווידערונג פון מאנאפאלקע הייסט „פרייער האנדעל"; דאס ארעסטירען, ארויסשיקען און ערמארדען פון די מיטגלידער פון דער אלטער רוסישער גרינדונגס פארזאמלונג באדייט איצטער, אז קאלטשאק איז פאר דער גרינדונגס פארזאמלונג; דאס ארעסטירען פון דעלעגאטען צום קאנגרעס פון שטעדט אין זעמסטוואס הייסט אז קאלטשאק איז פאר ארדער און געזעצליכקייט; די ארגיעס פון קאלטשאק'ס לייטענאנטען — סעמיאנאף, קאלמיקאף, איוואנאף־רינאף — צייגט, אז קאלטשאק איז פאר אבסאלוטע פרייהייט. אט אזוי געהט די וועלט.

און קאלטשאק מיט זיינע באנדיטען ווערען אונטערשטיצט... געוויס, ניט דאס רוסישע פאלק אונטערשטיצט איהם.

פרעזידענט גאמפערס שווער פארוואונדעט אין אן עקסידענט

סעמועל גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער אמ. פעד. אוו לייבאר, איז לעצטען זונטאג שווער פארוואונדעט געווארען דורך אן אטאמאביל עקסידענט.

דאס איז געווען האלב נאך דריי בייטאג. גאמפערס איז געפאהרען אין אן אטאמאביל אויף בראדוויי. לעבען האטעל קאנטינענטאל האט זיך דער אטאמאביל אין וועלכען ער איז געפאהרען צוזאמענגעשטויסען זיך מיט א סטריט־קאר און גאמפערס איז שווער פארוואונדעט געווארען. צוויי ריפען זיינען איהם צובראכען געווארען.

ער איז אריינגענומען געווארען אין האטעל קאנטינענטאל און א גאנצע נאכט איז ער געווען אונטער דער אויפזיכט פון נוטע דאקטוירים.

גאמפערס איז יעצט איבער 69 יאהר אלט. אבער ער האט זיך די גאנצע צייט געפיהלט געזונד און שטארק.

גאמפערס איז געווען די לעצטע צייט נידערגעשלאגען צוליעב דעם גרויסען פאמיליען־אומגליק זיינעם. דעם 14טען אקטאבער איז איהם זיין טאכטער, סיידי גאמפערס, געשטארבען פון ניומאניא. זייט דאן איז ער נאך צו זיך ניט געקומען.

דר. ראטש, וועלכער באהאנדעלט איהם האט אויך ערקלערט, אז גאמפערס זארגט זיך ניט אזוי שטארק וועגען זיינע וואונדען, ווי וועגען דעם, וואס ער דארף צוליעב דעם אפלעגען א גאנצע רייהע וויכטיגע ארבייטער קאנפערענצען.

לויט די לעצטע מעלדונגען פיהלט זיך דער פארוואונדעטער שוין א סך בעסער און ער האפט אז ביז צום 9טען מאי וועט ער שוין געזונד זיין אום צו קאנען ביייוואוינען דעם מיטינג פון עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר.

פרעזידענט גאמפערס באקומט יעדען טאג פיעלע מיטלײדס־טעלעגראמען פון ארגאניזאציאנען איבער'ן גאנצען לאנד און אויך פון פיעלע איינפלוסרייכע פערזאנען פון אלע געזעלשאפטליכע שיכטען אין אמעריקא.

פרעזענטירען א ביזנעס אייזשענט פון די קלאוק מאכער יוניאן.

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט"!

מיר בעטען אייך אונז צו געבען א שטיקעל פלאץ פאר די פאלגענדע עטליכע שורות:

מיר, די ארבייטער פון לואיס מארגאליס, 21—119 וועסט 26טע סט. דריקען אויס אונזער גרויס אכטונג און דאנק צו ברודער פרעסס, דער ביזנעס אייזשענט פון דער יוניאן וואס אטענדעט אונזער שאפ פאר'ן פארהאנדלען אונזערע שאפ אנגעלעגענהייטען צו אלעמענס צופרידענהייט און מאכען דעם שאפ פאר א 100 פראצענט יוניאן שאפ. מיר ווינשען איהם געזונד און ערפאלג אין זיין גוטער ארבייט און פארבלייבען מיט ברידערליכען גרוס צו אייך און אלעמען.

נ. ב. — עס איז אויך באשלאסען צו פרעזענטירען ברודער פרעסס מיט א פאר גאלדענע קאף־באטענס אלס אנערקענונג פאר זיין גוטער ארבייט.

די פרעס קאמיטע.

מיר און זיי

פון מ. פערלשטיין.

חלומות אויפ'ן וואהר.

אונזערע קלאוק מאכער אין פילאדעלפיא האבען מערקווירדיגע איינפעלע. צום ביישפיעל, ווען אונזער קאנווענשאן איז מיט דריי יאהר צוריק אפגעהאלטען געווארען אין יענער שטאדט, און אונזער פרעזידענט פון דער אינטערנעשיאנאל האט קיין חשק ניט געהאט ווייטער צו זיין קיין פרעזידענט, איז דער באנקעט וואס די קלאוק מאכער האבען דאן געמאכט פאר די דעלעגאטען, אויסגעקומען גראדע א טאג אדער צוויי פאר די עלעקשאנס. געוועהנליך האט די מאשינערי פון דער קאנווענשאן גאנץ שטארק געארבייט, אז אונזער פרעזידענט זאל יא אננעמען, און ביי דיזען באנקעט האט מען ערווארטעט, אז דאס פאלק אין אלגעמיין זאל עטוואס זאגען. פלוצלינג קומט אונזער פילאדעלפיער דזשאינט באארד און פרעזענטירט דעם פרעזידענט מיט א סעטשעל. סטייטש, א סעטשעל? דאס איז דאך א ווונק... פאק איין די זאכען און געה זיך? קומען אבער אונזערע פילאדעלפיער קלאוק מאכער, און טייטשען דאס אויס, אז דער סעטשעל איז טאקי פאר איינפאקען, און טאקי צו געהן אויך... אבער ניט צוריק צום „פארווערטס"... נאר געהן ארומפאהרען ארגאניזירען נייע יוניאנס אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשיאנאל. און רעכט האבען טאקע נאכהער געהאט אונזערע פילאדעלפיער. דער סעטשעל האט באוויזען וואונדער. דער, צו וועמען ער איז געגעבען געווארען, איז טאקי ווידער געווארען פרעזידענט א [illegible] מפאהרענדיג מיט דעם סעטשעל זיינען יוניאנס געוואקסען ווי שוועמלעך נאך א רעגען...

לעצטע וואך האבען מיר געהאט דעם מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, טאקי אויך אין פילאדעלפיא, נו, איז די דארטיגע קלאוק מאכער איינגעפאלען צו אראנזשירען א באנקעט.

און אלעס וואלט זיכער דורכגעגאנגען אין ארדנונג, און איך וואלט דארט זיכער ניט אנגעפאנגען צו חלום'ען... האט אבער פאסירט אז צו דיזען באנקעט איז אנגעקומען אן עלעמענט, וועלכער האט די שמחה ניט נאר פארגרעסערט, נאר טאקי פארשענערט... א סך האבען פארגעסען אין די געשמאקע פלייש און פיש, ווייל אין מוח האט זיך אנגעפאנגען צו טומלען, ספעציעל אין מיין מוח.

דאס איז אנגעקומען די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 15 ווייסט מייקערס יוניאן פון פילאדעלפיא, מיידלעך, א פאר פון זיי מיט אונטערגעשארענע האר, האבען זיך געזעצט ביי די טישען און פרויען־געלעכטער האט גלייך פארקלונגען דעם רום.

— אונזערע סאוויעטניצעס האבען זיך שוין צוקאכט, — האט זיך אפגערופען א פראקטישער יוניאן־פיהרער לעבען מיר.

— א וואונדער צו וואס פאר א בארבער זיי געהען זיך שעהרען, — רופט זיך גאר אפ א צווייטער.

— באלשעוויטצקעס, — רופט זיך אפ א דריטער.

יא, הייבט אן מיין מארך פלוצלינג צו ארבייטען... דאס זיינען אונזערע טראבעל־מייקערס.

פלוצלינג לאזט זיך הערען א מעלאדיע, וועלכע ווערט אונטערגעכאפט פון אנדערע. דער צימער ווערט פארקלונגען מיט א זיסען, פול בענקשאפט, רוסישען ליעד.

און איהר פיהלט, אז עס ציהט אייך, עס רייסט אייך מיט, אז אייער מארך פאנגט גאר אן אנדערש צו ארבייטען. עס פאלט פון אייך, ניט ווילענדיג, ארונטער די מאסקע פון פראקטישקייט, און איך פאנגט פלוצלינג אן צו פארדריסען דער ציניזשער שמייכעל וואס איז געלעגען אויף אייערע ליפען, ווען אימיצער האט די איינגענטימער פון דיזע שטימען אנגערופען איראניש „סאוויעטניצעס". יעס, זיי זיינען סאוויעטניצעס, אבער רופט מען דען ניט אייך אלע מיט'ן נאמען באלשעוויקעס? מען זידעלט אונז... מען זוכט אונז ארויסטרייבען פון לאנד. אונז צוזאמען מיט זיי, אונז, די זאגענאנטע פראקטישע, צוליעב זיי די אונפראקטישע.

איך פארטראכט זיך וועגען דער ארבייטער באוועגונג, וועגען איהר כאאס און טומעל, וועגען איהר ווארפען זיך אהער און אהין אהן א ציעל און אהן א פראגראם: א שטונדע ווייניגער ארבייט, א דאלער מעהר וויידזשעס, און וואס ווייטער, וואס־איז דער ענד־ציעל?

גאמפערס אין יוראפ ארבייט אויס אן ארבייטער־פלענק, וועלכעס וועט אריינגענומען ווערען אין דער ליעג פון נאציאנען. ער פאהרט ארום, דיזער פרעזידענט פון דער אפיציעלער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. און מיר קומט אין קאפ דער מאדנער געדאנק, אז דער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר ווערט פשוט אויסגענוצט פון קאפיטאל צו לעשען דעם פייער, וואס האט זיך אנגעצונדען אויף דער וועלט...

און איך טראכט ווייטער: אנגענומען, אז מיר זיינען באלשעוויקעס, נו טו איז וואס? מיר גיבען דאך אלע צו, אז, ווי די וועלט איז יעצט, טויג דאס ניט; אז דערפאר וואס איך בין געבארען געווארען אויף עסעקס סטריט, איז נאך קיין ראיה ניט, אז די וועלט איז ניט פאר מיר, נאר פאר די יעניגע, וועלכע זיינען געבארען געווארען אויף ריווערסייד דרייוו.

זוכען מיר, הייסט דאס, א וועג, מעגען דאך דענקען די באלשעוויקעס, אז זיי האבען דעם וועג געפונען... מעגליך, אז זיי האבען רעכט, און מעגליך אז ניט. פון וואנען ווייסען מיר אבער אז ניט?

אבער באלשעוויזם און ראדיקאליזם איז דאך פארט די טרייב־קראפט דעם וועג שנעלער צו געפינען. טאקע אמת, אז דיזע יונגע קרעפטען אונזערע דא אין אמעריקא איבערטרייבען א ביסעלע, ווייל זיי ווערען גלייך צו ענטוזיאסטיש. איז אבער ניט ענטוזיאזם אליין א טרייב־קראפט פאראווערטס און פארווערטס? ווען ניט דיזע טרייב־קרעפטען, וואלטען מיר דאך אפילו גאר אנגעפאנגען צו חלומ'ען וועגען די זאכען, וועלכע מיר האבען שוין אויפגעטאן?

מיין מארך גיט פלוצלונג אן ארבייט אין אן אנדער ריכטונג. איך זעה פאר זיך א טיש ארומגעזעצט מיט פראקטישע אמעריקאנער טרייד־יוניאניסטען. איך זעה פאר מיר גאמפערסעס לייטענאנטען, מענער און פרויען. וועגען וואס ריידען זיי? וואס דענקען זיי? זיי דענקען ניט און ריידען ניט; זיי געהען ניט, — זיי שטעהען אויף איין פלאץ. ווען מיר שלעפען זיי ניט, וואלטען זיי נאך געווען גאנץ ווייט...

און עס ווערט פאר מיר קלאר, אז אט דיזע סאוויעטניצעס זיינען אונזער טרייב־קראפט; זיי זיינען אונזער נשמה, און א דאנק אט דער נשמה צוזאמען מיט אונזער זאגענאנטער פראקטישקייט, געהען מיר פאראווערטס, ביז מיר וועלען מוזען קומען צו דער צייט, ווען די עסעקס סטריט געבארענע וועלען אויך געניסען אלעס שעהנע און גוטע אין לעבען...

מיין געדאנק ווערט פלוצלונג איבערגעריסען.

דער טאוסט־מייסטער, אונזער גוטער פראקטישער ברודער אמדור, שטעלט פאר די רעדנער. עס קלינגט יאנאווסקי'ס שטימע. ער איז ניט קיין עסעקס סטריט געבארענער — ער איז א דיוויזשאן סטריטער; ער רעדט פון קאמפף און פון קעמפפע.

עס רעדט אונזער אלטער וויינבערג וועגען דעם וואס מיר האבען אויפגעטאן און מיר ווילט זיך, נאך אלץ אונטער דעם איינפלוס פון מיינע געדאנקען, אויסשרייען צו איהם: וואס דרעהסטו דא אונז א קאפ מיט דעם, וואס מיר האבען אויפגעטאן? רעד בעסער וועגען דעם וואס מיר דארפען נאך אויפטאן.

עס רעדט אונזער פרעזידענט שלעזינגער און אנדערע. עס לאזט זיך ווייטער הערען דער פרויען־געזאנג פון אן אלטער, פול מיט בענקשאפט מעלאדיע. איך פאנג ווייטער אן צו חלומ'ען.

דער קלאפ פון די טעלער מיט די לעפעל דערלאזט אבער ניט דערצו, און געזעגענענדיג זיך מיט אלעמען געהען מיר טאקע אלע באמת שלאפען.

ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20

דער סטרייק, וואס איז פאר די לעצטע צעהן טעג אנגעפיהרט געווארען נעגען דער „יוניאן ריינקאוט קא." אין סטעמפארד, קאנג., איז דורכגעפיהרט געווארען מיט ערפאלג און געסעטעלט געווארען צו גונסטען אונזער ארגאניזאציאן און צו גונסטען די ארבייטער פון שאפ. עס איז שוין ניט דאס ערשטע מאל, ווי דיעזע פירמע האט געמופט אין קאנטרי און זיך געטרייעט אויסדרעהען פון א יוניאן־קאנטראל. פאר די לעצטע פאר יאהר האט זיך דער פירמע געלעבט גאנץ רוהיג אין סטעמפארד, און געצאהלט האט זי פרייזען, וואס האט זיך איהר אליין געוואלט. לעצטענס אבער האט אונזער לאקאל 20 ערקלעהרט, אז דער שאפ מוז ווערען א יוניאן־שאפ מיט יוניאן־פרייזען און יוניאן־קאנדישאנס. דער שאפ איז ערקלעהרט געווארען אין סטרייק און נאך צעהן טעג סטרייקען האבען מיר געהאט א פאלשטענדיגען זיעג. די „יוניאן ריינקאוט קא" פון סטעמפארד שטעהט יעצט אויף דער ליסטע פון די יוניאניזירטע ריינקאוט־שעפער.

* * *

עטליכע פארזוכען זיינען שוין געמאכט געווארען צו האבען ראבינסאן'ס שאפ, פון 131 וועסט 35טע סטריט, אונטער יוניאן־קאנטראל. אין דיעזען שאפ געפינען זיך איינינע ארבייטער מיט א גאנץ שלעכטען רעקארד. לעצטענס, נאכדעם ווי מיר האבען מיט'ן שאפ געמיטעט און געמאכט אלע אראנזשמענטס, אז די יעניגע ארבייטער אין דעם שאפ, וואס זיינען ניט קיין יוניאן־לייט, זאלען דאס ווערען, האבען איינינע פון יענע בריה־לייט דערפיהלט, אז אויף זיי ברענט די היטעל און זיי האבען געשטעלט אן אולטימאטום צו דער יוניאן, דאס אויב מען וועט זיי געבען ביכלעך צו 5 דאלאר א שטיק, זיינען זיי וויליג צו ווערען מעמבערס. אויב ניט, ווילען זיי ניט. אונזער עקזעקוטיוו באארד האט נאטירליך צוריקגעוויזען זייער „אולטימאטום". די יוניאן וועט, פארשטעהט זיך, זעהן דער שאפ זאל ארגאניזירט ווערען אהן אולטימאטומס פון פארסקעבטע ארבייטער.

מיט א צוויי וואכען צוריק איז אין ניו יארק, אויפ'ן פארלאנג פון אונזער יוניאן, פארגעקומען א קאנפערענץ פון דעלעגאטען פון די דריי ריינקאוט מאכער לאקאלס — לאקאל 7 פון באסטאן, לאקאל 20 פון ניו יארק און לאקאל 54 שיקאגא. ביי דיעזער קאנפערענץ איז פארהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען ארגאניזירען די ריינקאוט־אינדוסטריע איבער'ן גאנצען לאנד. אחוץ דעם איז אויך אויפגענומען געווארען די פראגע וועגען א 44 שטונדיגער ארבייטס־וואך און וועגען איינפיהרען וואך־ארבייט. דער קאנפערענץ האט באשלאסען צו גרינדען א טרייד־קאונסיל פון די ריינקאוט־מייקער לאקאלס און צו שאפען א פאנד צו העלפען ארגאניזירען די ריינקאוט־אינדוסטריע איבער'ן גאנצען לאנד.

עס איז ווערט צו באמערקען דאס אונזער עקז. באארד האט דעם פונקט פון גרינדען א טרייד־קאנסיל צוריקגעוויזען, גלויבענדיג אז די ארבייט צו ארגאניזירען די אינדוסטריע איבער'ן לאנד באלאנגט צו דער אינטערנעשיאנאל. אונזער עקזעקוטיוו באארד דענקט, דאס די אינטערנעשיאנאל קען די ארבייט טאן א סך בעסער און זי וועט דאס אודאי אין גיכען טאן.

* * *

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע מעמבערס אז דער „ריקאנסטראקשאן" אסעסמענט פון 1.50 ד. וואס די דזשענעראל עקז באארד האט ארויפגעלעגט אויף יעדען מעמבער פון דער אינטערנעשיאנאל, דארף וואס שנעלער באצאהלט ווערען. אונזערע שאפ טשער־

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. Friday, May 2, 1919. No. 16

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

די נייע טעג

(ווי דער וויסט מאכער סטרייק איז געסעטלט געווארען).

פון עליאס ליבערמאן.

2.

מען מוז דאס „איסוזיצען".

דער קאנפערענץ-צימער האט פרייטאג אבענד דעם 28טען מארטש מיט זיך פארגעשטעלט דאס פאלגענדע בילד:

אין א ווינקעל אויפ'ן 12טען פלאר פון מעקאלפין האטעל געפינען זיך דריי צימערען. אין איינעם פון זיי האט זיך געפונען דער גענעראל-שטאב פון דער אססאסיאיישאן; אין א צווייטען דער גענעראל-שטאב פון דער יוניאן; דער דריטער צימער האט מיט זיך פארגעשטעלט „נא-מענס-לענד", (קייגעמ'ס לאנד). דאס איז געווען דער נייטראלער צימער. אט אין דעם צימער האט זיך געפונען די סאב-קאמיטע באשטעהענד פון דער יוניאן-זייט פון מר. שלעזינגער און מיך ועלבסט און פון דער אססאסיאיישאן-זייט פון מר. וויס, מר. סאן און מר הערדי גארדאן, זייער לאיער. פון דרך שלום וועגען איז דארט אויך געווען דר. העברי מאסקאוויטש, און צוליעב פרעסטיזש וועגען האבען מיר מיט אונז געהאט יודזשין פרייני, דער ארגאנייזער פון אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר.

ווי איהר ווייסט פון מיין לעצטען ארטיקעל, האט די סאב-קאמיטע געזאלט פארטיג ווערען מיט איהר ארבייט אין א שטונדע צייט, נאר דער זייגער שלאגט צעהן, עלף און אויך צוועלף, און ביידע ריהרען זיך ניט פון ארט. אונזערע דעלעגאטען און זייערע דעלעגאטען ציהען זיך אפט צוריק פון צימער אום צו האלטען א בעראטונג מיט דעם איינעגעם „גענעראל שטאב" און באלד קומט מען ווידער אין נא-מענס-לענד, נאר פראגרעס ווערט ניט געמאכט אויף א האר. לעצטענס האבען מיר זיי פארגעשלאגען אז די שטראף פאר אונגערעכטע דיסטשארדזשעס זאל באשטעהן אין ניט ווייניגער ווי א וואך און ניט מעהר ווי זעקס וואכען געהאלט פון דעם דיסטשארדזשטען ארבייטער. זיי האבען פארלאנגט: „ניט ווייניגער פון א טאג און ניט מעהר פון פיער וואכען. דאביי האבען זיי זיך אפגעשטעלט און אבסאלוט ענטזאגט צו ריהרען זיך פון ארט. דר. מאסקאוויטש האט זיך אריינגעמישט, יודזשין פרייני האט געפרובירט זיי איבערצייגען, נאר... עס האט ניט געהאלפען. „מיר קענען ניט, מיר טארען ניט", איז געווען דער איינציגער ענטפער. די אססאסיאיישאן-פארשטעהער, האבען מיר געגלויבט, וואלטען געווען גרייט נאכצוגעבען, נאר זיי האבען מורא געהאט פאר זייער פאלק. זיי האבען אין זייערע רייהען קענטיג געליטען פון אנארכיסטישע דעמאקראטי און סאוויעטען. זייערע פארשטעהער האבען מורא געהאט צו באנוצען זיך מיט דער מאכט וואס זיי איז געגעבען געווארען.

דער זייגער איז דערווייל געווארען צוויי. אונזערע זיינען געווארען אונגעדולדיג. מיר האבען גענומען פיהלען אז עס וועט פיליכט ניט קומען צו א סעטעלמענט. פרעזידענט שלעזינגער איז שוין געווען גרייט צו נעמען זיין מאנטעל. דאן האב איך פארגעשלאגען אז „מ ע ן מ ו ז ד א ס א ו י ס ז י צ ע ן". דער שכל איז געווען א פשוט'ער. ביידע צדדים האבען ניט געוואלט זיך פאנאנדערגעהן. דאס איז געווען א פאל וואו מען האט זיך געמוזט מעסטען מיט געדולד און דערפאר האב איך פארגעשלאגען: געדולד ביז צום לעצט, „זיצען" און דאס אלעס. די מאטא פון „אויסזיצען" איז איינשטימיג אנגענומען געווארען, און מיר זיינען געזעסען. ברודער באראף האט געכאפט א דרעמעל זיצענדיג, ברודער שלעזינגער האט „זיצענדיג" זיך צוגעלעגט, אנדערע האבען זיך פארשיכור'ט רויכערענדיג, א. ז. וו.

ערשט האלב נאך דריי שבת פארטאג זיינען מיר „אויסגעזעסען". די אססאסיאיישאן האט נאכגעגעבען אונזער לעצטען פארשלאג. פארמאטערטע פון „זיצענדיג" האבען מיר זיך געשלעפט שבת פארטאג אהיים אום אויסצורוהען זיך פאר'ן צווייטען קאנפערענץ, שבת 1 אוהר בייטאג.

* * *

די ערשטע פעסטונג איז דורכגעבראכען געווארען, נאר עס זיינען נאך פארבליבען א גרויסע צאהל שטערונגען. צום צווייטען קאנפערענץ איז די אססאסיאיישאן געקומען מיט נייע קאנאנען, כ'מיין פארשטעהער, וועלכע מיט פרישע כוחות האבען זיך גענומען אונז באקעמפען מיט ארגומענטען.

די פראגע פון שטונדען איז פארגעבראכט געווארען. ווער פון אייך האט זיך עס גערעכנט אז די פראגע זאל ארויסרופען לאנגע דעבאטען? מר. ברונא סטוירן אבער, פון דער אססאסיאיישאן, האט געהאט א גאנץ אנדער מיינונג. ער איז געווען צופרידען צו מאכען א פשרה אויף דער פראגע, נעמליך, אנשטאט 44, זאלען מיר ארבייטען 46 שטונדען א וואך. דאכט זיך אן אנשטענדיגער קאמפראמיס. מיט עלף וואכען צוריק וואלטען מיר עס זיכער אנגענומען; יעצט אבער איז עס געווען צו שפעט. מיר זיינען באשטאנען אויף די 44 שטונדען. די שטונדען-פראגע איז באלד פארקניפט געווארען מיט דער וויידזש-פראגע. „ווילט איהר שטונדען", האבען גע'טענה'ט די אססאסיאיישאן פארשטעהער, „קענען מיר אייך ניט געבען קיין וויידזשעס". מיר האבען ערקלערט: „אז איבער די שטונדען, זיינען ניט מיר און ניט די בעלי בתים קיין בעלי דעות, די פאסירונגען אין טרייד האבען דאס געסעטלט אהן אונז ביידען; העכערע וויידזשעס מוזען מיר אבער קריגען, ווייל די ארבייטער עטינגען זיך אין דעם זעהר און זעהר.

אט קומען זיך צוזאמען אלע קאנפערירענדע אין „נא-מענס-לענד" (נייטראלען צימער), און אט געהט מען ווידער ארויס און די פעלד ווערט איבערגעלאזען צו די פרידענס דעלעגאטען פון ביידע צדדים. אלע ווילע ווערען געבארען און ווערען פארלארען נייע פלענער. „זיי וועלען געבען פינף פראצענט פאר די שטיק ארבייטער, אבער גארנישט פאר די וואך-ארבייטער, יענע קריגען דאך די שטונדען; זיי. וועלען געבען א דאלער פאר די וואך-ארבייטער, אבער מעהר קיין סענט ניט; זיי וועלען געבען א העכערען רייז — אבער מיר זאלען צושטימען צו 46 שטונדען א וואך. די און ענהליכע פארשלעגע האבען אנגעפילט די לופט. מיר האבען זיך גענומען צום אלטען מיטעל: אויסזיצען. בלויז זעקס און דרייסיג שטונדען זיינען מיר געזעסען אויף דער פראגע, אבער מיר זיינען דאך אויסגעזעסען. די שטונדען און וויידזש-פראגע איז געסעטעלט געווארען 100 פראצענט אונז צום גונסטען. מיר האבען געקראגען מעהר ווי מיר האבען ערווארטעט איידער דער סטרייק האט אויסגעבראכען. און ניט ווילענדיג האב איך זיך געטראכט: נו, טאקי, וואס האט זיך זיי געוואלט און צוליעב וואס האבען זיי עס געדארפט?

* * *

ווי זאגט ערגעץ א רוסישער שפריכווארט: „זאג נישט האפ, ביז האסט ניט אריבערגעשפרונגען דעם טייך". דאס איז זיכער געווען אמת ביי די קאנפערענצען. דאכט זיך די שווערסטע פראגען איבערגעקומען — דאך האבען מיר יעדען טאג געקענט ערווארטען אז די קאנפערענצען זאלען אפגעבראכען ווערען. די פראגע פון סטאפעדזשעס האט שוין איין מאל געמאכט א ריס. מיר זיינען שוין אלע געגאנגען צום עלעוויטאר, און פון דארטען האט מען זיך אומגעקערט, אראפגענומען די קאוטס און ווידער שלום' אויף מארגען, מיטוואך אבער, זיינען די קאנפערענצען דאך אפגעבראכען געווארען צוליעב דער אאוט אוו טאון פראגע. א טאג צייט זיינען מיר ברוגז געווען, דר. מאסקאוויטש האט אונז אבער ווידער צוזאמענגעבראכט דאנערשטאג אבענד.

דאס מאל האבען מיר שוין געמופט אין א נייעם פלאץ, אסטאר האטעל. בלויז סאב-קאמיטעס פון ביידע צדדים זיינען געווען פארטראטען. די יוניאן-פארשטעהער זיינען געווען פרעזידענט שלעזינגער, דזשענעראל סעקרעטער באראף, מר. לעווין פון לאס. 10 און איך אליין. מיר האבען געמיטעט בלויז ביז צוויי א זייגער פארטאג, ווייל מען האט די פייער אויסגעלאשען. פארשיעדענע פונקטען פונ'ם אגרימענט זיינען דורכגעגאנגען און אנגענומען געווארען. מיר האבען אלע געפיהלט אז עס זעהט זיך לאנד, אז אונזער שיף וועט דאך בשלום אנקומען צו א ברעג און אז דער גרויסער סטרייק וועט זיך ענדליך דאך ענדיגען.

פארמאטערטע, אבער צופריעדענע אז אונזער ארבייט וועט ניט געהן פארלארען, זיינען מיר געגאנגען א היים.

* * *

האטעלען, דאנקען גאט, פעהלען נים אין ניו יארק און דער לעצטער קאנפערענץ פונ'ם סטרייק איז אפגעהאלטען געווארען אין א נייעם האטעל, די האללאנד הויז. מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען פרייטאג 2 אזייגער בייטאג. דער פונקט און יענער פונקט פון אגרימענט איז געלעזען געווארען, דעבאטירט געווארען און געענדיגט זיך מיט אן אמענדמענט. דאכט זיך שוין פטור געווארען פון אלעס? נאר שא — כאפט זיך ניט. קיין מלחמה קען ניט פאראיבער ניט איבערלאזענדיג נאך זיך א חורבן אדער מאכענדיג א טיעפען רושם. אונזער מלחמה האט געשאפען די פראגע פון די „מלחמה-בייבים". איהר קענט זיי ניט, איהר ווייסט ניט ווער זיי זיינען? ערלויבט מיר אייך זיי פארצושטעלען — דאס זיינען גאר פשוט די סקעבס, די סטרייק-ברעכערס אט די אומגעזעצליכע ארבייטער-קינדער וועלכע ווערען געבארען אין אזא מלחמה. די פראגע האט זיך געשטעלט, וואס טוט מען מיט זיי? די בעלי בתים האבען ערקלעהרט אז דאס זיינען אונזערע ארבייטער-קינדער, אז זיי באלאנגען צו אונזער משפחה און דערפאר טארען מיר זיך פון זיי נים ענטזאגען. מיר האבען אבער געענטפערט אז אט די אומגעזעצליכע קינדער זיינען ביי זיי געהאדעוועט געווארען, ביי זיי געשאפען געווארען און דערפאר זאלען זיי זיך זארגען ווי אזוי זיי חתונה צו מאכען. עס זיינען געפלויגען טענות אהער און טענות אהין. נייע פנים'ער זיינען ערשיענען אלס אססאסיאיישאן-פארשטעהער. דאס זיינען געווען די „טאטעס" פון די אדאפטירטע וואר-בייבים. די לופט איז פול געווען מיט „גיט-געזעצליכקייט."

ערשט א זייגער ניין, ווען די פראגע איז געסעטעלט געווארען און מיר אלע האבען זיך ארויסגעכאפט אין גאס האבען מיר גענומען אטעמען מיט „כשר'ע" לופט פון ניו יארק.

עלף וואכען האט געדויערט דער סטרייק. 9 טעג האבען געדויערט די קאנפערענצען. יעדער שריט איז געקעמפט געווארען. די אויסדויערונג, און דער קאמפס-גייסט פון די ארבייטער פון איין זייט און די ערפאהרונג און די איבערגעבענהייט פון די ארבייטער-פיהרער פונ'ם צווייטען זייט, האט מעגליך געמאכט אזא זיעגרייכע ענדע.

זאלען נאר די ווייסט מאכער און זייערע שעפער זיין אזעלכע ענטשלאסענע יוניאן-לייט ווי זיי זיינען געווען סטרייקער און דאן מעגען זיי זיכער זיין מיט דער צוקונפט.

צווישען קלאוקמאכער

(סצענקעס און בילדלעך)

פון ברוך'קע.

1. אלע זיינען געקומען „וואטען"..

אנטקעגען. דעם וואס איהר זאגט: וואך-ארבייט און שטיק-ארבייט.

הערט זיך איין א טשיקאווע מעשה, וואס איז מיר איבערגעגעבען געווארען בדרך סוד פון א ביזנעס-איידזשענט, וועלכער וויל נישט אז מען זאל וויסען זיין נאמען. ער וויל, זאגט דער דאזיגער חברה-מאן, טרייען דעם דאזיגען שפיצעל נאך אמאל.

זאל איהם גאט העלפען!

אלזא — אט האט איהר די טשיקאווע מעשה:

עס איז זונטאג. עס איז זוניג און ליכטיג. דער רבונו של עולם האט ארויסגעלאזען די זון פון דער פוטער-פאס, און עס איז א פארגעניגען. צו דער ארבייט דארף מען נישט געהן. מען ליגט זיך אין בעט אביסעלע שפעטער, און מען רוהט אויס די מיעדע ביינער, און די פלייצעס, און די זייטען, וואס מען צוברעכט זיך א גאנצע וואך, זיצענדיג צוזאמענגעדרעהט אין דרייען, און שוויצענדיג איבער די „קלאוקס".

נ-נ-נא, מען וועט זיך כאטש אביסעלע אפכאפען דעם אטעם!

זיינען אבער דא צווישען די קלאוקמאכער אזעלכע הארעפאשניקעס, רחמנא לצלן, אזעלכע „האסלערס", יו נאו, וואס די גאנצע וועלט איז זיי קארג. נאך א באנדעלע, נאך א באנדעלע, און נאך איינס!... אז מען וואלט זיי געלאזט — וואלטען זיי בארא׳י גענעכטיגט אין'ם שאפ און קיינמאל אהיים צו דער ווייב און קינדער נישט געקומען, אבי אריינכאפען נאך א פאר „צענט", און נאך א פאר „טוהלער"!

„אז מען זאגט „האסלערס" — איז דאך נים שייך!

פעדערען זיך אזעלכע חברה-לייט אפילו אום זונטאג טאקע באור, ממש א בליאסק אויף טאג! וועקען נאך אויף די זון, וועלכע — כ'וויס, זונטאג! — וואלט אויך געוואלט שלאפען אביסעלע שפעטער...

נאר די דאזיגע „הארעפאשניקעס" פארגינען זיך אליין נים דאס ביסעלע זונטאג-רוהע, און סאמע זונטאג-פארטאג לויפען זיי אין שאפ אריין.

כאטש די לעצטע כוחות זיך ארויסגעשלאגען, אבי אפגענארט די יוניאן!

נאר וואס דען — מען קען טאקי די „יוניע" נישט נארען... און דא הויבט זיך אנעט די רעכטע מעשה.

שטעהט אויף דער דאזיגער ביזנעס-איידזשענט וועלכער דערצעהלט מיר די „היסטאריע", טאקי אויף א בליאסק אויף טאג, און געהט אוועק צו א געוויסען שאפ אויף א געוויסער גאס — קיינע נעמען, פליעז! — און שטעלט זיך אוועק ביים „האל" ווארטען.

ער שטעהט — ס'קומט אן צולויפען א פארשמייעט אידעל. דערזעהען אבער דעם ביזנעס-איידזשענט בלייבט ער שטעהן א נעפלעוועטער.

— וואס איז דער מעהר, — פרעגט איהם דער ביזנעס-איידזשענט, — עס איז דאך זונטאג, וואס-זשע טוט איהר דא?

דאס פארשמייעט אידעל פיהלט זיך פארלארען, נאר באלד פלאצט ער ארויס מיט אן ענטפער:

— ער איז געקומען „וואטשען", אז קיינער זאל ניט קומען אום זונטאג...

גוט. וואטשען זיי שוין ביידע.

נאר ווי זיי שטעהען אזוי, קומט אן צולויפען פארסאפעט א דאר בלייך מיידעל, מיט איינגעפאלענע באקען און אויסגעלאשענע אויגען (גיט מיר אקארשט אהער אייער אויער, וועל איך אייך איינראמען א סוד: א פאר איבריגע „טוהלער" וועט טאקי אזא מיידעל אפשר קריגען, אבער א חתן — א פייג!) בקיצור, זי וויל אריינגעהן אין שאפ ארבייטען. דערזעהען אבער די צוויי מענשען — בלייבט זי שטעהן.

— וואס איז דער מעהר? סטייטש, זונטאג!

— זי איז געקומען „וואטשען" אז קיינער זאל ניט ארבייטען אום זונטאג...

שטעהען זיי שוין זאלבעדריט און „וואטשען". הקיצור, גוטס זאל איך אייך לאנג בריינען, אלע ווילע קומט אן אן אנדער ארבייטער, דערזעהט די פארזאמעלטע ,בלייבט שטעהן, ווי א געטראפענער, און גיט אן די זעלבע טענה:

— ער איז געקומען, פארשטעהט איהר מיך, וואטשען!

אז עס האט זיך שוין אנגעקליבען א גרעסערער עולם, און עס איז שוין געווארען שפעטליך, האט זיי דער ביזנעס-איידזשענט ארומגענומען ארום זיך אין א ראד, און זיי געזאגט בזה הלשון:

— הערט זיך אקארשט איין, אידען און אידענעס! מיר וועט איהר דאך נישט „בלאפען" — מאי-טוואי-פאנימאיעם, איך ווייס דאך צוליעב וואס איהר זייט געקומען אהער. געהט אייך איצטער געזונטערהייט א היים און „ענדזשאיעט" אייך מיט אייער ווייב און קינדערלעך און מיט אייערע „סוויטהארטס", און משה זאל אייך אייך דא גיט טרעפען אום זונטאג! פארשטאנען?

דער עולם איז זיך פאנאנדערגעגאנגען און אין הארצען איז מען געווען סוף-כל-סוף צופרידען וואס מען וועט טאקי האבען א פרייען טאג, קענען ארויסגעהן אין א פארק, אדער כאפען א „פאוקערל", אבער זעהן זיך מיט א פריינד. מילא, ווייניגער מיט א פאר „צענט", אבער אביסעלע לייכטער לעבען! אביסעלע מעהר זון און ליכט!

— איצטער פארשטעהט איהר שוין ליעבע „קלאק-מאכער", פארוואס [illegible]

די קלאוק אפרייטארס יוניאן לאקאל 1

אין פארלויף פון די לעצטע פאר מא־נאטען איז ניט ערשיענען קיין איינ־ציגער רעפארט וועגען די טעטיגקייט פון אונזער יעצטיגען עקזעקוטיוו באארד, און מאנכע פיהלען זיך אביסעל געקריוודעט, ווייל עס קען פון מאנכע אויסגעטייטשט ווערען אז די עקזעקוטיווע איז ניט אקטיוו און דערפאר איז ניטא וועגען וואס צו שרייבען. אבער דיזע מיינונג שטימט ניט מיט די פאקטען. דער אמת איז, אז די יעצטיגע עקזעקוטיווע איז זעהר אקטיוו, נעמענדיג אין אנבעטראכט דעם צושטאנד אין טרייד. אלס ענטפער צו די מעמבערס פאר וואס קיין רעפארטס זיינען ניט ער־שיענען, וועל איך דא מאכען א שטיקעל פערזענליכע ערקלערונג.

די אורזאכע דערפון איז, וואס דער שרייבער פון דיזע שורות וועמענס אויפ־גאבע עס איז צו באריכטען פון צייט צו צייט צו די מעמבערס, וועלכע פוילען זיך צו באזוכען די מיטינגען, וועגען דעם צושטאנד פון דעם לאקאל, איז אין אלגע־מיינעם „דרעפט" וואס די אינטערנע־שיאנאל האט „געדרעפטעט" די אפיסערס פון דער קלאוק מאכער יוניאן פאר דעם ליידיס וויסט מאכער סטרייק, אויך „קאנסקריפטעט" געווארען, און מיר איז אויסגעקומען צו זיין פון די לעצטע דיס־טשארדזשד צו ווערען. דאריבער איז איינ־פאך קיין צייט און קיין געלעגענהייט ניט געווען צו שרייבען באריכטען, אבוואהל דער אפיס איז אטענדעט געווארען און קיין זאך וואס אנבעלאנגט דעם לאקאל איז ניט פארזעהן און ניט פארנעכלעסיגט געווארען.

די אורזאכע ווארום מיר איז אויס־געקומען צו שטעהן לייגגער מיט די סטרייקערס ווי אלע אנדערע, איז, ווייל אויף מיין חלק איז אויסגעפאלען ניו־דזשוירזי, זייענדיג באקאנט מיט דעם גע־גענד און מיט די מענשען. און וואלט דער סטרייק געסעטעלט געווארען אויך אין די אוט אוו טאון שעפער וואלט מען קענען איבערלאזען צו סטרייקער אונ־טער דער אויפזיכט פון לאקאל 25. די אוט אוו טאון ווייסט־שעפער זיינען אבער דערווייל אין דער זעלבער לאגע, און איך, און מיינע קאלעגען, די ברידער מאנגאטי און דזשענינגס, וועלכען האבען אנגעפיהרט דארטען דעם סטרייק, האבען געפיהלט, אז מיר קענען ניט איבערלאזען די סטרייקערס אומבאזארגט, איבערהויפט ווען מיר האבען זיך געריכט אז אונז וועט אויסקומען צו האנדלען מיט דיזעלבע מענשען און אונטער כמעט די זעלבע אומ־שטענדען אין אונזער סטרייק. איבערלא־זען, אלזא, די סטרייקערס אויפ'ן הונט [?] וואלט הייסען פארצאמען פאר אונז אליין די וועג און מאכען אומעגליך פאר אונז עפעס צו טאן אין צייט פון אונזער סטרייק.

מיר האבען, אלזא, געמוזט באזאר־גען די סטרייקערס און מיר קענען מיט צופרידענהייט זאגען, אז וואס אנבעלאנגט ניו דזשוירזי האבען מיר געשאפען א בא־דען פאר א יוניאן אין דער ווייסט אינ־דוסטרי און א גרויסע ברייטע פעלד פאר די אינטערנעשיאנאל צו ארגאניזירען די טויזענדער ליידיס גארמענט ווארקערס פון דעם נויארקער ברעג פון דזשוירזי. די ווייטערדיגע ארבייט געהערט יעצט צו דער אינטערנעשיאנאל און די פארשידע־נע לאקאלס, וועלכע זיינען פאראינטערע־סירט אין זייערע טריידס ווי די ווייסט מאכער, טשילדרען דרעסעס, הויז און קי־מאנא דרעסעס, אנדערוועאר, עמבראידע־רערס, א. ז. וו.

* * *

די טעטיגקייט פון דער יעצטיגער עקזעקוטיווע קען מען ניט אפ'פטור'ן מיט איין קורצען באריכט, ווייל אבוואהל מען קען מיט'ן פינגער ניט אנצייגען אויף עטוואס און זאגען, אז אט דאס האט די עקזעקוטיווע אויפגעטאן אלס א נייעס. איבערהויפט איז די מיינונג וועגען אויפ־טאן נייעסן א פשוט'ע, ניט מיט נייע אויפטואונגען קען געשאצט ווערען די אקטיוויטעט און פעהיגקייט פון אן עק־זעקוטיווע. פיעל מאל פאהערט מעהר ענערגיע, טאקט און פעהיגקייט אויפצו־האלטען א פאזיציע און פארשטארקען איהר ווי צו נעמען א נייע, און אין דעם הינזיכט האט זיך די עקזעקוטיווע אויס־געצייכענט.

קיין עקסטרא נייעסען זיינען ניט געשאפען געווארען, ווייל עס איז ניט גע־ווען קיין פלאץ און קיין נויטווענדיגקייט פאר דעם, אבער די עקזעקוטיווע איז גע־ווען שטיוו אויף יעדען געביט פון דעם ... פון דעם ארבייטער און זיין אנגע־הערינקייט צום שאפ און צו דער יוניאן.

זעהר פיעל צייט און ענערגיע איז פון די עקזעקוטיווע אפגעגעבען געווארען צו דער פראגע פון די וואך־ארבייט און פון די סקיילס. אבער וועגען דיזע טע־טיגקייט און איהר גאנצע שטעלונג פאר־דערט זיך א באזונדער ארטיקעל. איין זאך וועל איך נאר באטאנען, דאס אלע סטראשונקעס און אפשרעקונגען האבען פארפעלט זייער ציעל צו באאיינפלוסען די עקזעקוטיווע, זי איז, פארקעהרט, וואס ווייטער אלץ מעהר איבערצייגט געווארען אין די נויטווענדיגקייט פון וואך־ארבייט פאר'ן אפרייטאר, נאר זי איז באשטאנען אויף איהר סקייל פון 50 דאלער א וואך, וועלכע איז פון די מעמבערס גוט געהיי־סען געווארען. אבער ווי געזאגט, וועלען מיר וועגען דעם האבען א באזונדער אר־טיקעל. די איבריגע טעטיגקייט איז אפ־געגעבען געווארען איבערהויפט צו ארגא־ניזירען דעם טרייד און אויפצופאסען אז דער צושטאנד אין טרייד לעצטען סיזאן זאל אויסגענוצט ווערען פאר דעם בענע־פיט פון די אפרייטארס. און אין דיזען הינזיכט איז זי געווען ערפאלגרייך.

די ערשטע אויפגאבע איהרע איז גע־ווען צו אראנזשירען מיט די מענעדזשערס און ביזנעס איידזשענטס פון די דזשאינט באארד אפיסעס אזוי, אז עס זאל לייכ־טער זיין צו ארגאניזירען דעם טרייד, און מיר קענען מיט זיכערהייט זאגען, אז דער טרייד איז יעצט ארגאניזירט בעסער ווי ווען עס איז פריהער. עס וועט ניט זיין איבערטריבען ווען מיר באהויפטען אז 98 פראצענט פון טרייד איז פאלשטענדיג ארגאניזירט. דאס קען צייגען דער ספע־שיל טעקס, וועלכער איז געווען אזא אונ־געהייערער ערפאלג, און ווי די מעמבערס האבען געטרייט איינער דעם צווייטען אריבעריאגען ווער עס וועט פריהער בא־צאהלען. נאך מעהר, אפילו די אפליקאנ־טען, וועלכע זיינען נאך קיין מעמבערס ניט געווארען, האבען פריהער באצאהלט דעם טעקס ווי זייער איינטריטס־געלד. עס איז געווען א מין אמביציע ביי די אפ־רייטארס צו צייגען אז זיי זיינען געווען די ערשטע צו באצאהלען דעם טעקס, וואס מיר נעמען אן פאר א באווייז, אז די מעמ־בערס פיהלען אז זיי זיינען מיט טויזענ־דער פעדים צוגעבונדען צו דער יוניאן. דאסזעלבע איז אויך געווען מיט די דיוס צאהלען. נאך קיין מאל האט מען ניט גע־צאהלט אזוי רעגעלמעסיג די דיוס און אזוי פיעל ווי דעם סיזאן. אונזער אפיס, אבוואהל מיר האבען אנגעשטעלט עקס־טרא מענשען אויף צו העלפען, האבען דאך ניט געקענט אטענדען צו אלעמען און מען האט געמוזט האלטען אפען דעם אפיס זונטאגס.

דער צושטאנד פון'ם לאקאל איז, אלזא, יעצט אין א בליהענדען צושטאנד, סאליד, איינינ, ברידערליך, פריינדליך, מיט א גרויסע רייכע טרעזשורי, א סאלי־דע פאראייניגטע עקזעקוטיוו באארד און מיט א געזונדען גייסט, קאמפס־לוסטיג און קאמפס־פעהיג, און ווען די צייט וועט קומען, וועלען מיר קענען ארויס־שטעלען אונזערע „דיוויזיעס" אין סאמע פראנט, באזארגט מיט אמיונישאן און שפייז, און וועלען זיך ניט אומקעהרען צוריק ביז וואנען זיי וועלען ניט קריגען וואס זיי קומט.

מיר האבען שוין אין אפיס דעם קאנסאמפשאן סטעמפ, וועלכען די מעמ־בערס האבען באשלאסען אויף צו שטיצען די פאמיליעס פון די אנגעגריפענע מעמ־בערס און אזוי שנעל ווי די לעצטע אראנ־זשאמענטס וועלען געמאכט ווערען, וועט מען אנפאנגען ארויסצוגעבען די סטעמפס.

פ. קאטלער, מענעדזשער.

מעמבערס פון ארבייטער רינג.

אלע מעמבערס פון ברענטש פון ביי־דע ארקעסטערס, אויך די שילערס פון אלע דעפארטמענטס פון אונזער מוזיק סקול, זיינען פריינדליך איינגעלאדען צו קומען דיזען שבת אבענד דעם 3טען מאי וואו מיר וועלען פייערן אונזער ערשטען יאהרעספעסט מיט א פראכטפולען קאנ־צערט. עס איז אונז אויך געלונגען צו קרי־גען פאר דיזען אבענד מר. אלפרעד מאר־גולין, קאנצערט־מייסטער פון דער נ. י. פילהארמאניק ארקעסטער, ער איז אויך דער סופעראינטענדענט פון אונזער וויא־לין דעפארטמענט. איינטריט פריי פאר מעמבערס און שילער פון סקול. קיינע פרעמדע.

גייטהען ה. אלטערמאן,
טשערמאן.

פראטעסט קאנפערענץ געגען פאגראמען א ריעזיגער ערפאלג

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 2, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די קאנפערענץ, וואס איז גערופען געווארען פון י. ל. פרץ שרייבער פאר־איין דיענסטאג אווענד אין בראדוויי סענטראל האטעל איז געווען א ריעזיגער ערפאלג. מעהר ווי 200 דעלעגאטען, וואס פארטרעטען די גרעסטע אידישע ארגאניזאציעס, זיינען אנוועזענד געווען און האבען אנטייל גענומען אין די פאר־האנדלונגען ווי אויפצואוועקען די עפענט־ליכע מיינונג וועגען די פאגראמען אויף אידען אין מזרח־אייראפא און אין די לענדער פון דער פוילישער הערשאפט בפרט.

די קאנפערענץ איז געווען אן ער־פאלג ניט בלויז דורך דער גרויסער צאהל פון וויכטיגע פערזאנען און פארטרעטער פון אידישע ארגאניזאציעס, נאר אויך דורך די פראקטישע באשליסע און די וויכטיגע דעבאטען.

עס איז באשלאסען געווארען צו שי־קען א טעלעגראמע צום טשערמאן פון דער דעלעגאציע פון אידישען קאנגרעס. אין דער טעלעגראמע ווערט פראטעס־טירט געגען די רציחות פון די פאליא־קען געגען די אידען, און די אידישע דע־לעגאציע ווערט אנגעפרעגט וואס זי האט געטאן וועגען דעם.

א צווייטע טעלעגראמע ווערט גע־שיקט צו פרעזידענט ווילסאן. די אויס־ארבייטונג פון דער טעלעגראמע איז אי־בערגעגעבען געווארען צו א ספעציעל־ערוועהלטער קאמיטע.

עס איז אויך באשלאסען געווארען צו עפענען א אידישע פרעס־ביורא, וועלכע זאל זעהן דורך פארשיעדענע וועגען און מיטלען, אז אין דער ענגלישער פרעסע זאל פארעפענטליכט ווערען די אלע רציחות פון די פאליאקען געגען אידען.

די קאנפערענץ האט אויך רעקאמענ־דירט צו דער ערוועהלטער עקזעקוטיוו קאמיטע צו רופען אזוי שנעל ווי מעגליך א מאסען־קאנווענשאן.

די נייע ערוועהלטע עקזעקוטיוו קא־מיטע האט די אויפגאבע צו נעהמען אלע מעגליכע שריטע ווי צו ערוועקען די עפענטליכע מיינונג געגען די שוידערלי־כע רציחות אויף אידען.

די קאנפערענץ איז ערעפענט געווא־רען פון ב. וולאדעק, דער טשערמאן פון דער צייטווייליגער קאמיטע פון י. ל. פרץ שרייבער פאראיין, וועלכער האט גערופען דיזע פארזאמלונג.

ב. וולאדעק האט אין זיין ערעפנונגס־רעדע אנגעוויזען, אז די אמעריקאנער ווייסען ניט וועגען די אלע שוידערליכע רציחות פון די פאליאקען געגען די אידען, אז די אמעריקאנער פרעסע דערצעהלט ניט דערפון און אז די אידען האבען צו־פיעל שוין געשוויגען וועגען דעם. די פאראייניגטע שרייבער האבען דערפאר גערופען דיזע קאנפערענץ אום צו מא־כען אן ענדע צו דער גלייכגילטיגקייט. ער האט ערקלעהרט, אז עס מוז אויסגע־דריקט ווערען א פראטעסט אויף א גרוי־סען שטארקען אופן, אזוי אז די אמערי־קאנער זאלען איהם מוזען הערען, אז די פריידענס־קאנפערענץ זאל פון איהם הע־רען. ווי אזוי דיזער פראטעסט זאל אויסגעדריקט ווערען, צי דורך א טרויער־דעמאנסטראציע, צי דורך א גרויסע פרא־טעסט־פארזאמלונג אין מעדיסאן סקוועיר גארדען, צי דורך א סטרייק פון די אר־בייטער, אדער דורך אלע אויסגערעכנע־טע מיטלען צוזאמען — דאס דארף בא־שליסען די קאנפערענץ.

עס איז דאן ערוועהלט געווארען א פרעזידיום פון דריי צו פיהרען די קאנ־ווענשאן. אין דעם פרעזידיום פון דריי זיינען ערוועהלט געווארען: אברהם שא־מער, טשערמאן; דר. האלפערן, וויים־טשערמאן, און דר. מאסקאוויטש, סעק־רעטער.

עס האט זיך דאן ענטוויקעלט א שטורמישע דעבאטע וועגען דער ארט און ווייזע ווי אזוי אויסצודריקען דעם פרא־טעסט און אויפצואוועקען די עפענטליכע מיינונג. צום שלום איז אנגענומען גע־ווארען דער באשלוס, אז די נייערוועהל־טע עקזעקוטיוו קאמיטע זאל אויסארביי־טען פארשיעדענע פלענער וועגען דעם און זאל קודם כל רופען א מאסען־קאנ־ווענשאן, צו וועלכער אלע אידישע אר־גאניזאציאנען זאלען ערוועהלען דעלעגא־טען. עס איז ערקלעהרט געווארען, אז דער פאקט וואס דיזע קאנפערענץ איז אזא ערפאלג, כאטש זי איז גערופען גע־ווארען ערשט לעצטען פרייטאג, וויזט, אז עס איז מעגליך, דאס א גרויסע מא־סען־קאנווענשאן פאר דעם זעלבען צוועק זאל זיין א גרויסער ערפאלג אין א קור־צער צייט.

די עקזעקוטיוו קאמיטע וועט דארפען באשטימען די צייט פון דער מאסען־קאנ־ווענשאן, און עס וועט וועגען דעם אין קורצען געמעלדעט ווערען.

קעפ מייקערס קאנווענשאן עפענט זיך דעם 1טען מאי אין קופער יוניאן

אין די אפיסעס פון די קעפ מיי־קערס און מילינערי ארבייטער יוניאנס, האט זיך לעצטענס זעהר שטארק גערו־דערט מיט דער אנקומענדער קאנווענשאן פון זייער אינטערנעשיאנאל, וואס וועט זיך עפענען דאנערשטאג דעם 1טען מאי, און וועט אנהאלטען איבער א וואך. די קאנווענשאן וועט זיין אין נויארק און די נויארקער לאקאלס האבען געטאן אלץ וואס זיי האבען נאר געקאנט אז די דע־לעגאטען פון אנדערע שטעדט זאלען הא־בען אלע באקוועמליכקייטען און זאלען איבערהויפט קריגען א שענעם קבלת פנים.

די ערעפנונג וועט פארקומען דאנער־שטאג דעם 1טען מאי פארמיטאג, אין קופער יוניאן. דארטען וועלען געהאלטען ווערען באגריסונגס רעדעס פון געסט און פון די בעאמטע פון דער יוניאן.

דאס וואס גראד ערב דער קאנווענ־שאן האט דער קעפ מייקערס פארבאנד געהאט עטליכע סטרייקס, וועט עס די קאנווענשאן־שטימונג מאכען נאך אינטע־רעסאנטער און געהויבענער. מאקס צו־קערמאן, דער דזשענעראל סעקרעטער, האט די בעסטע ערווארטונגען פאר דער צוקונפט פון דעם פארבאנד.

די קאנווענשאן וועט האבען צו בא־שפרעכען ווי איינצופיהרען ערנסטע רע־פארמען אין דער אינדוסטריע און די קאנווענשאן וועט דארפען געפינען מיטעל און וועגען ווי דאס דורכצופיהרען אין לעבען.

די קעפ מייקערס קאנווענשאן וועט אויך האבען צו באשליסען וועגען ענדערען די סיסטעם פון דער ארבייט פון שטיק אויף וואך און צוזאמען מיט דיזער רע־פארמע אויך צו פארלאנגען פון די בעלי־האבען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.

ווי עס הערט זיך, וועט אויך דער קאנווענשאן אויך באשפראכען ווערען דער צוזאמענשטויס וואס איז לעצטענס פארגעקומען צווישען דער אמעריקאן פעדערריישאן אוו לייבאר און דיזען פאר־באנד, אין סינסינעטי, און עס וועט בע־שפראכען ווערען ווי צו האנדלען אויב אזעלכעס זאל ווידער פארקומען.

דאנקען און פרעזענטירען זייער שאפ טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון די סענדלער קלאוק קאמפאניע, 27 וועסט 27טע סט. דריקען אויס אונזער דאנקבארקייט צו אונזער שאפ־טשערמאן, ברודער מאקס צוקערמאן, פאר זיין טיכטיגער ארבייט פאר'ן שאפ דורך'ן גאנצען סיזאן. אלס א צייכען פון אנערקענונג האבען מיר איהם געקויפט א ווערטפולען הויז־ארטיקעל אלס א פרעזענט.

די קאמיטע,
היימאן גראסמאן,
מאיר שערמאן.

נ. ב. — עס איז ווערט צו באמערקען דאס די פירמא האט אויך בייגעשטייערט צו דעם פרעזענט.

רעזאלוציאן פון ס. ל. סילווער'ס שאפ

מיר, די ארבייטער פון ס. ל. סילווער האבען בעשלאסען אויסצודריקען א דאנק צו די בעאמטע פון אונזער יוניאן פאר זייער גוטער ארבייט, וועלכע זיי האבען געלייסטעט פאר אונזער שאפ.

מיר באשליסען אויך צו באדאנקען אונזער שאפ־טשערמאן בר. ה. שולמאן פאר זיין איבערגעבענער ארבייט, וועלכער האט געלייסטעט פאר אונזער שאפ, און מיר באשליסען אויך אונזער שאפ־טשער־מאן צו פרעזענטירען מיט א גאלדענער טשיין און גאלדענע קאף־באטענס אלס צייכען פון אנערקענונג.

רעזאלוציאנס קאמיטע פון ס. ל. סילווער'ס שאפ.

איך קוק אויף אינגעבארג, ווערעם הענגט און פנים זענען באגאסען מיט דער זון. ווי אלט גאלד זעהען אויס איהרע האר. זי האט פארמאכט איהרע אויגען־דעקלעך, אבער זיי זיינען אזוי דין, אז עס דאכט זיך, אז מען קען דורך זיי זעהן די אויגען. א מידער, גליקליכער שמייכעל שפילט זיך אויף איהר אויסגעמאגערטען פנים; אזא שמייכעל זעהט מען בלויז אויף די פנים׳ער פון געזונדע געווארענע, פון געווינערינס און ערשט־פארהייראטע.

פאצא ליגט ביי איהרע פיס און זי האט ארויפגעשטעלט א פוס אויף איהם. פון טיפען אטעמען באוועגט זיך זיין קערפער ארויף און אראפ.

איך קוק אויף אינגעבארג און מיט א שטילער שטימע הויב איך אן:

— דאס מאל וועל איך דיר דערצעהלען פון א הערליכער קעניגין, ווייל איך טראכט פונקט איצט וועגען א קעניגין. דאס איז די קעניגין, וואס דאס פאלק האט גערופען „גאלדען הארץ". סילוויא איז געווען איהר נאמען. זי איז געווען דאס ווייב פון ניקאלא דאנדאלדי, זי איז געווען פול מיט יוגענד, ניקאלא איז געווען אלט. איהם האט מען גערופען „אייזאוויגער מיט׳ן אונבאזיגבארען שווערד", אבער צווישען פאלק האט מען איהם גערופען „שלאפלאזער" און אויך „פאלשער". איך וועל דיר באלד דערצעהלען פארוואס מען האט איהם אזוי גערופען. ער איז געווען זעהר גרויזאם, ווי אלע מלכים פון לעגענדען; וועגען איהם האט מען געזאגט, אז ווען מען זאל איהם ארונטערלאזען אין גיהנום אריין אויף אזוי פיעל איילען, וויפיעל מענשען ער האט דער׳הרג׳עט, וואלט איהם דארט דער גרויסער הימעל אויסגעזעהן ווי א שפיץ פון א נאדעל.

דו קענסט אליין פארשטעהן, אז אויך אין דער לעגענדע באווייזט זיך א פאזש. דעם פאזש האט מען גערופען „אויג", ווייל ער האט געהאט וואונדערליך־שעהנע אויגען. דאס האבען צוגעגעבען אלע פרויען.

— שעהן זיינען דיינע אויגען, — האט געזאגט סילוויא, ווען זי האט איהם צום ערשטען מאל דערזעהן. ווי אין שלאף האט זי ארויסגערעדט די ווערטער. „גאלדען הארץ" האט ליעב באקומען „אויג׳ן", און „אויג" האט ליעב באקומען „גאלדען הארץ".

זיי פלעגען זיך טרעפען אין גארטען און גאנצע נעכט זיצען אין שאטען פון די בוימער. דארט זיינען זיי געזעסען און געפלוידערט און איך האב אלץ געוואוסט, וואס זיי האבען געפלוידערט.

אינגעבארג האט דאס אויך געוואוסט און זי האט זיך צושמייכעלט. א, וויפיעל נעכט האבען זיי דא פארבראכט! ענדליך האט מען זיי ענטדעקט; אין איינער פון די שענסטע נעכט האט דאס פאסירט. צום ערשטען מאל האבען זיי זיך באגעגנט, ווען די קארשען האבען אנגעהויבען צו קריגען א פארב; — און ווען די קארשען זיינען צייטיג געווארען, האט זיך שוין דער שטורעם געקליבען איבער זייערע קעפ.

זיי האבען געמוזט שטארבען.

דער קעניג האט צוזאמענגערופען דעם גאנצען אדעל, ווי צו א יום־טוב. אויסגעפוצט אין די טייערסטע צירונגען, וואס זיינען דורך דורות געקליבען געווארען, זיינען זיי געזעסען אויף די גאלערעען. פון דער ווייטען האט מען זיי געקענט אננעמען פאר בלומען־קרענץ, וואס א גערטנער האט ארויסגעשטעלט צום פארקויף.

מען האט געבראכט סילוויא׳ן און דעם פאזש, — און מיט אמאל זיינען אלע בלייך געווארען, אויך זייערע פנים׳ער זיינען בלייך געווארען. און ווען זיי האבען אנידערגעקניעט און הינטער זיי האבען זיך באוויזען די הענקער — איז געווארען אזוי שטיל, אז יעדער האט געקענט הערען דאס קלאפען פון זיין אייגען הארץ.

געל ווי וואקס איז געווען דער קעניג. סילוויא איז געווען אזוי באצויבערנד שעהן, אז א קאמף האט אויפגעפלאמט אין קייזער׳ס הארץ; א קאמף צווישען ליעבע און דעם פארלאנג נאך נקמה.

און ער האט אויסגעשריען: — די קעניגין קען בעטען באגנאדיגונג! נאר דאס לעבען פון דעם פאמיליען־צושטערער בלייבט אין מיינע הענד...

און אין דער שטילקייט האט זיך דערהערט די צארטע, יונגע שטימע פון דער קעניגין: — איך בעט, אז מען זאל דעם שקלאף, וואס זינגט אזוי טרויעריג אין די נעכט לאזען זיך אומקעהרען אין זיין היימאט.

בייז האט דער קעניג א שמייכעל געטאן.

— די קעניגין קען בעטען באגנאדיגונג! — האט ער אויסגעשריען צום צווייטען מאל און פארהוסט זיך.

מיט אמאל האט „גאלדען־הארץ" גענומען בעטען, אז מען זאל זי פריהער טויטען פון איהר געליעבטען. זי וויל ניט הערען, ווי עס וועט פאלען זיין קאפ.

אבער דער פארליעבטער איז אויף דעם ניט איינגעגאנגען. זאל זי לענגער קענען זעהן דעם הימעל, ווי ער — האט געזאגט דער פארליעבטער. א לאנגע צייט האבען זיי ניט געקענט איינשטימען. יעדער האט געוואלט דער ערשטער גע׳הרג׳עט ווערען. די דאמען אויף די גאלערעען האבען געוויינט. און ווידער האט זיך סילוויא גענומען גרייטען צום טויט.

אין דעם מאמענט האט זיך דער קעניג אויפגעהויבען, אריבערגעבויגען זיך איבער דער גאלערעע און מיט א פארשטיקטען אטעם אויסגעשריען: — די קעניגין קען בעטען באגנאדיגונג! און שטאר האט ער ארייננעקוקט אין סילוויא׳ס אויגען.

אבער סילוויא האט קיין באגנאדיגונג ניט געבעטען, ווי איהם האט זיך געדאכט, אז זי וועט טאן.

— איך בין זיך מודה, אז איך בין שולדיג, — האט זי געזאגט.

דער קעניג איז געפאלען אין זיין שטול אריין און א שאקעל געטאן מיט׳ן קאפ.

עס איז געווען א שרעקליך מודה זיין זיך. דו וועסט עס באלד דערהערען, אינגעבארג.

סילוויא האט אנגעהויבען צו רעדען, אז זי איז יונג און זי האט געבעטען גאט׳ס מוטער, אז זי זאל איהר מוחל זיין דערפאר, וואס איהר איז נאר וואס געווארען זיבעצעהן יאהר.

— גיכער וואלט איך געוואלט ווערען א זיבציג יעהריגע זקנה, ווי צו ווערען א קעניגין. זאל גאט׳ס מוטער מיר מוחל זיין, וואס איך האב זיך דערפרעהט מיט מיין יוגענד, ווען איך האב דערזעהן מיין געליעבטען. איך שווער, אז ווען איך וואלט געווען א זקנה, וואלט איך פון בענקשאפט געשטארבען אין יענער נאכט.

און זי האט אנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי זי האט צום ערשטען מאל דערזעהן איהר געליעבטען.

— ער איז געשטאנען אין דעם זאל מיט די געהאפטענע ווענד, וואו הערען און דאמען זיצען שטילע ביים טיש און שמייכלען; דארט דאכט זיך דיר, אז דו ביזט אין א וועלט פון חלומות און דיר ווערט שרעקליך. דארט האב איך איהם דערזעהן, ער האט מיך באגריסט און איך האב זיך דערשראקען, איך ווייס ניט פאר וואס.

— שעהנע אויגען האסטו! — האב איך איהם געזאגט. איך שווער ביי גאט, אז איך האב ניט געוואוסט, וואס איך טו. ערשט שפעטער האב איך פארשטאנען, וואס איך האב געזאגט.

פאסט דען פאר א קעניגין צו זאגען אזוינע ווערטער? פארשטעהט זיך, אז ניט. אבער איך האב עס געטאן.

איך האב זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט, איך האב א ציטער געטאן און צולאכט זיך. פאסט דען פאר א קעניגין צו לאכען, ווי א קינד? איך האב עס געטאן.

א צווייטען מאל האב איך איהם באגעגנט אויף די זילבערנע טרעפ. שרעקליך בלייך איז ער געווען.

— פארוואס ביזטו אזוי בלייך? — האב איך איהם געפרעגט.

און ער האט געענטפערט: — איך בין בלייך דערפאר, וואס איך האב ליעב א מיידעל און איך טאר איהר דערפון ניט זאגען.

איך האב זיך ניט דערשראקען, ווייל איך האב זעהר גוט געוואוסט, ווער דאס מיידעל איז.

— און דו וואלסט א קוש געטאן דאס מיידעל ווען מען זאל עס דיר ערלויבען?

— איך שווער ביי גאט, אז יא.

— טא קוש־זשע מיך!

און ער האט מיר א קוש געגעבען. פריינד מיינע, דאס איז געווען אין מיטען טאג, פאר די אויגען פון גאנצען הויף. די מעווען האבען עס געזעהן, די פיש אין ים און נאך טויזענדער אויגען, בלויז אייך אליין האט גאט פארשטעלט די אויגען.

און איך האב דערצעהלט, ווי „גאלדען־הארץ" האט ווייטער גערעדט וועגען איהר געליעבטען און וועגען איהר ליעבע און זי האט ניט אויפגעהערט צו לויבען די שעהנהייט פון איהר געליעבטען, זיינע אויגען, ליפען, הענד, שטימע און זי האט באזונגען דאס גליק פון איהר ליעבע. יא, אזוי האט זי גערעדט, אז די מאנאכען האבען אומגעקעהרט די קעפ.

— א, פרויען, איהר, וואס זיצט אויבען אין דער הויף! — האט זי אויסגעשריען. — קוקט אויף מיר, די געפאלענע! ווייסט, אז פאר קיין שום פרייז וואלט איך זיך ניט געביטען מיט אייך! מיט פרייד וואלט איך געשטארבען פאר אן איינציגע האר זיינע. א, ווי גליקליך וואלט געווען יעדע איינע פון אייך, ווען זי וואלט געקענט רעדען אזוינע ווערטער! כא־כא! איהר וואלט קיינמאל ניט חרטה געהאט, ווען ער וואלט כאטש איינמאל נאר ארומגענומען אייער האלז, איהר וואלט גיכער איינגעוויליגט אויף אלע יסורים פון גיהנום, ווי דורכצולאזען זיינע אן איין־איינציגען קוש. איך ווייס עס, יא, יא, יא!

אזוי האט גערעדט סילוויא און זי האט ניט געקענט אויפהערען צו רעדען וועגען איהר געליעבטען און וועגען דעם גליק פון איהר ליעבע.

זי האט ניט גערעדט, ניין, — זי האט געיובעלט, געלאכט און געוויינט, רעדענדיג אט די ווערטער האבען איהרע באקען געפלאמט פאר פרייד.

און געוויינט האט „אויג" פאר פרייד און גליק, און אזוי ביטער האט ער געוויינט, אז די שטיינער אונטער זיינע פיס זיינען פינסטער געווארען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס די זון האט געברענט.

די געסט האבען געציטערט. דער קעניג האט זיך געווארפען פון סילוויא׳ס ווערטער און גענומען ווי פארגליווערט ווערען.

טיפע, פינסטערע קנייטשען האבען זיך באוויזען אויף זיינע שלייפען און באקען.

און ווידער האט זיך סילוויא גענומען גרייטען צום טויט. זי איז געווען אזוי שעהן און איהר פנים איז געווען אזוי פריידיג, עס האט אזוי געלויכטען ווי זי וואלט איצט מיט איהר געליעבטען געגאנגען צו דער חופה און ניט צום טויט.

די הענקער האבען געווארט אויף א צייכען, נאר מיט אמאל האט דער קעניג ווידער אמאל אויפגעהויבען זיין האנד.

(פארטזעצונג פאלגט)

אין דער טשילדרענס דרעסמייקער יוניאן לאקאל 50

דורך די לעצטע פאר מאנאטען זיינען מיר געווען אזוי ארייננעטאן אין דעם ווייסט און דרעס מאכער סטרייק, דאס מיר האבען אפגעלעגט אן א זייט אפילו אזא וויכטיגע זאך, ווי צו מעלדען פון צייט צו צייט אין דער „גערעכטיגקייט" וואס עס־טוט זיך אין אונזער יוניאן.

עס פרעהט מיר צו באמערקען, דאס די טשילדרענס דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 50, איז געווען דער ערשטער לאקאל פון אונזער אינטערנעשיאנעל אין ניו יארק צו עטאבלירען א 44־שטונדיגע ארבייטס וואך, און מיר האבען דאס באוויזען צו באקומען אהן א סטרייק. מיר האבען געהאט א צאהל קאנפערענצען מיט די מאנופעקטשורערס אין דעם טרייד; אונזער יוניאן איז דארט געווען פארטראטען פון א קאמיטע פון דעם לאקאל מיט פרעזידענט שלעזינגער בראש, און ווען עס איז אונז געלונגען צו איבערצייגען די מאנופעקטשורערס, דאס וויבאלד זיי וועלען ניט נאכגעבען דעם פארלאנג פון א 44־שטונדיגער ארבייטס וואך, וועלען מיר זיכער דערקלערען א דזשענעראל סטרייק אין דער אינדוסטרי, האבען זיי דאס נאכגעגעבען און מיר האבען אזוי נאך אויסגעמידען א שווערען קאמף.

אבער כאטש מיר האבען ניט געדארפט רופען קיין דזשענעראל סטרייק אין דער גאנצער אינדוסטריע האבען מיר אבער דאך געהאט א סטרייק, אין די אינדעפענדענט שעפער און אין די ניט־יוניאן שעפער אין דעם טרייד, איבער וועלכע מיר האבען בעפאר ניט געהאט קיין קאנטראל. אין דעם סטרייק האבען זיך באטייליגט ארום 6000 ארבייטער.

דורך דעם סטרייק האט אונזער יוניאן צוגעקראגען איבער א טויזענד נייע מיטגליעדער. מיר האבען ארגאניזירט 40 שעפער, וועלכע זיינען בעפאר ניט געווען אונטער׳ן קאנטראל פון דער יוניאן און איך גלויב, אז פאר אונזער יוניאן איז דאס געווען א גאנץ פיינער אויפטו. עס פארשטעהט זיך, אז דאס איז אונז ניט אזוי לייכט אנגעקומען. די באאמטע פון דעם לאקאל, דער עקזעקוטיוו באארד און די אקטיווע מיטגליעדער פון אונזער יוניאן האבען גאנץ שווער געארבייט, זיי האבען געטאן אלעס וואס איז נאר מעגליך געווען צו מאכען דעם סטרייק ערפאלגרייך.

מיר האבען פינאנציעל געשטיצט די סטרייקערס אום צו האלטען זיי אין סטרייק ווי לאנג עס איז נויטיג געווען, ביז דער סטרייק איז פאלשטענדיג געוואונען געווארען. מאנכע מאנופעקטשורערס פון אט די שעפער האבען זיך פאראקשנ׳ט און דער סטרייק אין יענע שעפער האט געדויערט 6 און 8 וואכען, און דורך דער צייט האבען די סטרייקער באקומען דעם רעגעלען סטרייק בענעפיט.

אבער אונזער לאקאל איז נאך מיט דער ארבייט ניט אין גאנצען פארטיג. עס איז נאך דא א צאהל ניט ארגאניזירטע שעפער אין טרייד, וועלכע מען דארף ארגאניזירען. מיר פלאנעווען אין גיכען אנצופאנגען א גרויסען ארגאניזאציאנס־קאמפיין, און מיר האפען אז עס וועט אונז געלינגען אלע דיזע שעפער צו ברענגען אונטער׳ן קאנטראל פון אונזער יוניאן. וועגען אט דער געפלאנטער ארגאניזאציאנס־ארבייט וועל איך פון צייט צו צייט באריכטען אין די קומענדע נומערען פון די „גערעכטיגקייט."

הערי גרינבערג,
מענעדזשער לאק. 50.

פרעזענטירען דעם שאפ טשערמאן.

די ארבייטער פון פרוזבערג און מאנדעלבוים שאפ, 28 א. 22טע סט. האבען פרעזענטירט דעם שאפ־טשערמאן, ברודער סעם רייכעלסאן מיט אין דיימאנד לאקעט פאר זיין גוטע ארבייט וועלכע ער האט געלייסטעט אונענטגעלטליך אין דעם שאפ פאר די לעצטע צוויי סיזאנס. ברודער רייכעלסאן האט פיעל מיה און ארבייט פארוואנדעט צו האלטען אין שאפ יוניאן קאנדישאנס, און מיר, די ארבייטער, האבען דורך דעם פרעזענט איהם ארויסגעצייגט אונזער דאנקבארקייט צו איהם. מיר האפען דאס אונזער ברודער רייכעלסאן וועט ווייטער אנהאלטען זיין אקטיוויטעט, און מיר וועלען איהם אימער העלפען אין זיין ריכטיגע ארבייט.

איזי בראון, סעם ש[illegible]
לואיס קליין, דזשע[illegible]

וואך־ארביים, און נישט קיין שנזיק־אר־ביים?

— שור, מייק, פארשטעהן מיר, נאך ווי!...

— אלרייט, אט אזוי האב איך אייך ליעב!

און איך גיב יעדען א גלעט איבער'ן קאפ.

---

2. טר־ר־ר־ר... בר־ר־ר־ר.

עס איז א מיטינג אין קופער יוניאן, א מיטינג פון לאקאל איינס. אפרייטארס האבען דאס ווארט.

עס הויבט זיך אויף א איך מיט א באָרד און שרייט ארויס אויף גאליציא־נישלשון:

— אונז ווילען מיר נישט קיין וואך־ארביים... דער קלאוק־מאכער טרייד איז טר־ר־ר־ר... און בר־ר־ר־ר...

אלע קוקען זיך אום אויף איהם ווי אויף א בייז־וואונדער. וואס וויל דער איד? וואס איז ער, א באלעגאלע, צו אל־דע גוטע יאהר און טרייבט דא אן פערד?

נאר דער טשערמאן קלאפט מיט'ן האמער און הייסט מען זאל שווייגען. זאל מען דעם ברודער לאזען ענדיגען און ארויסזאגען וואס ער מיינט.

דער „יודע" זעצט פארט:

— עך פארשטעהט איהר מיך... אונז דארפען מיר ניט קיין וואך־ארביים... דער קלאוק מאכער סיזאן איז א קורצער, ער קומט אן שנעל און געהט אוועק שנעל.... עס איז טר־ר־ר־ר און בר־ר־ר־ר... אונז דארפען מיר איילען זיך, יאגען, אריינכאפען, אויסנוצען, ארבייטען ווי פערד... ווייל ס'איז טר־ר־ר־ר און בר־ר־ר־ר...

אין האל האט אויסגעבראכען א גרויס געלעכטער.

געהט, טענה'ט מיט אזא אידען, אז ס'לינט מאקי אין די ארבייטערס הענט אליין צו זעהן מאכען, אז די קלאוק מא־כער זאלען נישט דארפען ארויסיאגען זיך די נשמה ביי דער ארבייט און האלטען אין איין יאגעניש און כאפעניש. די מלאכה דארף סיי ווי סיי געטון ווערען. די גאר־מענטס דארפען אויפגענייהט ווערען. דורך א נס וועלען די קלאוקס ניט אויפגענעהט ווערען. אז מען וועט ארבייטען ווייניגער שטונדען — וועט שוין במילא דער סיזאן לייגנער ווערען. א ברירה וועלען די באסעם האבען. צוליעב וואס דאס נשמה־ארויס־יאגעניש?

צוליעב וואס מאקי, איך פרעג אייך, דער בר־ר־ר־ר און טר־ר־ר־ר?..

3. ער וויל נישט פארלירען זיין דזשאב.

אויף א מיטינג אין סטייוועסענט קא־סינא הויבט זיך אויף אן עלטערער איד, און בעט דאס ווארט.

איך קוק זיך אין איהם איין:

א שיווער איד, שוין אודאי קרוב צו 60 יאהר. האט מסתמא שוין אייניקלעך. אין דער היים איז אזא איד א גבאי, און אלע הערען זיך איין מיט יראת הכבוד צו זיין ווארט. ער איז גרוי. א הויכער, חשוב'דיגער איד, נאר עטוואס שוין איינ־געבויגען. עס איז נישט פון יאהרען, דער־קען איך. ער איז סוטולעוואטע געווארען שטעהענדיג איינגעבויגען עטליכע צעהנ־דליגע יאהר איבער דעם פרעס־אייזען.

צוערשט הער איך מיך קוים איין צו דעם וואס דער אלטער איד זאגט. איך טראכט מיר מיינע אייגענע געדאנקען. אז אזא איד, זאג איך צו זיך, וואס איז שוין באלד 60 יאהר אלט און האט שוין אודאי אייניקלעך, דארף נאך געהן אין שאפ הא־רעווען, און קען זיינע לעצטע פאר יאהר אין רוהיגקייט אין זיין אייגענער היים נישט אויסהעבען — איז דאס זעהר א שלעכטער און מיאוסער סימן! עס צייגט, אז עס איז נאך דא גאר, גאר א היבש ביסעל גערעכטיגקייט וואס די ארבייטער דארפען נאך קריגען! און עס איז נאך דא גאר א היבש ביסעל „גריוועגסעס" און קריוודעס, פארוואס די ארבייטער דארפען זיך נאך אפרעכענען מיט זייערע „ברויט־געבער".

און דא דערהער איך, ווי דער אלטער איד שרייט אויס מיט א ציטערדיג קול:

— איך וויל נישט פארלירען מיין דזשאב!...

איך הער מיך איין מיט אלץ־וואק־סענדער שטוינונג צו זיינע ארגומענטען. ער טרעט ארויס קעגען די יוניאן־פאדע־רונגען, ווייל ער וויל נישט פארלירען זיין דזשאב!...

ער דערצעהלט זיין געשיכטע:

— ער איז שוין, ווי איהר זעהט אליין, אן עלטערער מענש, האט שוין א היבש ביסעל יאהרען ביי קלאוקס אפגע־ארביים. זיין גאנץ לעבען דארט אוועקגע־לייגט, און זיין גאנץ געזונט דארטען אָפּ־געווארען. נו, האט ער שוין איצט קיין כחות נים, האט איהם דער באס באלעבאס פון'ם שאפ א „טובה" געטאן: ער לאזט איהם ארבייטען אין שאפ ווי־פיעל ער קען אויסמאכען מיט זיינע אי־בערגעבליבענע כחות, און דערפאר צאהלט ער איהם 20 דאלער א וואך. שרעקט זיך איצט דער אלטער איד, אז איצטער, ביי די נייע פאדערונגען, וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט, וועט דער באס איהם נאך פון שאפ ארויסשמייצען... ווייל, אז מען וועט איינפיהרען א מינימום וואכען־ווידזש, לאמיר זאגען פון 50 צו 45 דאלער, וועט זיך דעם באס זיכער נים לוינען איהם האלטען, און ער וועט איהם ארויסיאגען ווי א הונט!...

עס האט גענומען א שטיקעל צייט ביז וואכען עס איז געלונגען איהם פארזי־כערען, אז אזוינע עלטערע אידען, ווי ער, וועלען זיכער פון דעם מינימום־ווידזש נים דארפען ליידען. אז אויב ער האט זיין גאנצען לעבען און אלע זיינע כחות אוועק־געליגט אין שאפ, דאן האט ער גאנץ כשר פארדינט צו קריגען דעם מינימום־ווידזש, און מאקי נאך מעהר!

נאר דער אלטער איד האט עס נים געקענט באגרייפען. ער האט זיך אנידער־געזעצט צוריק אויף זיין פלאץ, און גע־האלטען אין איין מורמלען און אין איין באקלאגען זיך:

— ער וועט נאך פארלירען זיין דזשאב...

אינגעבארג

א ראמאן פון ב. קעללערמאן

(פארטזעצונג).

קארל האט מיר אנגעטהאן די זאקען, דער פאטע קארל בליטהאופט האט מיר געהאלפען אנטהאן די זאקען.

זאלען צוליעב דער גרויסער פרייד צולעגט ווערען פייערען אויף די בערג! אמוזירונגען, טענץ און געזאנגען!

גאלד אין די געצעלטען פון די ארעמע לייט!

צוויי טעג און צוויי נעכט האט העל געפלאקערט דער וואלד אויפ'ן בארג, — מיין וואלד. פון אלע דערפער ארום זיינען אנגעקומען פייער־לעשער; א שרעקליכער טומעל און גערויש. זאל ברענען! זאל ברענען! העל ברענט דער וואלד ביי נאכט. ווייט זעהען זיך די פייערען.

אינגעבארג זיצט אויף דער ווערענדע מיט א טוך אויף די פלייצעס. זי איז בלייך און, עס דאכט זיך, אז מען קען זעהן, ווי עס פליסט דאס בלוט אין איהרע אדערען, אין די שלייפען און אין דער האנד.

מיט פארוואונדערטע, ברייט־געעפענטע אויגען קוקט זי אויף די בוימער, אויף דער לאנקע, וואס וויגט זיך אין דרימעל, אויפ'ן טאל. דארט שטעהען קליינע פערדלעך און וואגענס, נע־בען זיי באוועגען זיך קליינע באשעפעניסען, וואס לאדען זיי אן מיט היי. טיילמאל גיט עפעס א גלאנץ: א מעטאלענע קאסע, א רייף; אפגעריסענע געשרייען ברענגט פון דארט דער ווינד.

נאך לאנגע טעג פון געוויטער זיינען אנגעקומען וואכען פון דער הערליכער זון, פון דער זון, וואס גיסט גלייכמעסיג איהר רויטען שיין אויף דער ערד, ווען דער זומער האלט אין ענ־דיגען זיך.

צוויסטשערענדיג האבען זיך די שוואלבען געטראגען אין דער לופט, אט האבען זיי זיך צוזאמענגעקליבען אויף איין פלאץ און אט מיט דער גיכקייט פון א קריץ פאנאנדערגעפלויגען אי־בער דעם גאנצען טאל. זיי האבען געשריען, ווי א פייל פון בויגען זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און ווי שטיינער ארונ־טערגעפאלען צוריק אין טאל און מיט אמאל האבען זיי אויס־געשפרייט די פליגעל און רוהיג געשוועבט.

אין אינגעבארגס אויגען באווייזען זיך טרערען, ווי נאר זי גיט א קוק אויף דער זון; טרערען באווייזען זיך אין איהרע אויגען, ווען זי דערהערט נאר דאס צוויטשערען פון די שוואלבען.

— איך בין שוואך, ווי א קינד, — זאגט זי און טרערען טריפען אויף איהר האנד. — קיינמאל איז נאך מיין הארץ נים געוועזען אזוי פול מיט דאנקבארקייט און מיטגעפיהל.

איך זיץ מיט איהר, איך פלוידער, איך שווייג, טו אלץ וואס אינגעבארג וויל. בעסערע און מעהר שטילערע שעה'ן, ווי אין דער צייט פון איהר געזונט ווערען, האב איך אין מיין לעבען ניט געהאט. מיין הארץ איז רוהיג און פול מיט גליק און די ברוסט איז פול מיט טרערען און ס'איז ניטא קיין כוח זיי אויסצואווייכען.

איך און קארל האבען זיך באמיהט צו פארשאפען אינגע־בארג טויזענדע פארשיעדענע פארגעניגענס, אויסער, פארשטעהט זיך, אזוינע, וואס וואלטען זי געקענט אויפרעגען. מיט רויזען זיינען שטענדיג באפוצט אינגעבארגס צימערען, אויף טעפיכער פון ווייסע רויזען געהט זי שטענדיג ארום. קומענדיג פון שפא־ציר, ברענגט קארל מיט זיך א גאנצען וואלד: קראנצען פון רויטע און שווארצע בערען, אין וועלכע עס איז דא פארבארגען דער זאפט און דער ריח פון זומער.

יא, קארל האט אפילו איינגעשטימט איבערצולעזען אינ־געבארג די שטעלען פון זיינע ביכער, וואס געפעלען איהר בא־זאנדערס. זיין רוהיגע שטימע, זיין איידעלע נאטור, האבען גע־האט א גוטע ווירקונג אויף אינגעבארג. מען האט געקענט בא־מערקען, אז זי נעמט צו געזונדט, ווען קארל איז אנוועזענד גע־ווען. און ווען קארל האט געלאכט, האבען זיך איהרע ליפען צוזאמענגעלייגט ווי אויף א שמייכעל און איהרע באקען האבען זיך גערויטעלט.

— הערסטו, אקסעל, היינט האט מיך הערר קארל אנגע־רופען ליעבע פרוי אינגעבארג — כא־כא־כא! קיינמאל האט ער מיך נאך אזוי נים אנגערופען!

איך האב געבראכט וואונדערבארע בילדער, וועלכע געהען נים ארויס פון זינען, לאנג נאך דעם ווי מען האט זיי געזעהן, און אוועקגעלייגט זיי נעבען אינגעבארג; איך זעץ זיך צו דער פיאנא און שפיל די מאטיוגען, וואס אינגעבארג האט ליעב און דורך די אפענע פענסטער שטראמען די שטראלען פון דער זון.

אינגעבארג ווערט מיד. זי פארמאכט די אויגען, לייגט דעם קאפ אוועק אויפ'ן קישען און זאגט: — דערצעהל מיר עפעס, אקסעל!

דערצעהל מיר עפעס אזוינס, ווי דו האסט מיר אמאל דער־צעהלט וועגען דעם פארפראָרענעם וויינגארטען, אדער וועגען די פארליעבטע אויפ'ן ים. דערצעהל, אקסעל, טראכט עפעס אויס.

איך קוק אויף אינגעבארג און הונדערטער מעשיות און לעגענדען קומען מיר אויפ'ן זינען. איך דערצעהל איהר פאר־שידענע מעשיות. איך דערצעהל איהר די געשיכטע פון דעם גוטבאזיצער הערמאן עקע, וועמען עווא האט פארלאזען. זיי האבען געלעבט גליקליך, עווא און ער, נאר עווא איז אוועק פון איהם צו א צווייטען. פארוואס? קיינער ווייס עס נים. וועט זי שוין שטענדיג פארבלייבען ביים צווייטען? ניין, זי וועט זיך געוויס אומקעהרען צו הערמאן עקע.

און עס ווארט הערמאן עקע, אז זי זאל זיך אומקעהרען. ער פארזעהט א גארטען פאר איהר, ער בויט אויס א טעראסע, יאהרען פארגעהען. וואו איז עווא? זי קעהרט זיך נים אום, אבער ער ווארט און ווידער פארגעהען יאהרען. פיעל יאהרען איז ער געווען דערשלאגען און טרויעריג, אבער גיט אויף איהם א קוק איצט! שטאלץ און גלייך איז זיין גאנג און די אויגען זיינע לויכטען. זיין פריינד פרעגט איהם: גלויבסטו, באמת, אז עווא וועט זיך אומקעהרען? — כא־כא־כא! — ענטפערט הערמאן עקע און בלייבט שטיל. ווייס ווערען הערמאן עקע'ס האר. זיין פריינד פרעגט איהם: וואס וועסטו זאגען עווא'ן אויב זי וועט זיך אומקעהרען?

— קעניגין, וועל איך זאגען, — ענטפערט הערמאן עקע, — פארטיג איז דיין טראהן. מיר וועלען רעדען וועגען די קומענדע טעג.

טרויעריג שמייכעלט זיין פריינד: הערמאן עקע איז אראפ פון זינען.

אין עווא'ס צימער ברענט די לאמפ, בלומען זיינען אויס־געשטעלט. יעדען אווענד שטעהט הערמאן עקע אויפ'ן טורעם און קוקט ארויס אויפ'ן וועג, צי עס באווייזט זיך נים קיין עקי־פאזש. ניין, מען זעהט קיין עקיפאזש נים.

דער פריינד קוקט אויף הערמאן עקע און טראכט: — דו וועסט אין גיכען שטארבען. שוואך איז דיין הארץ, — אזוי טראכט ער.

יא, עווא האט א שוועסטער, וואס דארף קומען און דער־צעהלען איהם אלץ וועגען איהר און איהם אנזאגען, אז אין גיכען קומט עווא. די שוועסטער קומט און רעדט מיט דעם פריינד.

— עווא איז געשטארבען; אין ארעמקייט, פון אלעמען פאר־לאזען איז זי געשטארבען. — דערצעהלט איהם דאס נים — זאגט דער פריינד — זאגט איהם, אז זי לעבט אין רייכטום און גליק, און אז איהר לעבען איז איין גרויסער יום־טוב און אז אין גיכען וועט זי אומקעהרען זיך צו איהם.

— גוט!

אט קומט אריין הערמאן עקע. ער האט געווענדעט זיין בליק אויף דער שוועסטער, — ער פארריכט די אויגען־גלעזער — אט אזוי. זיינע אויגען לויכטען מיט א נים ערדישען גלאנץ. ער שפרייט אויס זיינע הענד — אט אזוי.

— עווא'ס שוועסטער! מורמעלט דער פריינד.

האט הערמאן עקע דאס געהערט? ניין.

ער זאגט: קעניגין, פארטיג איז דיין טראהן, — לאמיר זיך דורכשמועסען וועגען דער צוקונפט.

דאס זיינען געווען הערמאן עקע'ס לעצטע רייד.

— וואס זאגסטו אויף דעם, אינגעבארג?

אינגעבארג שאקעלט דעם קאפ, שמייכעלט, איהרע וויהעס ציטערען און טרערען באווייזען זיך אין איהרע אויגען.

— דערצעהל, אקסעל, — טראכט עפעס אויס!

גאלד, גאלד, גאלד! די זון בענשט די וועלט. א שמיי־כעל ליגט אויף אלעם אויסגעשפרייט, אפילו אויף די שפיצען פון די גראזען. די וועלדער, די נאהענטע און די ווייטע — פונקט ווי כוואליעס צופלאסען גאלד. גאלדיג איז דער פייערעל און א גאלדיג גלאנציגער רעגען פאלט אויף דער ערד. אויף דער מעריב זייט פון הימעל — קליינע וואלקענלעך; זיי זעהען אויס ווי פלאטערדיגע שייטער־הויפענס. אויף זיי ברענט די זון און זייער פלאם צושפרייט זיך איבער'ן הימעל. גאלדענע בלעטער ציטערען אויף א גאלדענעם הימעל, מען זעהט נים די צווייגען, אויף וועלכע זיי הענגען. די בוימער פון דעם ווייטען וואלד זעהען אויס ווי גאלדענע זיילען בעשאטען מיט ערעל־שטיילער. דארט שלעפען זיך ארום פערד און אן ארבייטער. ווי פון גאלד זעהען אויס די פערד, ווי פון גאלד זעהט אויס דער ארבייטער עס וועהט א גאלדענער ווינד, א גאלדענער טוי טריפט פון די בוימער.

שאב וועט מען ניט קענען קריגען אויף
ין רפואה!!

„וואך-ארבייט וועט פארקלענערען די
ורדיענסטען פון די ארבייטער; דער
סקייל", וואס מען וועט קריגען, וועט
י י נ מ א ל ניט זיין אזוי הויך, ווי די
צטיגע פארדיענסטען פון די שטיק-אר־
יטער."

ק־ינמאל — דאס איז אפילו א צו
ויסער ווארט. ווער קען עס וואגען צו
גען: קיינמאל? אבער איז עס טאקי
בטיג, אז דער סקייל איז ניט אזוי גרויס,
די איצטיגע פארדיענסטען פון די
טיק-ארבייטער? יע, ריכטיג, נאר מיט
ין קליינעם ווארט געענדערט: אנשטאט
ון די שטיק-ארבייטער" האט באדארפט
ן פון מ א נ כ ע שטיק-ארבייטער.
ר סקייל, וואס ווערט געפאדערט איצט
ן דער יוניאן איז 50 דאלאר א וואך.
, עס איז א פאקט, אז מ א נ כ ע
ביי־טער האבען אין דעם לעצטען סע־
ן פארדיענט מעהר, ווי 50 דאלאר א
אך, אבער דאס מיינט נאך ניט, אז זיי־
ע פארדיענסטען וועלען דורך דעם
קייל קלענער ווערען. צו וואס זיך נא־
ן אליין און נארען אנדערע? זיינען
עם דא פיעלע אפרייטערס וואס הא־
ן פארדיענט 100 דאלאר א וואך אין
דקליך א וואך צייט? אלע ווייסען, אז
הונדערט-דאלאר-אפערייטארס האבען
ן א וואך צייט געארבייט צוויי און
הר וואכען, אז זיי האבען געארבייט, ווי
נשען, וועלכע האבען פארגעסען, אז זיי
נען מענשען, און אט דערצו וויל טאקי
יוניאן מאכען איינמאל פאר אלע מאל
סוף. זי וויל ניט, אז דער ארבייטער זאל
רדיענען איין וואך הונדערט דאלאר,
ן די צווייטע וואך זיי מוזען פארקרענ־
. זי וויל אז זיינע פארדיענסטען זא־
ן זיין אזעלכע, וועלכע זאלען איהם גע־
ן די מעגליכקייט צו לעבען, צו געניסען,
ן דערפאר אליין שוין וועלען די פאר־
ענסטען פון די ארבייטער, אלס וואך־
בייטער. ניט דער ערך פארגרעסערט
רען, אנשטאט פארקלענערט ווערען.
דצו דארף מען קענען פשוט אביסעל
בור. רעכענט אויס, און איהר וועט
ינזעהן, אז איידער צו מאכען, למשל,
הונדערט דאלאר א וואך אכט וואכען
באנאנד, וואס דאס באטרעפט די סך
פון 8 הונדערט דאלאר, און דאן ארומ־
ן מאנאטען לאנג פוסט-און-פאס, לוינט
פיעל בעסער צו ארבייטען צוואנציג
כען צו 50 דאלאר, וואס באטרעפט די
מע פון 1,000 דאלאר, מיט צוויי הונ־
רט דאלאר מעהר, און מיט א פיעל
ענערען שאנס ארומצוגעהן מאנאטען־
נג לעדיג, ווי אין דעם ערשטען פאל.
וועגען די איבעריגע ארגומענטען ווע־
מיר ריידען אין די ווייטערדיגע נר־
רען, אבער מיר האפען, אז איידער מיר
לען זיין צוענד מיט אונזער ויכוח מיט
טשעמפיאנס פון שטיק-ארבייט, וועט
ן וואך-ארבייט זיין איינגעפיהרט, און,
טירליך, פאר מענשען, וועמעס דענ־
קס-קראפט איז א גאנץ שוואכע, וועט
ר שטארקסטער ארגומענט זיין די
אקטיקע.

ארונטער מיט דער בלאקאדע

פון דזשוליעט סטוארט פאינטין.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 2, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

מיר האבען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" אנגעוויזען, דאס א שרעקליכע נייע וואפע ווערט געשמידט פאר די באשיצונג פון דעם אינטערנאציאנאלען קאפיטאליזם און פאר די דערשטיקונג פון די נייע שטרעבונגען פון די ארבייטער, דאס איז דער קאנטראל איבער די שפייז. די ענגלישע ארבייטער באגרייפען די געפאהר פאר די אינטערנאציאנאלע ארבייטער באוועגונג דורך דאס אויסהונגערען פון גאנצע נאציאנען וועלכע שטרעבען זיך צו רעארגאניזירען אויף א מעהר גערעכטען און דעמאקראטישען יסוד, און אלע צוזאמען הייבען זייער שטימע מיט דעם געשריי: „ארונטער מיט דער בלאקאדע!"

מיט דעם ווייטערען פארטשריט פון דער מלחמה איז די דאזיגע עקאנאמישע וואפע געווארען אלץ מעהר און מעהר וויכטיג. די נאציאנען פון צענטראל-און-איסט-איירָאפא זיינען ארומגעצאמט געווארען מיט א ריגג פון שטאהל, און זייערע האפענס זיינען פארשלאסען געווארען פאר'ן האנדעל דורך די פלאטעס פון די עלייעס. שפייז און רויהע מאטעריאלען זיינען ניט צוגעלאזען געווארען צו אזעלכע פעלקער, וועלכע האבען זאגאר אין פרידענס-צייט קיינמאל ניט געקאנט עקזיסטירען, ניט אימפארטירענדיג שפייז און רויהע מאטעריאלען אויף א גרויסען מאסשטאב. דער ענדליכער זיגער איבער דיזע נאציאנען איז געוועזען מעהר אן עקאנאמישער ווי א מיליטערישער. עס איז געוועזען דאס פארהונגערען פון קינדער, דאס האלב-פארהונגערן פון די ארבייטער, די אונמעגליכקייט פאר די אינדוסטריע ווייטער אנצוגעהן דורך דאס פעהלען פון רויהען מאטעריאל — דאס האט פאראורזאכט דעם פלוצלינגען צוזאמענבראך. אזוי שנעל ווי דאס שלאגען זיך האט אויפגעהערט, האט מען געגלויבט, אז אויך די עקאנאמישע מלחמה קומט צו א סוף, און דאס גלייך וועט אפגעשאפט ווערען די בלאקאדע.

די האלב-פארהונגערטע פעלקער פון איירָאפא האבען אזוי ווי אויפגעאטעמט, זעהענדיג ברויט אין אויסזיכט. באלד אבער האט געפאלגט די אלגעמיינע ביטערע ענטוישונג דורך דער ערקלערונג, אז די „עקזיסטירענדע בלאקאדע פון די עלייעס און די פאראייניגטע מעכטע בלייבט ווי געוועזען", נאר עס איז צו האפען, דאס "די עלייעס און די פאראייניגטע שטאאטען דענקען צו פארזארגען אין דער צייט פון וואפענשטילשטאנד דייטשלאנד מיט שפייז, אויב עס זועט געפונען ווערען פאר נויטיג". און איצט, ווי דער ענגלישער דזשורנאל „ניישאן" דריקט זיך אויס: פינף מאנאטען זיינען שוין אוועק, און די בלאקאדע איז געבליבען אונגעענדערט. זי איז נאך מעהר שטייף געווארען. נייע האנדעלס באשריינקונגען זיינען געקומען נאך דער באוואפענטער אקופאציע, איינשליסענדיג זאגאר דעם פערבאט צו כאפען פיש אין אטלאנטישען ים. די עלייעס האבען עס ניט געפונען פאר נויטיג צו באזארגען דייטשלאנד מיט שפייז. זיי האלטען עס נאך ביז איצט אין דענקען וועגען דעם.

די ארבייטער אין איירָאפא הונגערען אונטער דער בלאקאדע, ווי דאס האט נאך קיין מאל ניט פאסירט אונטער די ערגסטע צושטענדע פון לוינשקלאפעריי. טויזענדער געהען אונטער טעגליך דורך מאנגעל אין שפייז. מוטערס פארהונגערען זיך זעלבסט, אום איבערצולאזען מעהר שפייז פאר זייערע קינדער. אין לענדער, ווי עסטרייך, וואו דאס ניט-דערעסען האלט שוין אן מעהר, ווי צוויי יאהרע, איז דער צושטאנד פון דעם פאלק ווירקליך שוידערליך. עס ווערט באהויפטעט, דאס אין לעמבערג קוים איין קינד פון געבארענע הונדערט בלייבט אין לעבען. אין וויען איז די ברויט-פארציע פארקלענערט געווארען ביז צו א פונט פאר א טאג, וועהרענד דער קליינער ארבייטסלאזיגקייט-בענעפיט, וואס איז באוויליגט געווארען איז צוריקגעצויגען געווארען. ווען די ארבייטסלאזע פארזאמלען זיך, אום צו דעמאנסטרירען זייער שרעקליכע לאגע, ווערען זיי דערשאסען פון מאשין-ביקסען.

ה. נ. בראטספארד, א וואויל-באקאנטער ענגלישער שריפטשטעלער, באהויפטעט, דאס אין וויען וואלט מען בוכשטעבליך געשטארבען פון הונגער, ווען עס וואלטען ניט געוועזען די עפענטליכע קיכען. גאנץ לאנגע רייהען פון מענשען, אפגעריסענע און אפגעשליסענע, שרעקליך אויסגעמאטערטע ווארטען שטונדען לאנג אויף זייערע שפייז-פארציעס, וועלכע וואלטען ניט פארשמוצט זאגאר דעם געוויסען פון א וועגעטאריער. דאס איז אביסעלע סופ אהן פעטס און אהן ברויט, וואס ווערט פארקויפט פאר 30 סענט. איין פארציע איז פונקט גענוג צו דערהאלטען איינעם ביים לעבען, אויב ער ארבייט ניט, און דאס מוז דיענען אלס שפייז, פאר א פאמיליע פון עטליכע פערזאנען.

און דאס איז פאר די וועלכע קענען באצאהלען. עס זיינען דא ספעציעלע פרייע זופ-קיכענס פאר די ארימע דארט ווערט פארטיילט די ביסעל זופ אהן פעטס און אהן פלייש, און פאר פיעלע איז עס דער איינציגער ווארימער מאהלצייט פאר גאנצע 24 שטונדען.

דער שרייבער שילדערט אי אינגלאך, וואס שטעהען און ווארטען אויף די ביסעל זופ, אלס קינדער מיט „דורכזיכטיגע לייבער", וואס קומט פון א שרעקליכער בלוטלאזיגקייט. געקליידט אין שמאטעס, פון וועלכע עס קוקט ארויס די אש-ווייסע הויט שטייף אנגעצויגען איבער די ביינער.

„דאס איז דער וויענער ארבייטער-פיערטעל. זיי לעבען נאך, ווייל זיי באזיצען נאך די טראדיציע פון דער אמאל-געוועזענער לוסטיגער, פרעהליכער שטאדט. ווען איך האב זיך אפגעקעהרט, האבען די אינגלאך, אנגעהויבען צו לאכען איבער זייער אן אייגענעם שפאס. „וואס איז עס", האב איך זיי געפרעגט. „מיר זיינען וויענער קינדער", איז געווען זייער ענטפער".

אזעלכע איז געווען די לאגע אין וויען איבער א יאהר. איצט זיינען דא איבער הונדערט טויזענד ארבייטסלאזע, שוין צוזאמען מיט די דעמאביליזירטע סאלדאטען און די אמונישאן ארבייטער. די פאבריקען אין וויען און עסטרייך קענען ניט ארבייטען צוליעב דעם מאנגעל אין קוילען. צוערשט זיינען עס געווען די טשעכען און נאכהער די איטאליענער, וועלכע האבען ניט דערלאזען די אריינפיהרונג פון קוילען אין עסטרייך. אויב די איטאליענער זאלען נאך אלץ בלייבען ביי זייער פאדערונג פון לאקאמאטיוועו און קארס, וועט עסטרייך זיין הילפלאז אין איינינע וואכען.

ווי בראטספארד זאגט עס: „סיידען די בלאקאדע וועט אין גאנצען אויפהערען, איידער נאך א מאנאט איז אויס, וועט גאנץ צענטראל-איירָאפא זיין עקאנאמיש און פאליטיש א וויסטע פון פארצווייפלונג"

די צושטענדע אין דייטשלאנד זיינען ניט פיעל בעסער, חאטש א געוויסער עסטרייכער האט זיך אויסגעדריקט וועגען איהר, מיט פאלגענדע ווערטער: „דייטשלאנד איז א פערד, וואס ליגט אויפ'ן רוקען און שטויסט זיך נאך אלץ גאנץ שטארק, איז אבער עסטרייך א פערד, וואס ליגט אויפ'ן זייט. דארט איז נימא כמעט קיין פלייש און זעהר ווענינ ברויט. אפילו די האספיטאלען קענען ניט קריגען גענוג שפייז אום צו העלפען זייערע פאציענטען נאך זייערע אפעראציעס צו קומען צו זיך. שווינדזוכט און סיפיליס וואקסען מיט גיגאנטישע שריט. די סאלדאטען און די אפיצירען פון די עלייעס-ארמייען, וואס געפינען זיך דארט, פראטעסטירען צו זייערע רעגירונגען אין נאמען פון דער מענשהייט געגען דאס, וואס זיי מוזען צוזעהן. די ברויט-פארציע אין דרעזדען האלט זיך אין ענדיגען דעם 15טען אפריל, אין מינכען דעם 5טען מאי, און די מענשען וועלען בלייבען אהן שפייז, אויב קיין רעטונג וועט פון ערגעץ ניט קומען. און ביי אזא לאגע האבען די עלייעס ערקלערט, אז זיי וועלען צוריקהאלטען די שפייז פון באיערן צוליעב די באלשעוויסטישע רעוואלוציע דארט! ווען סטרייקס האבען אויסגעבראכען אין דירסעלדארף, און עס איז געגרינדעט געווארען אן ארבייטער-סאוויעט, האט די אמעריקאנער ארמיי אפגעשניטען די שטאדט פון דעם מערב-דרום פון דעם רהיין, וואס עס איז געווען דער שפייז-סטאק פון

אהן אימיגראנטען

פעליעטאן פון א. וואהלינער.

True translation filed with t
Postmaster at New York City
May 2, 1919, as required by t
of Congress approved Oct. 6th, 19
known as the "Trading with t
Enemy Act."

בעת דער מלחמה האבען מיר אויף א סך
ען געהאפט און געווארט.

און מיר האבען אויך געהאפט: ער־
נס, אז די מלחמה וועט זיך דאך אמאל
יגען; צווייטענס, אז אמעריקא, וועלכע
געקעמפט פאר דעמאקראטיע, פעלקער־
רעדליכקייט און מענשען-ליעבע, וועט
הר ניט חלומ'ען אפילו וועגען באשרענקען
אימיגראציע; דריטענס, אז א דאנק דעם
שטענס" און דעם „צווייטענס" וועט גאנץ
ריקא באלאנגען צו אונז, פונקט ווי עס
אבען איצט צו אונז העסטער און קאנאל
ים.

און בעת דער מלחמה זיינען מיר ארומגע־
בען שכור פון חלומות און האבען זיך
גערזאגט:

די מלחמה מוז זיך דאך אמאל ענדיגען.
ען זיך ענדיגען אין איצטיגען אדער אין
טען יאהרהונדערט. זי קען זיך ענדי־
בעת עס וועלען זיך נאך ערגעץ פארוואל־
א פאר מאנסבילען, אדער ערשט דע־
ווען דער לעצטער מאנסביל וועט ארויס־
ן זיין לעצטע קויל מיט דער לעצטער
מאנסבילשער נשמה. זי קען זיך ענדיגען פאר דעם ווי מען וועט אויסקוילען דעם לעצטען אידען, אדער ערשט נאכדעם. אבער איין זאך איז זיכער: זי וועט זיך דאך אמאל ענדיגען.

און אז די מלחמה וועט זיך ענדיגען, ווי וועט עס דעמאלט האלטען מיט די אידען בכלל און מיט די אמעריקאנער אידען בפרט?

אט אזוי האבען מיר זיך געפרעגט, בעת די מלחמה איז נאך אנגעגאנגען. און מיר האבען זיך געגעבען צוויי ענטפערס: איינעם אן אפטימיסטישען און איינעם א פעסימיסטישען. די אפטימיסטען האבען געזאגט, אז די אידען וועלען לעבען גליקליך אין אלע לענדער און קיינער וועט דעריבער ניט קומען קיין אמעריקא און אלע אידען וועלען אנטלויפען פון אמעריקא. און די פעסימיסטען — זיי האבען גע'טענה'ט אזוי:

ווען די מלחמה וועט זיין צו ענד — האבען זיי געזאגט — וועלען די אידען אונטער פעטליורא'ן לעבען אין אוקראינא אין אזא וואוילטאג, אז זיי וועלען באקומען א וואנדערונגס-לוסט — נאך אמעריקא.

און די אידען אין רוסלאנד וועלען זיך אזוי פארדארבען דעם מאגען מיט דער באלשעוויסטישער הונגעריגער סאציאלער רעוואלוציע און מיט קאלטשאק'ס מענשען-ליעבע, אידען-ליעבע און פרייהייט-ליעבע, אז כדי צו דערהאלטען זייערע לעבענס, וועלען זיי מוזען האבען „מאציאן", א סך „מאציאן" — באוועגונג, הייסט עס, און זיי וועלען זיך ביסלעכווייז אריבערוועגען — אַזש קיין אמעריקא.

און די פוילישע אידען — האבען די פעסימיסטען נביאות געזאגט בעת דער מלחמה — וועלען זיך דערוויסען, אז פרייהייט און איבערהויפט פוילען'ס פרייהייט איז א טייערע זאך.. פאר די פאליאקען. איהר ווייסט דאך דאס ווערטעל: וואס עס איז געזונט פאר'ן דייטש, דאס איז א מגירה פאר'ן רוס. און דאסזעלבע ווערטעל, אביסעל איבערגעדרעהט, קען זיך לייענען אזוי: וואס עס איז א גליק פאר'ן פאליאק, איז אן אומגליק פאר'ן אידען. און בקיצור: פון דער גוטער פוילישער פרייהייט וועלען זיך אידען מוזען באפרייען — אין אמעריקא.

אזוי האבען פאראויסגעזאגט די פעסימיסטען. און זיי האבען ווייטער געזאגט:

אין גאליציען, וואס ווערט באהערשט אי פון פאליאקען, אי פון אוקראינער, וועלען די אידען האבען אי אוקראינישען וואוילטאג, אי פוילישע פרייהייט. און דא וועלען זיי זיך דאפעלט איבערעסען מיט אל־דאס [illegible] און זיי וועלען זיך אליין פארשרייבען א מיטעל: אביסעל אפצעהרונג אין די ניו יארקער פאבריקען.

און אלס רעזולטאט פון די אלע פעסימיסטישע נביאות, האט מען געצייכען דעם שלום, אז נאך דער מלחמה וועט זיך פון אלע עקען וועלט ציהען א אידישער אימיגראנטען-שטראם נאך אמעריקא און אמעריקא וועט ווערען דורך און דורך אידיש. ווייל אידען וועלען קומען אהער און די אנדערע פעלקער וועלען אפציהען — דער פאליאק און דער איטאליענער, דער טשעך און דער אירלענדער.

און מיר האבען שוין באצייטענס געזעהען פאר זיך א נייע אמעריקא.

אנשטאט מוירפיס — ליוואיס; ניט מעק'עדוס, נאר ראזענוואלד'ס. און לינטשען וועט מען אין דער „סאוטה" ניט פרענקס, נאר וועמען איהר ווילט אליין. און די פאליטיק פון לאנד וועט מען באשטימען ניט אין אירלענדישע און דייטשע שענקען, נאר אין גאליצישע און רומענישע בתי מדרשים. און אין „ווייסען הויז" ניט ווילסאן, נאר דר. מאגנעס.

און דעמאלט וועט עס זעהר לייכט קענען פאסירען, אז ווען מיר וועלען פיהרען א צווייטע מלחמה, וועלען מיר, פונקט ווי איצט, ארויפלעגען א שטרענגע צענזור אויף די „פרעמד-שפראכיגע" צייטונגען און פריי פון צענזור וועלען זיין נאר די אידישע צייטונגען.

און דאס איז נאך ווייניג.

מען וועט אפשר אויפהערען באטראכטען דעם בייסבאל פאר א נאציאנאלען הייליגטום און א גאנץ יאהר וועט מען שפילען אין חנוכה-דריידלאך.

מען וועט, לויט דער באקאנטער נבואה, איבערשמידען די שווערד אין א מוהל-מעסער און די שפיזן — אין אן עהנליכען אינסטרומענט.

און „פרייז-פייטס" וועט מען אפשאפען און שלאגען וועט מען זיך נאר אין די שוהלען פאר א פעטער עליה און פאר גבאות.

און נאך און נאך.

אט וועגען אזא אידישער אמעריקא האבען גע'חלומ'ט בעת דער מלחמה די, וואס האבען ניט געגלויבט, אז איירָאפא וועט ווערען א אידישער גן-עדן און זיינען

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: 1 year, $1.50

Vol. I. — Friday, May 2, 1919. — No. 16

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

א ווארט פון סימפאטי צו אונזער אלטען ארבייטער-טשעמפיאן, סעמועל גאמפערס.

דער אונגליקס-צופאל, וואס האט געטראפען דעם לאנגיאהריגען פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר, סעמועל גאמפערס, האט געוויס ארויסגערופען די אלגעמיינע סימפאטיע און באדויערען פון דער גאנצער ארבייטער-וועלט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס א גאנץ באדייטענדער עלעמענט פון די ארבייטער איז קיינמאל ניט געווען אין גאנצען איינפארשטאנען מיט סעמועל גאמפערס'עס אידעען און טאקטיק, און נאך ווענינער אין די לעצטע עטליכע יאהר פון אונזער דור-הפלגה-צייט, ווען דער טייפעל פון שנאה און בייזע ליידענשאפטען האט צומישט אונזערע לשונות, אזוי, דאס מיר האבען ממש אויפגעהערט צו פארשטעהן איינע די אנדערע. איצט, ווען דעם אלטען ארבייטער-פיהרער האט געטראפען אזא אומגליק, וועלכער האט איהם אנידערגעווארפען אויפ'ן קראנקען בעט, און עס איז נאך בשום אופן ניט זיכער, אויב דער באלד 70-יעהריגער זקן וועט ארויסקומען פון דעם אומגליק א לעבעדיגער, אין דעם מאמענט קען מען ניט דענקען אן דאס אלעס, וואס שיידט אונז אפ פון איהם, נאר אן דאס, וואס פאראייניגט אונז, וואס מאכט אונז אפילו ראן, ווען מיר פיהלען זיך העכסט ערביטערט נעגען דעם אלטען, צו געדענקען, אז זיין גאנצען לעבען האט ער געווידמעט צו די ארבייטער, אז אויף זיין גאנצען לעבען, אלס פיהרער פון די ארבייטער, איז ניט צו געפינען דעם מינדסטען פלעק; אז ער האט געמעגט מאכען פיעלע פעהלער אין זיין דענקען, אבער קיינמאל ניט מיט זיין הארצען און פיהלען; אז ווי מיר זיינען מיט איהם אפט ניט איינפארשטאנען, דאך מוזען מיר צוגעבען, אז מיר האבען דא צו טאן מיט א מענשען פון א זעלטענער ווילענסקראפט, פון א וואונדערבארער ענערגיע, און פון א גרויסער ארגאניזאטארישער קראפט — בקיצור, א מענשען, וועלכען מען קען ניט באגעגענען אויף שריט און טריט, א מענשען, מיט וועמען די ארבייטער באוועגונג מעג אימער שטאלצירען, דאס ער איז פלייש פון איהר פלייש און בלוט פון איהר בלוט.

מיר דריקען אויס דעם אלטען ארבייטער-טשעמפיאן אונזער פולסטען באדויערען פאר דעם בלינדען, בייזען צופאל, וואס האלט איהם צוגעשמידט צום קראנקען בעט, און האפען, אז, אלט ווי ער איז, זיינען אבער זיינע כוחות אזוי גרויס, דאס ער וועט אויך דעם בלינדען שיקזאלס-קלאפ בייקומען, אז ער וועט אין גיכען קומען צו זיך, אזוי, דאס מיר זאלען קענען פראנק און פריי ווידער זיך ערקלערען ניט צו זיין איינפארשטאנען מיט איהם אין ניט אזוי מיט דאס, וואס ער טוט, ווי מיט דעם וואס ער זאגט, ווייל עס מוז צוגעגעבען ווערען, אז אין זיינע האנדלונגען אלס פארשטעהער פון די ארבייטער אין זייערע קעמפע איז גאמפערס, אלס א כלל, מעהר אויסגעהאלטען, מעהר קאנסעקווענט, ווי אין זיינע ווערטער, פאר וועלכע מיר האבען געראדע די וואך געוואלט איהם מאכען א ביטערען פארוואורף, אבער וועלכען מיר האלטען אין דעם איצטיגען מאמענט פאר באזונדערס אונפאסיג, ווייל מיר געדענקען מעהר דאס גרויסע, שעהנע לעבען אין אלגעמיין פון סעמועל גאמפערס, ווי זיינע צופעליגע ווערטער איבער „הארמאניע צווישען קאפיטאל און ארבייט", און נאך אזעלכע, פון אונזער שטאנדפונקט, אונאיבערלעגטקייטען.

אונזער פולסטע סימפאטיע מיט אב. באראף.

אונזערע לעזער ווייסען שוין פון לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", אז לעצטע וואך האט די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אפגעהאלטען איהר פערטעל-יעהרליכען מיטינג אין פילאדעלפיע, אויף וועלכען עס זיינען געווען פארטראטען אלע 13 וויים-פרעזידענטען, צוזאמען מיט ב. שלעזינגער, פרעזידענט פון דער „אינטערנײשאנעל" און אב. באראף, דזשענעראל סעקרעטער. דער סמדייק פון דער ליידיעס ווייסט מייקערס יוניאן האט געפאדערט פון אונזער סעקרעטער פיעל ארבייט, און דערצו האט ער איהם פארשאפט צוליעב פיעלע אורזאכען פיעל עגמת נפש. אויסערדעם האט ער אין די לעצטע טעג פאר'ן מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד געהאט פיעל ארבייט סיי אין דעם איינבארופען פון דעם מיטינג, און סיי אין פארבערייטען זיין זעהר געוויסענהאפטען רעפארט, אזוי, דאס קומענדיג צום מיטינג האט ער זיך שוין געפיהלט ווייט ניט אין בעסטען געזונד. דאך האט ער געטאן זיין פליכט, אלס סעקרעטער ביז צום מיטינג, ווען ביים סאמע סוף זיצונג האט ער שוין מעהר קיין כוח ניט געהאט און געמוזט זיך לייגען אין בעט. צוויי דאקטוירים זיינען באלד גערופען געווארען, און האבען ערקלערט, אז עס איז א פאל פון אפענדיסיטיס, און דאס ער מוז אפערירט ווערען. ער איז אויף מארגען גענומען געווארען אין האספיטאל. מיר האפען, מיר זיינען איבערצייגט, אז ער וועט איבערקומען די אפעראציע, און דאס גאר אין גיכען וועט ער ווידער זיין מיט אונז, און ווייטער אנגעהן מיט זיין שטילער, אבער זעהר ווירקזאמער, ארבייט פאר דער אינטערנײשאנעל און פאר די גאנצע ארבייטער באוועגונג.

די ארבייט פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו.

א חוץ פון דער העכסט-אונאנגענעהמער שטערונג איז די אלגעמיינע ארבייט פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד געווען א העכסט-געלונגענע. יעדע פראגע איז דיסקוטירט געווארען אי זאכליך, אי גרינדליך, אזוי, דאס עס איז ניט געווען קיין איינציגע וויכטיגע פראגע, איבער וועלכער דער מיטינג זאל זיך האבען צוטיילט אין א מאיאריטעט און מינאריטעט. באזונדערס האט זיך געווארפען אין די אויגען די איינשטימיגע, ענטוזיאסטישע שטימונג אין דעם באשלוס פון דער קלאוק מאכער יוניאן אויפצונעהמען אין גיכען א קאמף פאר וואך-ארבייט און אלע איהרע אנדערע פאדערונגען. אזוי ענטוזיאסטיש זיינען געווען די דעלעגאטען, אז עס איז גאר ניט אויסגעשלאסען די מעגליכקייט, אז אין דערזעלבער צייט, ווען עס וועט זיך אנפאנגען דער קאמף פון די קלאוק מאכער אין ניו יארק, זאל ער זיך אויך אנפאנגען אין אלע אנדערע קלאוק-צענטערס אין אמעריקא, ווי אין קליוולאנד, שיקאגא, טאראנטא, און ז. וו.

מיר וועלען אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער געבען אונזערע איינדריקע פון די בעראטונגען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, ביי וועלכע מיר זיינען געווען אנוועזענד. דא ווילען מיר נאר זאגען, דאס עס איז ניט געווען קיין איינציגער רעפארט פון קיינעם פון די וויים-פרעזידענטען, אין וועלכען עס זאל זיך הערען דער מינדעסטער טאן פון פעסימיזם, פון ענטמוטיגונג. פארקעהרט, זיי זיינען געווען פול מיט די שענסטע, ריזיגסטע האפנונגען און ערווארטונגען, אזוי ווי דאס וואלטען ניט גערעדט מענשען, וועלכע זיינען שוין כמעט אלט און גרוי געווארען אין קאמף, נאר יונגע מענשען, וועלכע זיינען נאר-וואס ארויסגעטראטען אין שטרייט, און ווייסען נאך ניט, וואס דאס איז אזעלכעס ענטמוטיגונג. וואס אנבאטרעפט דעם בעפארשטעהענדען קלאוק מאכער קאמף זיינען אלע איינשטימיג, אז דער זיעג איז זיכער, און דאס מיט דעם זיעג מישט זיך אויף א נייע גאלדענע בלאט פאר דער יוניאן.

נאך איניגע ארגומענטען פאר וואך-ארבייט.

פול מיט די איינדריקע פון אט די ענטוזיאסטישע מיטינגען פון דער דזשאינט עקזעקוטיוו באארד אין פילאדעלפיא און דער פעסטער ענטשלאסענהייט צו זעהן וואך-ארבייט איינגעפיהרט אין דער גאנצער קלאוק-אינדוסטריע, האבען מיר כמעט ווי פארלארען דעם גאנצען חשק אנצוגעהן ווייטער מיט אונזער ארגומענטאציע פאר וואך-ארבייט. צו וואס פארנעהמען אומזיסט פלאץ אין דער צייטונג? צו וואס וועלען איבערצייגען די, וועלכע זיינען אליין אזוי פעסט איבערצייגט? אבער דאך, מיר האבען איינמאל זיך פארגענומען ארויסצוזאגען אלעס, וואס מיר דענקען וועגען וואך-ארבייט, ווילען מיר עס דורכפיהרען, אפילו אויף די געפאהר צו מאכען פיהלען אביסעלע איבערדריסיג אונזערע לעזער. אפשר זיינען פארט נאך דא איניגע מענשען, וועלכע האבען נאך אלץ די מיינונג, אז די סיסטעם פון שטיק-ארבייט איז גאר ניט דער ערך בעסער, ווי די סיסטעם פון וואך-ארבייט.

מיר האבען שוין אין לעצטען נומער באריהרט די פראגע מכוח דער שייכות פון פרייהייט צו שטיק-ארבייט. מיר דענקען, אז מיר האבען באוויזען, אז פרייהייט האט אזויפיעל צו טאן מיט שטיק-ארבייט, ווי „א פאטש מיט גוט-שבת", אום צו געברויכען א וואויל-באקאנטען אידישען פאלקס-ווערטעל. מיר האבען באוויזען, אז גראדע די שטיק-ארבייט טרייבט דעם ארבייטער צו א שקלאפעריי, וועלכע איז דאס שענדליכער און אונערטרעגליכער, ווייל ער אליין מוז שמידען פאר זיך זיינע אייגענע קייטען.

נאטירליך, האבען מיר דערמיט ניט געמיינט פאר איין מינוט צו וועלען מאכען אימיצען גלויבען, אז די סיסטעם פון וואך-ארבייט איז די ריינסטע פרייהייט. ווייט ניט. ווי מיר האבען ערקלערט, קען איבערהויפט ניט זיין די רעדע פון פרייהייט אין פארבינדונג מיט לוין-ארבייט, אבער עס איז לייכט פאר יעדען צו פארשטעהן, אז ביי וואך-ארבייט ווערט דער ארבייטער אם ווענינסטען זיכערגעשטעלט מיט דער סומע, וואס ער וועט פארדינען אין דעם משך פון א וואך, און דערמיט אליין איז ער שוין פ ר י י פון דער זארג, ו ו י פ י ע ל ער וועט פארדיענען, פ ר י י פ ו ן ד ע ר מ ו ר א, אויב ער וועט פארדיענען גענוג פאר זיך און זיין פאמיליע.

דער געווינס פון וואך-ארבייט איז קלאר און אומבאשטרייטבאר. דערצעהלט מען אונז אבער א מעשה, אז דער פרייז פאר אט די פרייהייטען, וואס דער ארבייטער וועט דארפען באצאהלען, וועט זיין אזוי גרויס, אז עס לוינט זיך שוין בעסער פאר דעם ארבייטער צו בלייבען ביי דער אלטער סיסטעם. מען דערצעהלט אונז (מיר ציטירען דא פון דעם אדווערטייזמענט פון לאקאל 17 ערב דער קאנפערענץ צווישען דער דזשאינט באארד און די מאנופעקטשורערס), אז ערשטענס, „וועט וואך-ארבייט פיהרען צו אן אונערטרעגליכער דיסציפלין אין די שעפער"; אז, צווייטענס, „וועט וואך-ארבייט פארקלענערען די געלעגענהייטען פון די ארבייטער צו קריגען א נייעם דזשאב"; אז, דריטענס, „וועט וואך-ארבייט פארקלענערען די פארדיענסטען פון די ארבייטער. דער „סקייל", וואס מען וועט קריגען, וועט קיינמאל ניט זיין אזוי הויך, ווי די א י צ ט י ג ע פארדיענסטען פון די שטיק-ארבייטער."

לאמיר באטראכטען צוערשט יעדען פונקט באזונדער און דאן זיי אלע צוזאמען, און מיר וועלען זעהן, ווי ווייט זיי ווידערשפרעכען זיך.

„וואך-ארבייט וועט פיהרען צו אן אונערטרעגליכער דיסציפלין."

אן אונערטרעגליכע דיסציפלין מיינט אזא דיסציפלין, וואס מען קען ניט אריבערטראגען. שטעלט זיך די פראגע: ווי לאנג קען אנהאלטען אזא דיסציפלין, וואס א מענש קען ניט אריבערטראגען?

מיר ווייסען פון ערפאהרונג, אז דער ארבייטער פון אונזער צייט קען פיעל ווענינער אריבערטראגען אדער דולדען דיסציפלין, ווי אן ארבייטער פון אמאל. פון דעסטוועגען יעדער איינער, וואס האט געלערענט אביסעלע געשיכטע ווייס, ווי אפט די ארבייטער האבען געקעמפט און אראפגעווארפען פון זיך דעם יאך, וואס איז געווארען פאר זיי צו שווער. שוין-ושוין איז דא אירגענד וועלכער גרונד מורא צו האבען, אז א הייטיגער ארבייטער, אן ארבייטער, וואס איז שוין יא אנגעשמעקט אביסעלע מיט די אידעען פון פרייהייט, זאל קענען לאנג איבערטראגען און דולדען א דיסציפלין, וואס מען קען נים איבערטראגען?

אמת, די באסעס זיינען ניט קיין זעהר פיינע מענשען, אבער זיי זיינען דאך ניט קיין נארען. זיי ווייסען בעסער, ווי די טשעמפיאנס פון שטיק-ארבייט, אז מיט אן אונערטרעגליכער דיסציפלין וועלען זיי ווייט ניט געהן, אז אן אונערטרעגליכע דיסציפלין קען פיהרען צו אפטע סטרייקס און סטאפעדזשעס. קען אימיצער גלויבען, אז די באסעס וועלען צוליעב דער הייליגער אונערטרעגליכער דיסציפלין זיך אליין זייערע אייגענע העלזער שניידען?

און אז מען האט נאך אין זינען, אז דא האנדעלט זיך וועגען ארבייטער, וואס געהערען צו א מעכטיגער יוניאן, וועלכע האט שוין פיעלע מאל באוויזען איהר מאכט צו שיצען איהרע מיטגליעדער, ווען זיי ווערען געקריוודעט אין שאפ, פארלירט דער ארגומענט פון אן „אונערטרעגליכער דיסציפלין" אירגענד וועלכען זין, וועלכער זאל קענען אפעלירען צו א ווירקליך-דענקענדען ארבייטער.

יא, דער ארגומענט איז פשוט נאריש. א דיסציפלין אין שאפ איז דא און מוז זיין סיי ביי שטיק-ארבייט און סיי ביי וואך-ארבייט. נאר די שטרענגקייט פון דער דיסציפלין העננט אפ פון דעם, ווי ווייט די ארבייטער א י ן שאפ זיינען צווישען זיך אייניג. אונטער דער סיסטעם פון שטיק-ארבייט, ווי מיר האבען באוויזען, זיינען די ארבייטער אין אזא לאגע, אז יעדער איינער מוז הענקען נאר וועגען זיך, און מעג די אנדערע צונעהמען דער טייפעל. זיי זיינען דארום צווישען זיך צוטיילט. אנשטאט אמת'ע אחדות הערשט צווישען זיי קנאה-שנאה. אונטער אזעלכע אומשטענדען קען דער באס מאכען זיין דיסציפלין וואס שטרענגער. זיין וואפע איז די אונאייניגקייט צווישען די ארבייטער. פארקעהרט אבער, דארט וואו עס הערשט אמת'ע אחדות, וואס איז דער רעזולטאט פון געמיינשאפטליכע אינטערעסען, ווי דאס מוז זיין דער פאל אונטער וואך-ארבייט, ווען די מייסטע ארבייטער קריגען דיזעלבע באלוינונג און ארבייטען דיזעלבע שטונדען, און אלע געהערען צו איין יוניאן, דארט, אונטער אזעלכע אומשטענדען וועט דער באס זיך היטען אנצוציהען די סטרונע פון דיסציפלין צו שטייף. ניטא מעהר די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער, הינטער וועלכע ער זאל זיך קענען שיצען, און דערפאר מוז עס על פי שכל אויסקומען פונקט פארקעהרט: די דיסציפלין אונטער דער סיסטעם פון וואך-ארבייט וועט שוין מוזען זיין זעהר און זעהר א שוואכע, יעדענפאלס ניט קיין „אונערטרעגליכע"!

„וואך-ארבייט וועט פארקלענערען די געלעגענהייטען פון די ארבייטער צו קריגען א נייעם דזשאב." פאר וואס? אונטער דעם סיסטעם פון שטיק-ארבייט, ווען יעדער איינער מיט דער אנשטרענגונג פון אלע זיינע כוחות ארבייט, פאר צוויי און דריי מענשען, דאן איז לייכט צו קריגען א דזשאב, נאר אונטער וואך-ארבייט, ווען יעדער וועט ארבייטען נאר א באשטימטע צאהל שטונדען און נאר לויט זיינע כוחות, ניט מעהר און ניט ווענינער, וועט קיינער ניט קענען קריגען א נייעם דזשאב? פאר וואס? וואו איז דער שכל?

איצט פרובירט און שטעלט אוועק ביידע אנגעגעבענע ארגומענטען צוזאמען, און איהר וועט פארשטעהן דעם גאנצען אונזין פון ביידע ארגומענטען. ווען פאר איינעם איז שווער צו קריגען א נייעם דזשאב, מיינט עס, אז די ארבייטער, וואס האבען שוין דעם דזשאב, פיהלען זיך אזוי גוט ביי איהם, דאס מען קען זיי מיט שטעקענס ניט אפטרייבען פון איהם. פארקעהרט, ווען אין יעדען שאפ אונטער וואך-ארבייט הערשט אן אונערטרעגליכע דיסציפלין מוז מען ערווארטען, אז אין יעדען שאפ וועלען זיין כמעט עטליכע ליידיגע פלעצער יעדע וואך. דאריבער איז דאך קלאר, אז נאר איינס פון די ביידע קען געמאלט זיין, אדער עס הערשט א שרעקליכע, אונערטרעגליכע דיסציפלין, און דאן זיינען נייע דזשאבס דא לרוב, אדער עס איז אזוי גוט די ארבייטער, וואס ארבייטען, אז זיי זיצען פעסט אויף זייערע פלעצער, און דערפאר קען מען ניט קריגען קיין נייעם דזשאב. אזוי וואלט ארגומענטירט א מענש מיט שכל. אבער ביי אונזערע טשעמפיאנס פון שטיק ארבייט איז ביידעס מעגליך: אי אן אונערטרעגליכע דיסציפלין, און אי א נייעם

געסט

(סקיצע) פון שמואל דייקסעל.

ארום דריי א זייגער בייטאג, נעהענדיג צום „עלעוויטער", וועלכער לויפט דורך דער דריטער עוועניו, אין די בראנקס, האט באריס זיידמאן, א מאשין־אגענט, באמערקט, אויף דער צווייטער זייט גאס, ברוך טעטעלמאן, און איינשורענס אגענט, וועלכער איז אראפגעלאפען פון די עלעווייטער טרעפ, א פנים קומענדיג פון די בראנקס.

צוערשט האט זיך זיידמאנען אויסגעדאכט, אז טעטעלמאן זעהט איהם און ער האט זיך שוין אפילו א נעהם געטאן צו דער העט, אום איהם צו באגריסען, אבער טעטעלמאן האט פלוצלונג אפגעקערט דעם קאפ און גענומען אויפמערקזאם ארומקוקען עפעס א הויז.

„ניט באמערקט, אפנים", האט זיידמאן א טראכט געטאן, און זיך געלאזט ארויפגעהן אויף די טרעפ צום הויכבאהן. איידער אבער צו עפענען די טיר וואס פיהרט צום טיקעט אפיס, האט ער מעכאניש ארונטער געקוקט אין גאס און באמערקט, אז טעטעלמאן קוקט איהם נאך. ער איז שטעהן געבליבען, א מאך געטאן צו איהם מיט'ן האנט, אבער טעטעלמאן האט שוין ווידער אפגעקעהרט דעם קאפ און עפעס געזוכט אין דער הויך.

„בלינד געווארען, צום טייוועל!" — האט זיידמאן א שמייכעל געטאן. „וועמען זוכט ער דארטען אין דער לופטען?" ער האט גענומען א טיקעט און איז ארויס אויפ'ן פלאטפארם.

צעהן קאסטאמערס האט היינט זיידמאן געהאט אין די בראנקס ביי וועלכע ער האט געדארפט איינמאנען צעהן דאלאר. ער האט אריינגעלעגט די האנט אין קעשענע אום ארויסצונעהמען זיין חשבון־ביכעל, אבער פלוצלונג האט עפעס א געראנק איהם מיט אמאל ווי א קלאפ געטאן אין מח און ווי אפגעשטעלט אויף א רגע דאס הארץ. ער איז שטעהן געבליבען, נערוועז א־רייב געטאן די הענט און זיך גענומען איינהערען אין געדאנק.

„טעטעלמאן קומט אצינד, פון די בראנקס, פון דער היים", האט עפעס א קול אין איהם דייטליך געזאגט, „און וועט שוין צוריק ביז זיבעטן־אכט אזייגער זיכער ניט קומען, און... סאפי איז אליין אין הויז"...

ער האט ארויסגעכאפט דעם זייגער. פופצעהן מינוט נאך דריי. ער האט גלייך געמאכט דעם פלאן: פונקט פיער וועט ער ארויס פון „פרימאן־סטיישאן", אויף שנעל אריין צו צוויי קאסטאמער אויף דער זעלבער גאס און דערנאך גלייך צו סאפי'ן ביז זעקס אזייגער. א לייכטער ציטער איז דורכגעלאפען זיין לייב און דאס הארץ האט גענומען האסטיגער קלאפען.

די טריין איז אנגעקומען. ער איז שנעל אריין, זיך אויסגעזוכט א ווינקעל, ארויסגענומען דאס חשבון־ביכעל, געוואלט איבעררעכענען וויפיעל געלד ער דארף נאך דיעזע וואך איינמאנען, אבער סאפי'ס סימפאטיש, קיילעכדיג געזיכט האט פון יעדער שורה ארויסגעקוקט, געוואונקען, געשמייכעלט און דער שארפער ריח פון איהר קערפער האט איהם דעם אטעם פארשלונגען. ער האט מאכטלאז אראפגעלאזט דאס ביכעל אויף די קניה, עטוואס צוגעמאכט די אויגען און זיך דערמאנט אן זיין ערשטער באגעגניש מיט איהר — — —

ס'איז געווען פאראיאהרען זומער, אין די בערג. ער האט עפעס געפיהלט ניט גוט, און דער דאקטאר האט זיך איהם געהייסען אויסרוהען א חדש אויף א פארם. מיט זיין פרוי האט ער אפגעמאכט אז די פיערטע וואך זאל זי קומען צופאהרען צו איהם און זיי וועלען פארברענגען צוזאמען. סאפי'ן האט ער שוין אויפ'ן פארם געטראפען און זיי האבען זיך לייכט באפריינדעט. עפעס האט זיי געצויגען איינער צום צווייטען און ניט אפגעערדטערהייט פלעגען זיי זיך אלע מאל טרעפען אויף פארשיעדענע פלעצער.

גאנץ פריה, פלעגען זיי זיך באגעגענען, גלייך מיט אנדערע, ביים שטאל, וואו זיי פלעגען טרינקען ווארימע, זיך נאך פירנענדע מילך, דערנאך פלעגען זיי אביסעל שפאצירען, עסען פריהשטיק און ביז'ן מיטאג צוזאמען לעזען א אידישע צייטונג, וועלכע ער האט געקראגען פון ניו יארק. נאכ'ן מיטאג פלעגען אלע געהן נעהמען זון־בעדער. ער פלעג שוין זעהן עס זאל איהם אויסקומען צו ליגען נעבען סאפי'ן, און ווען ער איז זיכער געווען, אז קיינער זעהט ניט, פלעג ער א גלעט טאן איהר האנט, פוס אדער זייט. צוערשט פלעגט זי זיך אפרוקען אביסעל, אבער זעהענדיג, אז די איבריגע ערלויבען זיך פיעל פרייערע זאכען, פלעגט זי איבערלאזען איהר האנט אין זיינער און ביידע האבען געפיהלט ווי זייערע, פון דער זון אויפגערעגטע בלוטען, גיסען זיך איבער דורך די פינגער פון איינעם צום צווייטען. ביידע פלעגען זיך מיידען אויסציהען און אפט אויפציטערען מיט'ן גאנצען קערפער...

פארנאכט, נאכ'ן סאפער, פלעגען אלע, אויסגעפוצטע, שפאצירען אויפ'ן פינסטערען וועג צום ווילערזש, און ער מיט איהר פלעגען אפט אפשטעהן פון אלעמען אדער זיך פארקירעווען אויף א זייטיגען וועג.

— אך, סאפי, טייערע, — האט ער איהר איין מאל געזאגט, — ווען איהר קענט פיהלען כאטש א הונדערטעל, ווי מיר איז גוט מיט אייך!... עך, ווען ס'איז נאר א וועג פאראנען אויף שטענדיג מיט אייך צו בלייבען!... — און ער איז צוגעפאלען מיט די ליפען צו איהר אקסעל.

— הערט אויף, מר. זיידמאן, — האט זי זיך לייכט אפגערוקט פון איהם — ווי איך זעה, איז אייער פאמיליע־לעבען פונקט אזוי ליכטיג און אינטערעסאנט ווי מיינס... אבער וואס קען מען זיך העלפען? אזוי איז כמעט ביי אלעמען... הערט אויף, איך בעט אייך! — און ער האט געפיהלט, ווי א דראבנער ציטער איז דורכגעלאפען איבער איהר פלייצע.

אויפ'ן צווייטען אבענד נאך דעם, האט ער זי שוין געקושט און נאך א קורצען קאמפף מיט איהם און מיט זיך אליין, האט זי גענומען ענטפערען אויף זיינע קושען מיט א פארבארגענער ליידענשאפט. זיי האבען זיך גענומען טרעפען יעדען אבענד. צוערשט פלעגען זיי, גלייך מיט אלעמען, שפאצירען אויפ'ן ברייטען וועג צום ווילעדזש, שפעטער פלעגען זיי זיך פאר'גנב'ענען אויף א זייטיגער סטעזשקע, אונטער'ן פארם, וואו קיינער פלעגט ניט געהן, זיך צושפאצירען צו א בוים און זיך איינבייסען איינער אין צווייטענס ליפען. און לאנג פלעגען זיי אזוי שטעהן, פעסט צוגעדריקט, זיך צוהערענדיג צו די קלאנגען פון דער שטילער בערג־נאכט און צום האסטיגען גאנג פון זייערע הערצער.

ניט קוקענדיג אויף זיינע הייסע בקשות, פלעגט זי בשום אופן זיך ניט וועלען אראפזעצען מיט איהם אויפ'ן גראז, פיהלענדיג א געפאהר אין דעם און ווען זי האט שוין יא איין מאל, אן אויסגעמאטערטע פון אויפרעגונג, זיך אראפגעלאזט מיט איהם אויפ'ן ווייכען גראז, האט זי זיך שוין איהם איינגאנצען איבערגעגעבען.

אויפ'ן צווייטען טאג נאך דעם איז זי פון בעט ניט ארויס, געזאגט אז זי איז קראנק און מען האט דאס עסען צו איהר אין צימער אריינגעטראגען. ער האט עטליכע מאל אהן ערפאלג אין איהר טיר געקלאפט, אבער אויפ'ן דריטען אבענד זיינען זיי שוין ווידער געווען צוזאמען. — — — —

גיך זיינען אויפ'ן פארם אנגעקומען זיין ווייב בעסי, און איהר מאן — טעטעלמאן, און אלעס האט זיך געענדיגט.

אלע פיער האבען זיך גוט באפריינדעט, איינאיינעם פארבראכט א גאנצען טאג און פארנאכט צוזאמען שפאצירט אויפ'ן ברייטען וועג צום ווילערזש. טעטעלמאן פלעג געהן מיט בעסי'ן, זיידמאן מיט סאפי'ן, אבער זיין צוזאמען ווי פריהער האבען זיי שוין ניט געקענט און זיפצענדיג פלעגען זיי מיט טרויעריגע בליקען קוקען איינער אויפ'ן צווייטען.

אריבערפאהרענדיג אין שטאדט אריין פלעגען זיי אפט זונטאג קומען איינער צום צווייטען, אמאל, זייענדיג דאון טאון, פלעג זיך טעטעלמאן אויף א האלבע שעה אריינכאפען צו די זיידמאנס. ער ווידער, זייענדיג אין די בראנקס, פלעג זיך אריינגעהן צו זיי, אבער אחוץ א דרוק פון האנט אדער א שנעלען קוש איז איהם פאר דער גאנצער צייט ניט געלונגען פון סאפי'ן צו קריגען...

די טריין איז שטעהן געבליבען ביי פרימאן סטיישאן. זיידמאן איז שנעל ארויס און לויפענדיג אראפ פון די טרעפ, האט ער א קוק געטאן אויפ'ן זייגער. עס איז געווען פיער.

„זאלען זיי געהן אין דער ערד אריין היינט, די קאסטאמער," האט ער א טראכט געטאן, „טאמער וועל איך נאך מוזען ערגעץ וואו ווארטען און זיי וועלען מיר די צייט אוועק'הרג'ענען!"

ער איז גלייך אוועק צו די טעטעלמאנס. איין זאך האט איהם בלויז געשראקען: כאמער איז סאפי אין דער היים ניטא!

ביים אריינגאנג אין הויז, האט ער באגעגענט סאפי'ס מוטער, וועלכע האט איהם מיט א באדויערענדען קול געזאגט, אז דער איידעם איז דא פונקט מיט א שעה פריהער אוועקגעגאנגען, אבער אזוי לאנג ווי ער איז שוין דא, זאל ער אריינגעהן אביסעל צו סאפיע'ן. ער האט איהר געדאנקט און אנגעקלונגען. סאפי האט איהם געעפענט די טיר.

— אה, וואס פאר א גאסט!...

ער איז שטעהן געבליבען אין האלב־פינסטערען האלל, פארמאכט די טיר אונטער זיך און זי אנגענומען פאר ביידע הענט.

— ווארט א מינוט, קומט אריין אין שטוב... איהר האט באגעגענט די מאמע?...

ער גיט א שאקעל מיט'ן קאפ אויף יא און זאגט מיט א טיפען זיפץ:

— אך, סאפיע, ווען איהר ווייסט, ווי אפט איך בענק נאך אייך!...

— דערפאר זיינט איהר, אפנים, טאקי א גאנצען חדש ביי אונז ניט געווען!

— עך, נו און אז איך קום וואס איז?

— האט ער פארטגעזעצט — צוגעהט זיך מיר דאס הארץ פון וועהטאג און גאר ניט...

— וואס מיינט איהר — פרואווט זי שפאסען — שטענדיג קען מען אין די מאונטיינס זיין?

— גליק, סאפי, איז ניט נאר אין די מאונטיינס פאראנען... — ער ציהט זי צו צו זיך און זאגט ווייטער: אבער אלענפאלס, דעם פאראיאהריגען זומער וועל איך קיין מאל אין מיין לעבען ניט פארגעסען... ס'איז א זיסער חלום געווען...

— יא — גיט זי א זיפץ — נו קומט אין הויז!

ער נעהמט זי ארום, זיי געהען לאנגזאם ביז'ן טיר פונ'ם עס צימער, וואו ער בלייבט ווידער שטעהן און פאלט צו מיט די ליפען צו איהר ברוסט.

זי ציטערט אויף און גיט זיך א ריס.

— נו לאזט מיך אפ, איך בעט אייך... עפעס אזא גאסט, ווי מאכט מען ניט קיין טהעע, ווי גיט מען עס ניט קיין ביסעל רזשעלי... נו הערט אויף, כ'בעט אייך, זיצט, זיצט...

זי געהט אין קיך, צינדט אן די עלעקטרי און נעהמט אנפילען א טשאייניק וואסער ביים סינק. ער טוט אויס די העט, געהט אין קיך, ווארפט דאס ערשטע א בליק צום פענסטער, און זיך איבערצייגענדיג, אז די סקאלא־וואנט אנטקעגען איז א בלינדע, אהן פענסטער, כאפט ער זי ארום און קושט זשערנע איהר האלז.

— זי ציטערט אויף.

— זיידמאן, פליעז, לאזט מיך אפ אויף א מינוט!... איך בעט אייך! אך, גאט מיינער! — זי לאזט אפ דעם טשאייניק, ניט איינגאנצען פארדרעהענדיג דעם קראנען, ווייל איהם אפשטויסען, איהרע הענט אבער ציטערען און זיינען אזוי שוואך. ער נעהמט זי פעסטער ארום און זיי געהען צוריק אין עס־צימער.

— קוקען אויף אייך, סאפי, פיהלען אייך, דאס דארף איך, אבער ניט קיין טהעע מיט רזשעלי, — רעדט ער מיט א ציטערענדער שטימע ווי פון היץ — קיין זאך אין דער וועלט דארף איך ניט, כל זמן איך בין מיט אייך!... — און איהם דאכט זיך אז א פייכטער, געדיכטער נעבעל מיט געל־גרינע רינגען, פילט אן דאס צימער.

— איהר זיינט א משוגענער! — שמייכעלט זי שוואך, פיהלענדיג ווי איהרע אויגען שליסען זיך שווער צוזאמען און דער קאפ דרעהט זיך — אז מען קען מיט אייך קיין צוויי ווערטער ניט אויסריידען... א משוגענער...

— אך, סאפי, סאפי... — זיפצט ער שווער.

דער זייגער איז שוין געווען זעקס. ער האט זיך אויף שנעל גענומען קלייבען אוועקצוגעהן.

— קוקט ניט ברוגז, סאפי... — בעט ער זי. זי גיט א הוסט און קערט אפ דעם קאפ אן א זייט. זיי געהען פארביי די באלויכטענע קיך, וואו דער אפענער טשאייניק שטעהט נאך אלץ אין סינק און א דינער שטראם וואסער לויפט פונ'ם קראנען.

— א גוטע נאכט... — ער ציהט זי צו צו זיך.

— נו געהט, שוין, געהט שוין... — איילט זי איהם צו.

ער באמערקט פלוצלונג א רויטען צייכען ביי איהר אויפ'ן האלז, א סימן פון זיינעם א קוש.

— סאפי, אויפ'ן האלז איז דא א סימן! — זאגט ער פארזארגט.

— וואו? — כאפט זי זיך דערשראקען און לויפט צום שפיעגעל.

א פאר מינוט שטעהט זי פארצווייפעלט, באלד אבער פאלט זי אויף א מיטעל: זי לויפט אין שלאף צימער, ברענגט א פעקעל ראזען־פלאסטער, ער שניידט צו א קיילעכדיג שטיקעל, די גרויס פונקט ווי דער צייכען, זי באנעצט עס און ער קלעפט איהר עס אויפמערקזאם צו.

— נו, א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט... זעהט קומט ווידער אין א יאהר ארום...

— זונטאג וועלען מיר זיין ביי אייך!

— ענטפערט ער שוין פון יענער זייט טיר.

פאהרענדיג אהיים האט ער זיך גלייך דערמאנט אן די צעהן בראנקסער קאסטאמער ביי וועלכע ער האט היינט געדארפט איינמאנען צעהן דאלאר. ער האט ארויסגענומען דאס ביכעל, איבערגעקוקט די נעמען און אויסגעפונען, אז צווישען די צעהן געפינען זיך דריי ביי וועלכע, אויב ער האט היינט ניט גענומען די דריי דאלאר, וועט ער זיי ערשט קריגען נעקסטע וואך, און ס'האט איהם גענומען באנגטאן, וואס ער איז כאטש צו דיעזע דריי חזרים ניט אריינגעלאפען צוערשט.

„א האלבער טאג מיט גאר ניט", — האט ער געטראכט, אבער זיך גלייך צוריקגעכאפט. „ניט מיט גאר ניט, אבער... מען וועט מארגען מוזען פריהער ארויסגעהן און אביסעל צו ארבייטען." און ער האט זיך גענומען צונויפשטעלען דאס צעטעל אויף מארגען.

— וואס זיך עפעס היינט אזוי פארשפעטיגט? — האט איהם דאס ווייב אין דער היים באגעגענט, זיצענדיג ביי א געגרייטען טיש.

— עך, גלויב מיר, בעסי, — האט ער א שווערען זיפץ געטאן — דער רוח זאל מיט מיינע קאסטאמערס האבען צו כאן ניט קיין מענש! אפגעארבייט שווער א האלבען טג און גאר ניט. דא איז די טיר פארשלאסען, דא האבען די ברויטנעבערס פארגעסען איבערצולאזען, און דא קום גלאט אזוי מארגען... דער טייוועל זאל זיי ווייסען!

נאכ'ן עסען, שוין אראפנעהמענדיג פון טיש, האט זיך בעסי פלוצלונג דערמאנט: —

— אך, כ'האב דיר גאר פארגעסען צו זאגען וואס פאר א גאסט כ'האב דא היינט געהאט!

— וועמען איז? — האט ער גלייכגילטיג א פרעג געטאן, זיך ניט אפרייסענדיג פון זיין צייטונג.

— מר. טעטעלמאן איז דא היינט געווען.

ער האט אויפגעהערט צו לעזען.

— אזוי גאר?... און וואס פאר א צייט?

— אזוי!... ארום דריי אזייגער.

זיידמאן האט דערפיהלט ווי א קעלט כאפט איהם מיט אמאל ארום, די פיס זיינען איהם אזוי שוואך געווארען. ער האט זיך דערמאנט אן זיין באגעגעניש מיט טעטעלמאנ'ען אין [illegible]

נער. אין דעם איז קיין צווייפעל ניט. אבער אויב מען זאל פאלגען זייערע עצות, וואלט מען געדארפט זיך אפזאגענען מיט דער גאנצער ביז־אהעריגער טעטיגקייט פון דער פארטיי; מען וואלט געדארפט פארווארפען דעם פאליטישען קאמפף פאר עמטער און רעפארמען; מען וואלט געדארפט זיך אפזאגען פון דעם שטים־צעטעל אלס א מיטעל איינצופיהרען די הערשאפט פון דעם ארבייטער־קלאס.

עס איז גאנץ פארשטענדליך, אז די סאציאליסטען פון דעם אלטען חדר, די „רעכטע", קענען אויף דעם ניט איינגעהן אזוי לייכט. זיי זיינען איבערצייגט, אז זייער וועג איז דער ריכטיגער, אז דער וועג צום סאציאליזם ליגט דורך דעם שטים־צעטעל. זיי זעהען ניט איין די נויטווענדיגקייט זיך אפצוזאגען פון דעם וואס זיי האבען געהאלטען אין איין פרעדיגען אין דעם משך פון אזוי פיעל יאהרען.

ווי געזאגט, איז דער היים אן אונפארמיידליכער, ווייל קיין מיטעל־באדען איז ניטא.

מעהר וועגען דעם אין א צווייטען ארטיקעל.

דער שטאָדט. אַלס רעזולטאַט איז באַלד געקומען אַ צואוואוקס פון קינדער־שטערבליכקייט אויף פופציג פּראָצענט.

די לאַגע אין רוסלאַנד איז נאָך ערגער. פיעלע שפּייז־אַרטיקלען, געברויכט פון די סאַמע אָרימסטע, זיינען אין גאַנצען פאַרשוואונדען. טהעע קענען אפילו די רייכסטע ניט קריגען. איין ענגלישער בעאָבאַכטער זאָגט: „עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס מיר רופען פלייש, אין די קראַמען איז אפילו פערד־פלייש געוואָרען אַ לוקסוס, און די פלעצער, וועלכע האָבען עס פאַרקויפט, זיינען אין גאַנצען צוגעשלאָסען געוואָרען. מען האָט נאָך פאַרקויפט הינד־פלייש, אָבער אויך דאָס האָט געהאַלטען ביים ענדיגען זיך.. אונטער די אומשטענדען האָט זיך אין הארצען פון דער גאַנצער נאַציאָן צופלאַקערט אַ טיפער און ווילדער צאָרן, אַ גייסט פון ראַכע געגען די פּאַראורזאַכער פון דער בלאָקאַדע, און קען אויף שטענדיג ענדערען דעם כאַראַקטער פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק אין רוסלאַנד“.

דיזע שרעקליכע צושטענדע פאַרשפּרייטען זיך איבער אַלע נאַציאָנען פון אייראָפּאַ, צו פריינד, צו פיינד פון די עלייעס. רומעניען, יוגאָ־סלאַווען, טשעכאָסלאָוואַקיק, פוילען — אַלע ליידען. דער אַגענט פון דעם רויטען־קרייץ קאָמיטע אין פוילען דערצעהלט פון דעם שרעקליכען צושטאַנד וואָס הערשט דאָרט, באַזונדערס צווישען די אידען, אין קאָוועל, וולאַדימיר, ברעסט־ליטאָווסק און פּינסק. טויזענדע קינדער, אַלטע מענער און פרויען זיינען אָהן קליידער, אָהן וואַרימקייט, אָהן שפּייז, באַפאַלען פון טיפוס, וועלכער רוקט אַלץ צו מערב־צו פון רוסלאַנד דורך פוילען, און אין מאַנכע פלעצער ווערען פון דעם טיפוס אנידערגעוואָרפען מעהר, ווי אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג. פון די אויסזאָגען פון דער רויטער־קרייץ קאָמיטע דערוויסען מיר זיך: „הונגעריגע און שטאַרבענדע פרויען און קינדער שרייען אין זייער דעלירויום נאָך ברויט. צונויפגעקנוילט צוזאַמען, זאָגאַר אין די סינאַגאָגען, פרויען און מענער, אַלע צו שוואַך זאָגאַר צו שטעהן אויף די פיס, אָדער זיך צו באַוועגען, שטרעקען אויס פול מיט אַ געבעט פון רחמנות זייערע הענד. און דיזע פּנים׳ער, אויסגעמאַרעטע, ברענענדיגע אויגען, אונפעהיג צו פאַרשטעהן וואָס עס איז, בעטען נאָר אַ שטיקעלע ברויט“.

וואָס איז די אורזאַכע פון דיזע צושטענדע, וואו פריינד און פיינד ווערען איבערגעלאָזען צו פאַרהונגערען אין אַזאַ וועלט וואו עס איז דאָ אַלעס גענוג? טיילוויז איז עס אָהן צווייפעל פּשוט׳ע אונפעהיגקייט — דאָס ניט קענען באַנעהמען די גאַנצע גרויס פון די פּראָבלעמען וואָס די וועלט־מלחמה האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט. אָבער מעהר, ווי אַלעס אַנדערע איז עס דער וואונש פון די וועלט־אימפּעריאַליסטען צו צווינגען די דעמאָקראַטישע כוחות פון דער וועלט אויף זייערע קניע. אויב אימיצער סמייעט אויפצוהויבען זיין קאָפּ און זיין שטימע פאַר גערעכטיגקייט, רייסט מען ארויס דאָס ברויט פון הונגעריגער מויל; לאָזען זיינע קליינע קינדער שטאַרבען פאַר זיינע אויגען, ביז ער וועט שוואַך ווערען און זיך אונטערגעבען!

די אַרבייטער־באַוועגונג פון דער וועלט הויבט אָן צו באַגרייפען די געפאַהר, וואָס ליגט אין דעם קאָנטראָל פון שפּייז דורך דעם הערשענדען קלאַס. די אַרבייטער־פּאַרטיי אין ענגלאַנד האַלט אָפּ גרויסע דעמאָנסטראַציעס אין הייד־פּאַרק און אין אַנדערע פלעצער מיט דער איינציגער פאָדערונג: נעהמט אַראָנטער די בלאָקאַדע. אויך די פראַנצויזישע אַרבייטער דריקען אויס זייער פּראָטעסט. וואָס טוען אָבער די אַמעריקאַנער אַרבייטער?

לינקע און רעכטע

פון נ. בוכוואַלד

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 2, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

.1

דער הינטערגרונד.

די סאָציאַליסטען פון גאַנץ אַמעריקאַ און זאָגאַר פון דער גאַנצער וועלט הערען זיך צו מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צום גערודער, וואָס קומט איצט פאָר אין די רייהען פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. העכסט וואַהרשיינליך וועט די פּאַרטיי נאָר אין גיכען צושפּאַלטען ווערען אין צוויי אָדער אפשר אין דריי טיילען. עס ווייזט אויס, אַז עס איז אונמעגליך צו געפינען אַ געמיינשאַפטליכען באָדען, אויף וועלכען אַלע עלעמענטען און שטרעמונגען אין דער פּאַרטיי זאָלען קענען אַרבייטען, ווי ביז איצט.

ערנסט ווי דער קריזיס איז, איז ער אָבער פאַר קיינעם קיין איבערראַשונג ניט. דער ברען־מאַטעריאַל איז שוין לאַנג געווען פאַרטיג אויפצופלאַקערען, עס האָט זיך נאָר געפאָדערט דער גינסטיגער מאָמענט.

אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, רוסלאַנד און פראַנקרייך, האָט די מלחמה צושפּאַלטען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. צו די אַלטע טעאָרעטישע שטרייטען וועגען טאַקטיק און קאַמף־מיטאָדען, וועלכע זיינען אַליין געווען גענוג צו געבען געבורט צו פאַרשיעדענע „פליגלען“ און פראַקציעס, איז צוגעקומען די זעהר ברענענדע פראַגע וועגען דער שטעלונג צו דער מלחמה. דאָס איז שוין ניט געווען קיין אַקאַדעמישע פראַגע. דאָ האָט מען געמוזט האַנדלען, האַנדלען באַלד און האַנדלען ענטשיעדען.

מען קען באַדויערען דעם פאַקט אָדער ניט, אָבער אין אַלע קריעג־פיהרענדע לענדער, סיי פון די עלייס, סיי פון די צענטראַלע מעכטע, זיינען די גרויסע מאַיאָריטעטען מיטגעריסען געוואָרען פון דעם אַלגעמיינעם געפיהל פון נאַציאָנאַליזם און קאַזיאָנעם פּאַטריאָטיזם, און אונטער פאַרשיעדענע אויסרעדען און מיט פאַרשיעדענע מאָטיווירונגען, האָבען זיי זיך אריינגעוואָרפען מיט לייב און לעבען אין דעם קאַמף געגען שונא — איינע געגען דעם מיטעלאַלטערליכען פּרוסיאַניזם, אַנדערע געגען דעם „באַרבאַרישען קאָזאַק“, דעם „פאַרדאָרבענעם פראַנצויז“ און דעם „וועלט־איינשלינגער“, דעם ענגלענדער.

עס זיינען אָבער אין יעדער פון די קריעג־פיהרענדע לענדער פאַרבליבען אַ מינאָריטעט סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען אין דער מלחמה ניט געזעהן גאָרניט אַזוינס, וואָס זאָל זיי מאַכען צו ענדערען דעם טראַדיציאָנעלען, פונדאַמענטאַלען שטאַנדפּונקט פון סאָציאַליסטען, אַז יעדע מלחמה איז אַ קאַפּיטאַליסטישע מלחמה, און זיי זיינען אַרויסגעטראָטען געגען זייערע רעגירונגען און געגען די „סאָציאַל־פּאַטריאָטען“, ווי מען האָט גערופען די לאָיאַלע סאָציאַליסטען, אַזוי שטאַרק ווי עס איז נאָר געווען מעגליך אונטער דער הערשאַפט פון מיליטערישען געזעץ.

אויך דאָ אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען זיינען זיך סאָציאַליסטען פאַנאַנדערגעגאַנגען אין זייער שטעלונג צו דער מלחמה. דאָ האָט אָבער פּאַסירט דאָס אויסנעהמליכע: די פּאַרטיי אַלס אַ גאַנצע האָט אין דער באַריהמטער סט. לואיס רעזאָלוציע אָפיציעל פאַרדאַמט די מלחמה אַלס אַ קאַפּיטאַליסטישע, אימפּעריאַליסטישע אַוואַנטיור אויף אַ ריעזיגען מאַסשטאַב. דאָס איז געווען נאָך פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע. ווען דייטשלאַנד האָט מיט איהר אייזערנעם קנאָפּעל געזוכט דערשטיקען די יונגע רוסישע רעוואָלוציע, ווען זי האָט אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל ברוטאַליטעט און ציניזם געגען דעם רוסישען פאָלק און געגען אַלע פון איהר באַזיעגטע פעלקער, זיינען פיעלע סאָציאַליסטען אַריבער אויף דער זייט פון לאָיאַלע אונטערשטיצער פון דער מלחמה. כאָטש אָפיציעל איז די פּאַרטיי געווען געגען דער מלחמה, זיינען אָבער איניוועניג פאָרגעקומען גרויסע צאַנקערייען. און נאָר פיעלע סאָציאַליסטען, סיי גדולים, סיי פּשוט׳ע בשר ודם׳ס, האָבען ניט געוואָלט האַלטען די סט. לואיס רעזאָלוציע אַלס בינדענד פאַר זיי.

עס וואָלט אין יענער צייט געוויס פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי, ווען עס וואָלט געווען זיין אַ מעגליכקייט אָפען צו דיסקוטירען די פראַגע אויף אַ פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אָדער אויף אַן אַנדער אופן. אונזערע געזעצגעבער האָבען אָבער געפּאַסט דעם „עספּיאָנאַזש אַקט“ און ריכטער האָבען אַזוי ענג פאַרצויגען דעם שטריק איבער די העלזער פון אַלערליי מלחמה געגנער, אַז מען האָט ניט געקענט אָן אָפען וואָרט אַרויסרעדען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקאַ איז פאַרבליבען „גאַנץ“ בלויז אַ דאַנק דער אונמעגליכקייט זיך אָפיציעל צו צושפּאַלטען.

אָבער וויכטיג ווי די שטעלונג צו דער מלחמה איז געווען, וואָלט זי ניט זיין גענוג אויף שטענדיג צו פאַנאַנדערטיילען די פּאַרטיי, באַזונדערס איצט, ווען די מלחמה איז פאַראיבער און ווען מעהרסטע לאָיאַלע סאָציאַליסטען זעהען איין, אַז זיי האָבען זיך ביטער אָפּגענאַרט, אַז די הויך קלינגענדע אידעאַלען זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דעם געשריי „וועה צו די באַזיעגטע!“

קיינמאָל האָבען נאָך די סאָציאַל־פּאַטריאָטען פון אַמעריקאַ ניט געהאַט אַזוי פיעל גרינדע זיך צו שלאָגען חטאתי ווי איצטער, ווען די רעאַקציע בושעוועט איבער דעם גאַנצען לאַנד, ווען זיי זעהען איין אַז דער ווילסאָן־אידעאַליזם האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפען־בלאָז אין דער קאַלטער, צינישער אַטמאָספערע פון ווערסייל.

אויב די פּאַרטיי וועט פאַנאַנדערגעריסען ווערען — און אין דעם קען שוין איצט קוים זיין אַ צווייפעל — וועט דאָס זיין ניט צוליעב דער מלחמה־שטעלונג, נאָר צוליעב דעם באָלשעוויזם.

דער רוסישער באָלשעוויזם האָט אויפגעשטעלט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פראַגען, וועלכע זיינען ביז ניט לאַנג צוריק באַטראַכט געוואָרען אַלס בלויז טעאָרעטיש. די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, די צושטערונג פון דעם בורזשואַזען, פּאַרלאַמענטאַרישען רעגירונגס־סיסטעם, די פאָלשטענדיגע אונטערדריקונג פון דעם בורזשואַזען קלאַס, די באַלדיגע איינפיהרונג פון קאָמוניסטישע פאָרמען פון פּראָדוקציאָן אונטער דעם דירעקטען קאָנטראָל פון דער פּראָלעטאַרישער רעגירונג — דאָס זיינען אַלץ געווען פראַגען, וועגען וועלכע עס איז פיעל געשריבען און דעבאַטירט געוואָרען אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. די באָלשעוויקעס האָבען אָבער די דאָזיגע פראַגען אַרויסגענומען פון דער דעבאַטען־וועלט און זיי אויפגעשטעלט אַלס פּראַקטישע באַלדיגע פּראָבלעמען.

מיר וועלען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אויף די מעלות און חסרונות פון די באָלשעוויסטישע טעאָריען. עס איז אָבער קלאָר, אַז זיי געהען זיך קאַטעגאָריש פאַנאַנדער מיט די ביז אַהער אָנגענומענע פּרינציפּען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבען זיך צוגלייך מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען באַטייליגט אין דעם פּאָליטישען קאַמף פאַר עמטער און פּלעצער אין די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען, און האָבען געזוכט צו געווינען פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס דערוויילינגע רעפאָרמען און אויסבעסערונגען.

אויב עס איז פאַראַן בלויז אַ קנאָפּער אונטערשיעד, אָדער נאָר קיין אונטערשיעד ניט אין די ענדציעלען פון די צוויי מינים סאָציאַליסטען, געהען זיך אָבער זייערע מעטאָדען און טאַקטיק פאַנאַנדער אַזוי ראַדיקאַל אַז ווערען שלום קען נאָך קיין פראַגע ניט זיין.

מען קען נאַטירליך וואולגאַריזירען דעם גאַנצען ענין. מען קען די סאָציאַליסטען פון דעם באָלשעוויסטישען חדר קרוינען מיט דעם נאָמען רעוואָלוציאָנערען, אמת׳ע סאָציאַליסטען, און די סאָציאַליסטען פון דעם אַלטען חדר באַרהאַמען אַלס רעאַקציאָנערען, בורזשואַזע רעפאָרמער א. ז. וו. דאָס וועט אָבער אונז ניט העלפען צו פאַרשטעהן ניט די ערשטע און ניט די צווייטע.

די נייע סאָציאַליסטען, די „לינקע“, ווי זיי רופען זיך, זיינען רעוואָלוציאָ-

* * *

ווען אָפּטימיסטיש גענוג צו גלויבען, אַז אַמעריקאַ וועט ניט פאַרשפּאַרען איהרע טירען פאַר אימיגראַנטען.

זיי האָבען געטראָפען, אָבער נאָר אויף אַ העלפט. אייראָפּאַ איז אַ אידישער גיהנם. די אירלענדער און פּאָליאַקען און טשעכען און אַנדערע קלייבען זיך צו פאַרלאָזען אַמעריקאַ. אידען זיינען גרייט צו פאַרפלייצען אַמעריקאַ. אַזוי ווייט, אַזוי גוט. זיי האָבען נאָר ניט געקענט פאָראויסזעהן, אַז אין אַמעריקאַ וועט מען חשק האָבען אויף צוויי יאָהר צי אויף פיער יאָהר, צי אויף שטענדיג צו פאַרמאַכען די טירען פאַר נייע אימיגראַנטען.

* * *

און איצט שטעלט זיך די פראַגע: ווי וועט אויסזעהן אַמעריקאַ, ווען מען זאָל טאַקי אָפּשטעלען די אימיגראַציע אויף פיער יאָהר?

זאָגען מענשען מיט אַ ווייטען בליק, אַז פאַר די פיער יאָהר וועט פאָרקומען פאָלגענדעס:

פאַר דער צייט וועלען, ווי געוועהנליך, די אידישע פּעדלערס ווערען קליינינקע „סטאָרקיפּערלעך“ און די קליינע „סטאָרקיפּערלעך“ וועלען אין גיכען פאַרמאָגען דעפּאַרטמענט סטאָרס. און אַלע וועלען זיי זיין גבירים אדירים.

און יעדער אידישער שניידער־אַרבייטער וועט, ווי געוועהנליך, פאַר דער צייט ווערען פריהער אַ קאָנטראַקטאָרעל און דערנאָך אַ גרויסער פאַבריקאַנט. און אַלע וועלען זיי ווערען גבירים אדירים.

ביז איצט פלעגען די פלעצער פון די פריזיגאַרבייטער פאַרנעמען די נייע אימיגראַנטען. איצט אָבער וועלען קיין אימיגראַנטען ניט זיין. וועלען דעריבער זיין בלויז אידישע גבירים, אידישע באַנקירען און פאַבריקאַנטען. און אפילו אויף אַ רפואה וועט איהר ניט געפינען קיין אידישען אַרבייטער, קיין אידישען פּעדלער, קיין אידישען קבצן.

און עס וועלען זיך פאַרמאַכען אַלע אידישע צדקה־אַנשטאַלטען. און אידישע בעלי־טובה׳ניקעס וועלען זוכען מיט ליכט אימיגראַנטען, איהם צו באַגליקען מיט זייער צדקה, און זיי וועלען ניט געפינען.

און די תלמוד־תורה׳ס וועלען זיך שליסען און די חדרים און אפילו די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען און די סאָציאַליסטישע „סאַנדיי־סקוהלס“. זיי וועלען זיך פאַרמאַכען, ווייל גבירים שיקען ניט אַהין זייערע קינדער און זיי דאַרפען אויף כפּרות די תורה און דעם סאָציאַליזם, דאָס העבראַאיש און דאָס אידיש.

און דאַן די אידישע צייטונגען.

מיט די אידישע צייטונגען, מיין פריינד, וועט זיין צרות. וואָרום יעדער פּעדלער וועט איבער נאַכט ווערען אַ יענקי און וועט אויפהערען פאַרשטעהן אידיש. און יעדע פּיגישערין וועט זיין אַ באַנקיר׳ס אַ ווייב און זי וועט מעהר ניט בעהען קיין קבעלעך און וועט מעהר אין הויז קיין אידיש וואָרט ניט אַריינלאָזען. וועט זיין אויס אידישע צייטונגען!

און אַז עס וועלען ניט זיין קיין אידישע אַרבייטער און קיין אידישע קבצנים און קיין אידישע צייטונגען, וועט איסט בראָדוויי פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ ווייטשעפּעל, אין „פאַרוואָרטס האָל“ וועלען טאַנצען שדים און אין העסטער פּאַרק וועלען וואַקסען היענעס און עס וועלען טרומפּליהען פלעדערמייז.

און פון סאָציאַליזם, פּועלי־ציוניזם, ציוניזם און אַנדערע קבצנישע און האַלבקבצנישע און סתם אידישע איזמען וועט קיין זכר ניט בלייבען.

און אַז די אידען וועלען אַלע ווערען גבירים, אַלע אמת׳ע יענקים און אַלע קאַפּיטאַליסטיש־געזאָנען, וועלען די איצטיגע יעקים מוזען ביי זיי ווערען אַרבייטער און וועלען זיך מוזען אָנהויבען בונטעווען און ווערען סאָציאַליסטיש־געזאָנען — בכלל, ווערען אימיגראַנטיש, באָלשעוויסטיש, קבצניש און געפעהרליך.

וועלען די מוירפים שטעהן מיט פּושקאַרטס און וועלען געיאָגט ווערען ווי חיות. און די מעק׳ניקאָלס וועלען יעדען סאַטאַרדאַג און דאַנערשטאַג סטרייקען, ווי אמת׳ע אימיגראַנטען און ווי אמת׳ע אידען. און די סמיטהס און מעק׳דאָנאַלדס וועלען זיין געפעהרליכע באָלשעוויקעס. און מען וועט אויף זיי אַלע זאָגען, אַז זיי זיינען געפעהרליכע „פאָריינערס“ און אַז מען דאַרף זיי אַמעריקאַניזירען אָדער פאַרשפּאַרען פאַר זיי די אַמעריקאַנער טירען.

און אידער עס וועלען נאָך פאַריבער די פיער יאָהר, אויף וועלכע מען וויל איצט אָפּשטעלען די אימיגראַציע, וועט מען זיכער אָננעמען אַ געזעץ אַרויסצושיקען פון לאַנד אַלע איצטיגע „אמת׳ע אַמעריקאַנער“ און מען וועט מיט גוואַלד שלעפּען אַהער אימיגראַנטען, הויפּטזעכליך אידישע.

און דאָס וועט זיין דער סוף פון דעם אַנטי־אימיגראַציע געזעץ. און אַזוי וועט זיך די אימיגראַציאָנס־געשיכטע אָנהויבען פון אָנהויב.

אַזוי זאָגען נביאות מענשען מיט אַ ווייטען בליק.

די פרויען־וועלט

פון ראזע בעדריק.

...עמען קעיט א'העיר איז געווען אין ...ג, און פארוואס זי איז איצט אין תפיסה.

די „מינעאפאליס לייבאר רעוויו" ...אוויזט מיט פאקטען און דאקומענטען ...גרונדלאזיגקייט פון דער אפיציעלער ...לאגע געגען קעיט א'העיר, און ווייזט ...ן אויף די אמת'ע אורזאכען, וואס האָ־...ען געפיהרט דערצו, אז די באריהמטע ...אציאליסטקע און פרייהייטס־קעמפערין ...ל פארפאקט ווערען אין געפענגעניש ...ן אויפהערען צו רעדען צו די אמערי־...אנער ארבייטער.

פאר די גרויסע „ביזנעס אינטערע־...ען" פון אמעריקא איז קעיט ריטשארדס ...'העיר געווען פונקט אזוי געפעהרליך ווי ...רושין וו. דעבס. ביידע, אי דעבס, אי ...'העיר, זיינען ניט אפגעקומען מיט הוי־...ער פאליטישער אגיטאציע, האבען זיך ...ט באגנוגענט מיט בלויז רעדען צו די ...רבייטער, נאר זיי האבען זיך דירעקט ...ון אקטיוו באטייליגט אין א סך גרויסע ...ון וויכטיגע סטרייקס פון אמעריקאנער ...רבייטער געגען דעם פרעסערישען אפע־...יט פון'ם אמעריקאנער „געלד־זאק".

א'העיר האט, אזוי ווי דעבס אין ...יינע אינגערע יאהרען, פארבראכט די ...עצטע צוואנציג יאהר אין די פאָדער־...טע רייהען פון די „פיקעט־ליינס" אין ...יעלע סטרייקס אין דער וועסט און אין ...נדערע טיילען פון'ם לאנד. זי איז אויס־...עצייכענט - גוט באקאנט מיט די מע־...אדען, וועלכע די אמעריקאנער „ביז־...עס אינטערעסען" ווענדען אן אין זייער ...יסטעמאטישער ארט פון דריקען און ...טיקען זייערע ארבייטער סאי אין צייט ...ון פרידען, און סאי אין צייט פון ...טרייק. זי איז אויך גאנץ גוט באקאנט ...יט דעם „געזעצליכען שוץ", וועלכען ...אס אמעריקאנער געריכט און די פאלי־...יי פארפעהלען קיינמאל ניט צו געבען ...י „אינטערעסען" פון „ביג ביזנעס" גע־...ען זייערע סטרייקענדע ארבייטער.

און די דאזיגע „אינטערעסען" ווייס־...ען, אז ווען קעיט א'העיר רעדט צו אר־...ייטער, רעדט זי ניט „פון'ם ארבעל ...רויס" און באנוצט זיך ניט מיט הוילע ...ראזען. זיי ווייסען, אז יעדעס מאל, וואס ...'העיר טרעט ארויס אויף אן ארבייטער־...ארזאמלונג איז זי גוט באוואפענט מיט ...י שטארקסטע און אומבאשטרייטבאר־...טע פאקטען פון'ם מיזעראבעלען לעבען ...ון די ארבייטער אין די פאבריקען, אין ...י מינען, אויף די אייזנבאהנען און אין ...י „סטאק־יארדס". זיי, די קאפיטאנען ...ון דער אינדוסטריע, ווייסען אויך, אז ...י פאקטען און ערפאהרונגען פון'ם אר־...בייטער לעבען, וועגען וועלכע א'העיר ...עדט אויף איהרע פארזאמלונגען, און ...וועלכע זי האט אליין דורכגעלעבט און ...איבערגעליטען באגלייך מיט די ארביי־...טער, האבען א „זעהר געפעהרליכע" ...ווירקונג אויף די גרויסע ארבייטער־מא־...סען. די ארבייטער־מאסען הויבען פון ...אזעלכע רעדעס אן צו פיהלען און פאר־...שטעהן די גוואלדיגע אומרעכטען וואס ...ווערען געגען זיי היינט באגאנגען אויף ...יעדען טריט און שריט... און אויף אונ־...זערע „געלד־זעק" הויבט אן ציטערען די הויט; זיי זעהען איצט בחוש, אז דארט, וואו די ארבייטער־מאסען הויבען אן צו דענקען און פאר־שטעהן איז קאפוט מיט דער הערשאפט פון קאפיטאל . . .

אט דאס איז די אמת'ע און איינ־ציגע אורזאך פון דער איצטיגער יאגד אויף די דעבס'עס, מוני'ס, א'העירס און אנדערע ארבייטער־פיהרער.

* * *

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 2, 1919, as required by the ... of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די אפיציעלע קלאגע, אויף וועלכער קעיט א'העיר איז איצט פאראורטיילט געווארען, באשולדיגט זי אין אגיטירען געגען פרייוויליגער אנשליסונג אן דער ארמיי, און אז זי זאל איינמאל אויף האָ־בען זיך אויסגעדריקט, אז „די אמעריקא־נער פרויען זיינען ניט מעהר און ניט ווע־ניגער ווי אפאראטען אויף צו געבוירען קינדער און דערנאך זיי אויפציהען און אויסהאדעווען כדי זיי זאלען טויגען פאר דער ארמיי..."

קעיט א'העיר האט אזעלכעס קיינ־מאל ניט געזאגט! זי איז אליין א מו־טער פון פיער היבשע קינדער, און זי ... גאנץ גוט, אז דער צוועק פון א מוטער איז ניט צו מאכען איהרע זיהן פאר סאלדאטען. וואס זי האט יא געזאגט איז אט וואס:

„ווען די רעגירונגען און די קירכען פון איירופא האבען אויפגעפאדערט די פרויען אין די קריגס־לענדער, אז זיי זא־לען, מיט אדער אהן הייראט, זיך איבער־געבען צו די יונגע מענער, וואס דארפען אוועקגעהן אין דער מלחמה, כדי די מע־נער זאלען באזארגען די וועלט מיט א נייעם דור איידער זיי אליין ווערען אויס־גע'הרג'עט — איז דאס ניט געווען קיין פארברעכען פון אויפגערייצטער ליידענ־שאפט, — דאס איז געווען א פארברע־כען פון קאלטבלוטיגער, ברוטאלער זעלבסטזוכט. און דורך באגעהן אזא פאר־ברעכען וואלטען די איירא פעאישע פרויען זיך ערנידריגט צו דער שטופע פון איינ־פאכע חיות און בהמות".

אט דאס איז וואס א'העיר האט געזאגט וועגען די פרויען. און, ווי מען זעהט, האט זי גערעדט אויסדריקליך וועגען די פרויען פון איירא פא; די אמערי־קאנער פרויען זיינען דא אפילו ניט דער־מאנט געווארען, ווייל אין אמעריקא איז וועגען מאכען אזא פארשלאג צו די פרויען גאר קיינעם אויפ'ן געדאנק ניט ארויפגעקומען.

וואס אנבעטרעפט, ווידער, איהר כלומרשטדיגער אגיטאציע געגען פרייווי־ליגער אנשליסונג אן דער ארמיי — איז דאס א פשוט'ער בלבול אויף איהר. אט זיינען איהרע ווערטער וועגען דער דאזי־גער פראגע:

„...אונזערע שונאים זאגען, אז מיר סאציאליסטען זוכען צו שטערען פריי־ווילגע אנשליסונג פון מענער אן דער ארמיי, — ד א ס א י ז נ י ט א מ ת! איך בעט מען זאל מיך ריכטיג פארשטעהן און ניט איבערדרעהן מיינע ווערטער. אויב א יונגערמאן פיהלט אז ס'איז זיין פליכט ארייצוטרעטען אין דער ארמיי, ד א ן ז א ג א י ך א י ה ם מ י ט'ן ג א נ צ ע ן ה א ר צ ע ן: „ג ע ה! א ו ן ג א ט ז א ל ד י ך ב ע נ ש ע ן!" זיין בלוט וועט אפשר פעטער מאכען די פעל־דער אין פראנקרייך, אבער דאס קען אמאל זיין צום בעסערען".

אזוי האט געזאגט קעיט א'העיר. ווי אזוי די שפיאנסקע געזעץ־היטער הא־בען פון אט די ווערטער ארויסגעדרונגען אן אגיטאציע געגען פרייוויליגער אנ־שליסונג אן דער ארמיי — דאס בלייבט א סוד. דערפאר, אבער, איז פאר אונז קיין סוד ניט, אז די „ארמאר פעקינג קאמפאני", די מעכטיגסטע פעסטונג פון'ם מעכטיגען פלייש־טראסט, האלט שוין פון לאנג „אן אויג" אויף קעיט א'העיר, און איז די לעצטע צייט געווא־רען שטארק פאראינטערעסירט, אז א'העיר זאל זיך אויפהערען ארומדרעהן אויף דער פרייער וועלט.

ארמאר'ס כעס אויף קעיט א'העיר איז — דעם אמת זאגען — ניט קיין אומ־זיסטער. ניט מחמת זי האט איהם אמאל אויסגעדרונגען אן ארענדע אדער ביי איהם אויסקעכאפט א פעטען קאנטראקט. ניין, מיט אזעלכע געשעפטען האט זיך קעיט א'העיר קיינמאל ניט אפגעגעבען. אבער קעיט האט אמאל, מיט יאהרען צוריק, געארבייט אין איינעם פון זיינע „הייזער", וואו עס ווערען געפאקט די קאנזערווירטע פליישען, און.. הלואי — אזוי קלערט מר. ארמאר — וואלט זי ביי איהם קיינ־מאל ניט געהאט געארבייט. ער פאר־שעלט, מסתמא, דעם טאג, ווען ער האט זי אנגעשטעלט ביי זיך פאר אן ארביי־טער. פעק מיט צרות האט זי איהם שוין פון דעמאלט אן פארשאפט, און גאנצע אוצרות אפגעקאסט. זי האט צווישען זיי־נע ארבייטער ארגאניזירט סטרייקס, גע־פיהרט סטרייקס און געוואונען סטרייקס; און ער, מר. ארמאר, האט געבעך גע־מוזט העכערען שכירות, שניידען אר־בייטס־שטונדען, און רייניגען די שטא־לען, וואו זיינע ארבייטער שטעהן גאנצע טעג און פאקען די פליישען. דאס אלץ קאסט געלד, און א סך געלד! א קליי־ניגקייט, אזוי פיעל טויזענטער ארבייטער צו געבען הוספות! אפילו ווען ער האט יעדען ארבייטער צוגעלעגט ניט מעהר ווי א „קוואדער" א וואך, האט עס דאך אויך אנגעטראפען א היבשע מטבעה. און דאס הייסט פשוט ארויסנעמען א קאפי־טאל פון דער קעשענע און עס ארייננוואר־פען אין בלאטע. אזא הארצווייטאג! און אלץ איבער אט דעם „אויסוואורף", איבער דער „שרעקליכער" קעיט א'העיר. און אזא סוד פארמאגט קעיט א'העיר איבער'ן לאנד און דערצעהלט פאר דער וועלט סודות פון די ארבייטס־פעלדער אין זייער סטאק־יארדס און אין די „היי־זער" וואו די פליישען ווערען געפאק־וועט. אזעלכע סודות, וואס ס'איז לחלוטין „אומגעזונט" אז די וועלט זאל פון זיי וויסען.

אזוי, למשל, פארגינט זיך א'העיר צו דערצעהלען דער וועלט, אז אין דער צייט פון'ם פלייש־פעקער סטרייק אין קענזעס סיטי, אין'ם יאהר 1904, האט די ארמאר קאמפאניע דארט אנגעשטעלט אלס ארבייטער ביים פאקען די פליישען, אויף די פלעצער פון די סטרייקער, מו־טערס וואס האבען געהאט זויג־קינדער ביי די בריסט. אזוי ווי אבער זויגערינס, מיט מילך אין זייערע בריסט, קענען ניט זיין קיין שנעלע ארבייטער, איז די קאמ־פאניע געפאלען אויף אזא מין המצאה: יעדע זויג־פרוי האט געמוזט איינמאל אין טאג, אין א באשטימטער שטונדע, אוועקגעהן אויף עטליכע מינוט אין א באזונדער צימער, וואו עס איז מיט א גר־מענער רעהר ארויסגעפאמפעט געווארען די מילך פון איהר ברוסט, כדי עס זאל איהר זיין גרינגער צו שטעהן, און זי זאל קענען ארבייטען שנעלער.

ווי געפעלט אייך אט דער איינ־פאל? געניאל! ניט אמת?

און דאס איז ניט דער איינציגער סוד, וואס די „אונפארזיכטיגע" קעיט א'העיר האט דערצעהלט די אמעריקאנער ארבייטער. נאר זאל זיין גענוג. אגב, לוינט זיך טאקע ניט צו פארקריגען מיט דער „ארמאר פעקינג קאמפאניע"; מע קען נאך באקומען דעם זעלבען אפשניט וואס קעיט א'העיר האט געקראגען פאר איהר רעדען . . .

נאך איין „אומגעווינשטע" פרויען־שטימע דערשטיקט.

עס איז נאך ניט פאראיבער קיין שלושים זינט די מעכטיגע שטימע פון קעיט ריטשארדס א'העיר, איז פארשטימט געווארען הינטער די שווערע אייזערנע טויערען פון דער „מיזורי סטייט פעניטענ־שערי", וואו א'העיר איז איצט פאר־שפארט, און עס איז שוין צוגעקומען נאך א מארטירערין פון'ם קאמף פאר'ן פרייען ווארט. פרייטאג, דעם 25טען אפריל, איז דא ערהאלטען געווארען די אונערווארטע־טע נייעס, אז דר. עליזאבעט באער איז שוין אויך אין געפענגעניש.

דר. באער איז אליין א פילאדעלפיער, און א טעטיגע טוערין אין דעם דארטיגען לאקאל פון דער סאציאליסטישער פאר־טיי. זי איז א לענגערע צייט אויך געווען א מיטגליעד פון דער נאציאנאלער עקזע־קוטיוו קאמיטע פון דער פארטיי. ניט לאנג צוריק האט אויך דר. באער זיך פאר־זינדיגט געגען דעם טרויעריג־באריהמטען „עספיאנאזש געזעץ", און איז, איינאיינעם מיט טשארלז שענק, אן אנדער פילאדעל־פיער סאציאליסט, פאראורטיילט געווא־רען צו דריי חדשים געפענגעניש און פינף הונדערט דאלער שטראף. דר. באער האט דאן געבעטען דאס געריכט איהר צו ער־לויבען צעהן טעג צייט אויף איינצוארדע־נען איהרע עסקים, איידער זי געהט אפזי־צען איהר טערמין אין געפענגעניש. דאס געריכט האט איהר בקשה באוויליגט, און דר. באער איז פרייגעלאזט געווארען ביז דעם 2טען מאי. אבער פאראכטאגען מיט־וואך ביינאכט, נאך לאנג איידער עס האָ־בען זיך געענדיגט די צעהן טעג, זיינען רעגירונגס אגענטען פלוצלינג אריינגעפאָ־לען צו איהר אין הויז אין פילאדעלפיא, האבען זי אהן שום ערקלערונגען ארעס־טירט, און זי באלד אפגעפיהרט אין גע־פענגעניש. עס איז איהר ניט געגעבען גע־ווארען די מעגליכקייט אפילו זיך צו גע־זעגענען מיט איהרע קרובים און פריינד. עס איז איהר בלויז ערלויבט געווען צו טעלעפאנירען נאר צו איין פריינד אדער באקאנטען און ניט מעהר.

דער פלוצליכער ארעסט און פאר־שיקונג פון דר. באער האט ערשטוינט ניט נאר זי אליין, וועלכע איז געווען פאל־שטענדיג אונפארבערייט דערצו, נאר אויך איהרע פיעלע פריינד און באקאנטע אין אנדערע שטעדט. אין נויארק האט מען זיך ווענען דעם דערוואוסט ערשט פרייטאג צוויי טאג נאכדעם, ווי זי איז שוין געווען ארעסירט. דעם גרוס האט אהער געבראכט עליזאבעט גורלי פלין, וועלכע איז צופעליג דעמאלט געווען אין פילאדעלפיא. אויך זי האט די דארטיגע פאליציי געזוכט מיט ליכט; און ווען מיס פלין וואלט זיך פון דארטען ניט ארויס־געגליטשט באצייטענס, וואל די פילא־דעלפיער גערעכטיגקייט אויך זי מכבד גע־ווען מיט א פאר חדשים אויף „אומזיסטע קעסט".

דער פארברעכען, פאר וועלכען דר. באער און טשארלז שענק זיינען פאראור־טיילט געווארען צו א טערמין פון דריי חדשים געפענגעניש און צו פינף הונדערט דאלער שטראף יעדער, איז געווען די פאר־שפרייטונג פון א געדרוקטען ליפלעט, די שפראך און דער אינהאלט פון וועלכען איז פון דער פילאדעלפיער יוסטיץ באטראכט געווארען אלס א פארלעצונג פון'ם „עס־פיאנאזש געזעץ". דער אמת איז, אז ניט זיי האבען דעם „פארברעכערישען" ליפ־לעט געשריבען און ניט זיי האבען איהם פארשפרייט. דאס געזעץ האט זיי אנגענו־מען אלס די פאראנטווארטליכע פאר'ן ליפלעט דערפאר, ווייל זיי זיינען עקזע־קוטיוו בעאמטע פון'ם ארטיגען לאקאל פון דער סאציאליסטישער פארטיי. דאס כא־ראקטעריסטישע דערביי איז, דאס, וואס דער דאזיגער ליפלעט, וועלכער האט גע־פיהרט צו זייער ארעסט, האט זיך אנגע־הויבען מיט די ווערטער, „לאנג לעבען זאל די קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאאטען!"

א ביטערער אמת.

מיט א שטיקעל צייט צוריק האבען די היגע ענגלישע צייטונגען געמאלדען, אז עטליכע טויזענד אמעריקאנער „פא־טריאטקעס" ארגאניזירען זיך צו מארשי־רען צו־פוס קיין וואשינגטאן, צו פאדע־רען פון אונזער רעגירונג, אז זי זאל צו־רוקציהען איהר באשלוס פון צו שיקען שפייז פאר די פארשמאכטע און אויסגע־הונגערטע פרויען און קינדער פון דייטש־לאנד און עסטרייך. נאך'ן „פאטריאטי־שען" פארשטאנד (פון געפיהל איז שוין נארניט צו רעדען) פון די דאזיגע „גוטע" אמעריקאנערינס, דארף מען לאזען די פון הונגער־געשוואלענע דייטשע און עסטריי־כישע פרויען און קליינע קינדער אויס־געהן ווי ליכט און ניט געבען זיי אפילו א טרוקען שטיקעל ברויט אויף צו דער־האלטען זיי ביים לעבען.

זאל יענער פילאזאף האבען געזאגט דעם אמת, ווען ער האט באהויפטעט, אז „די פרוי אין איהר גרויזאמקייט איבער־שטייגט דעם גרויזאמסטען מאן!"

ליידיס טיילארס יוניאן פון שיקאגא געווינט א 44 שטונדיגע ארבייטס וואך

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", האט אונזער ליידיס טיילארס יוניאן אין שיקאגא, לא־קאל 104, אנגעפיהרט א סטרייק פאר א 44 שטונדיגער ארבייטס־וואך. אין איי־ניגע שפעטער איז דער סטרייק שוין גע־וואונען געווארען. מיר דרוקען דא איבער אן אויסשניט פון דעם שיקאגא'ער „פאר־ווערטס" וואס גיט איינינגע איינצעלהיי־טען וועגען דער אנגעלעגענהייט.

„ווי אלע מאל אין דער פארגאנגענ־הייט, האט ווידער די ליידיס טיילארס יוניאן פארצייכענט א גרויסען זיעג דער־מיט וואס זי האט אויסגעקעמפט 44 שטונדען א וואך ארבייט. מיט דעם איז זי געווען די צווייטע יוניאן אין שטאדט וואס האט דאס באקומען. עס איז יעצט א פארגעניגען צו זעהן ווי די ליידיס טיי־לארס ווען זיי ענדיגען זייער טאג ארבייט 5 אוהר און שבת 12 אוהר, קומען נאכדעם אין די הערקוואדערס פון זייער יוניאן און דיסקוטירען איבער אלעס אין דער וועלט און אויך, פארשטעהט זיך, וועגען זייער יוניאן. עס איז נאך מעהר ערפרעהענד צו זעהן פאר די וועלכע פלעגען ערשט נישט לאנג צוריק זעהען דעם ליידיס טיילאר ארבייטען פון אין דער פריה ביז 9 אדער 10 אוהר אין אבענד און שבת דאס זעל־בע. יעצט ווערען זיי לעבעדיגער, ריהרעוו־דיגער און גלייכען אוים זייער רוקען.

„די יוניאן האט אויך אויסגעקעמפט א 33 דאלער מינימום וויידזש, דאס מיינט, אז ארבייטענדיג קורצע שטונדען קריגען זיי אבער באצאהלט אז זיי זא־לען אויך קענען פארדינען אויף צו מא־כען א לעבען.

„אין פאך איז יעצט שטארק ביזי. קיין ארבייטער קען מען נישט קריגען און דאס העלפט שטארק דעם וואוקס פון דער ארגאניזאציע.

„בלויז צוויי־דריי שעפער זיינען נאך געבליבען אין סטרייק. דאס איז בלום'ס און בלעקסטאנס און מארשאל פיעלד און לאשין. בלויז די צוויי ווילען זיך פאר־נעמען געגען דער מאכט פון דער ארגא־ניזאציע. זיי האבען אבער א טעות. די יו־ניאן האט זיך פארנומען פאר א קאמפף אזוי לאנג ביז זי וועט געווינען איהרע גערעכטע פאדערונגען".

שטרענגער פון'ם געזעץ

פון אהרן סמאלינסקי.

איצט זיכער געווען, אז יעגער האט איהם יא געזעהן.

— לאנג האט ער דא פארבראכט?

— האט ער מיט אן איינגעהאלטענעם ציטער אין קול נעפרעגט.

— כ'וויים?... א שעה, אפשר אנדערהאלבען... דערצעהלט מעשיות, נערדזשאוקט...

זי האט רוהיג געוואשען דאס געשיר.

ער האט זיך האסטיג אויפגעהויבען, איז א פאר מאל פארביינעגאנגען נעבען ווייב, ווארפענדיג דורשטיגע בליקען אויף איהר האלז און די הויך־פארקאטשעטע הענט, און איהם האט זיך געדאכט, אז אט פונקט אזוי ווי ער אצינד, זיצט טעטעלמאן ביי זיך אין הויז נאכ'ן סאפער, סאפי וואשט רוהיג דאס געשיר און זאגט צו איהם פלוצלונג:

— אך, כ'האב דיר גאר פארגעסען צו זאגען, וואס פאר א גאסט איך האב דא היינט געהאט!

— וועמען אזוי? — פרעגט טעטעלמאן רוהיג, לעזענדיג די צייטונג.

— מר. זיידמאן איז דא היינט געווען...

— אזוי גאר?... לאנג האט ער דא פארבראכט?

— כ'וויים — ענטפערט סאפי, — א שעה, אפשר אנדערהאלבען... דערצעהלט מעשיות, נערדזשאוקט...

און זיידמאנען האט זיך געדאכט, אז טעטעלמאן פיהלט און טראכט דארטען אין דער מינוט דאס זעלבע וואס ער דא. און אום זיך ניט ארויסצוווארפען אויפ'ן ווייב מיט די פויסטען און באליידיגונגס ווערטער, איז ער שנעל ארוים פון צימער.

די געשיכטע פון א קאאפעראטיווע לאונדרי.

אין'ם ענגלישען זשורנאל „קאאפעראיישאן“ געפינט זיך אן אינטערעסאנטער ארטיקעל ווי אזוי עטליכע מיידלעך האבען געגרינדעט א קאאפעראטיווע לאונדרי. זייער שנעלער ערפאלג לעזט זיך ווי אן אויסגעטראכטע מעשה. אט זיינען די אמת'ע פאקטען:

אין משך פון עפעס מעהר פון א יאהר צייט האבען עטליכע מוטיגע לאונדרי־מיידלעך אין סיאטעל, וועלכע פלעגען קריגען 4 און 5 דאלער א וואך שכירות, דורך זייערע אייגענע אנשטרענגונגען געהעכערט זייערע שכירות ביז צו 15 דאלער א וואך, און א חוץ דעם האבען דיזעלבינע מיידלעך, וועלכע פלעגען פריהער ארבייטען זאגאר צו 18 שטונדען א טאג, ווי נאר זיי זיינען געווארען אייגענע בעלי־בתים איינגעפיהרט דעם 8 שטונדיגען ארבייטס־טאג. זיי געהען איצט צו דער ארבייט אום 9 אין דער פריה און געהן א היים אום האלב נאך 4 נאכמיטאג. מאנטאג אין דער פריה אדער א טאג נאך יום־טוב געהען זיי צו דער ארבייט אום 10 א זייגער.

דאס האבען זיי דורכגעפיהרט אהן געזעצען, אהן לאיערס און אהן קאנגרעסלייט. אין א גאנץ קורצער צייט זיינען זיי געווארען „די קאפיטאנען פון זייער אייגענעם שיקזאל“. צוגעגאנגען איז עס אזוי:

די לאונדרי איינענטימער אין סיאטעל האבען עקספלואטירט די מיידלעך פון פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט פאר זעהר קלעגליכע שכירות. די קאנדיציעס אין אלגעמיין זיינען געווען גאר טרויעריגע. פראטעסטען זיינען איגנארירט געווארען. זיך אנשליסען אן דער יוניאן האט געמיינט פארלירען די שטעלע.

א פאר רעוואלוציאנערע גייסטער האבען אין פארצווייפלונג באשלאסען צו גרינדען א קאאפעראטיווע לאונדרי, וועלכע זאל באלאנגען און אפערירט ווערען פון ארגאניזירטע ארבייטער. דאס איז געווען דער איינציגער אויסוועג צו זייער טרויעריגער לאגע. זיי האבען ארויסגעלאזט 10 דאלערדיגע שעהרס צווישען די יוניאנס, און עס איז זיי געלונגען צוזאמענצוקלייבען א סומע פון 25,000 דאלער.

ווען די ארבייטער זיינען צוגעטראטען צו פראקטישע ארבייט, האבען זיי אנגעטראפען שוועריגקייטען אויף טריט און שריט. זיי האבען געוואלט אויפבויען אן אייגען הויז, אבער קיינער פון די לאנד־איינענטימער האט ניט געוואלט פארקויפען קיין פלאץ צו דער פרויענס יוניאן לאונדרי. אבער נאך לאנגע באמיהונגען איז זיי ענדליך געלונגען צו קריגען א פלאץ.

האבענדיג א פלאץ האבען זיי זיך גענומען אויפבויען די הויז. אבער די אייגענטימער פון די בוי־מאטעריאלען האבען זיי בוכשטעבליך באיקאטירט און קיינער האט זיי קיין בוי־מאטעריאלען ניט געוואלט פארקויפען. בקיצור, דורך פאלשע נעמען און הינטערוועגעלעך איז זיי ענדליך געלונגען צו קויפען אין פארשידענע ערטער ציגעל, שטאהל, האלץ, א. ד. גל.

יעצט האט זיך אנגעהויבען די אמת'ע שוועריגקייט: ווי קריגט מען לאונדרי־מאשינען? נאך וואכען זוכען איז זיי פון דעסטוועגען געלונגען א גאנצע לאונדרי אפצוקויפען אין קאלאמביא, פענסילווייניא. דער איינענטימער איז אין גאנצען ארויס פון די בעזנעס און ער האט דאריבער ניט קיין מורא געהאט פאר'ן „ארגאניזירטען קאפיטאל“. די מאשינען זיינען געשיקט געווארען נאך פארטלאנד, פון פארטלאנד נאך ספאקיין, און פון ספאקיין נאך סיאטעל, וואו די מאשינען זיינען ענדליך אינסטאלירט געווארען.

צום סוף איז ארויפגעשוואומען דער הויפט־פראבלעם: וואו נעמט מען זייף, סטארטש (קראכמאל), און אנדערע וואש־מאטעריאלען. יוניאן געלד האט ניט געשמעקט, ווי עס שיינט, די סוחרים פון'ם פאסיפיק קאוסט, און זיי האבען זיך ענטזאגט דעם קאאפעראטיוו צו פארקויפען די סחורות.

ענדליך איז די לאונדרי מיידלעך געלונגען צו קריגען די נויטיגע וואש־מאטעריאלען דורך זייערען א פריינד, אן אנגעשטעלטער אין א סופליי הויז. ער פלעגט אפקויפען גאנצע קאסטענס מיט זייף און אנדערע ארטיקלען און זיי אוועקשטעלען ביי זיך אין קעלער. צום סוף איז דיזער „טריק“ ענטדעקט געווארען. אבער עס האט ניט לאנג גענומען און עס איז דעם קאאפעראטיוו געלונגען צו מאכען א קאנטראקט מיט א פארטלאנדער פירמע, אז זי זאל איהר צושטעלען אלע נויטיגע מאטעריאלען. און — די לאונדרי האט אנגעהויבען צו וואשען.

די ארבייט פאר דער ערשטער וואך האט באטראפען 187 דאלער. דאס איז געווען אין נאוועמבער 1915, און אין 1918 האט די לאונדרי שוין געמאכט אן אומזאץ פון 2300 דאלער, טראץ אלע הינדערניסען פון די ארגאניזירטע בעלי־בתים.

אבער די קאאפעראטארקעס האבען זיך ניט באנוגענט בלויז מיט קלענערע שטונדען און העכערע שכירות, זיי האבען דאך אויך עפעס געהערט וואס די קאאפעראטיווען האבען אויפגעטאן אין אייראפא און זיי האבען דאריבער איינגעריכטעט אין זייער לאונדרי אלע סאניטארישע פארבעסערונגען — די בעסטע און שענסטע פון'ם פאסיפישען ברעג. אזוי לכל הפחות זאגט דער אפיציעלער רעגירונגס־רעפארט וועמען מען קען חלילה ניט חושד זיין אין באזונדערע פריינדשאפט צום קאאפעראטיוו.

און נאך מעהר: זיי האבען אנגעהויבען צו פארשפרייטען דעם געדאנק פון זעלבסט־הילף איבער דער גאנצער שטאט. זיי האבען אויך ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו די אונארגאניזירטע ארבייטער, וואו זיי האבען געזאגט: „אונזער לאונדרי צאהלט העכערע שכירות און קלענערע שטונדען; ווארום קענען ניט אייערע?“

א דאנק דיזען ליפלעט האבען זיך 25 מיידלעך אנגעשלאסען אן דער יוניאן, און נאר אין גיכען האבען אנגעהויבען ארייינצוקומען א סך נייע מיטגלידער. די לאונדרי מיידלעך האבען אויסגעטראטען דעם וועג, און סיאטעל איז איצט א גוט־ארגאניזירטע שטאדט.

אבער די מיידלעך האבען זיך ניט באנוגענט מיט זייער ערפאלגרייכער לאונדרי און האבען אויך געגרינדעט א קאאפעראטיווע סטאר, וואו זיי קויפען אלע זייערע נויטיגע שפייז־פראדוקטען. די פרייזען אין דיזען סטאר זיינען דיזעלבע ווי איבעראל, פאר דעם קריגען זיי אבער צוריק יעדע דריי מאנאטען די דיווידענדען.

אזוי למשל, ווען עס ווערט ערקלערט אן 8 פראצענטיגען דיווידענד, און א מיידעל וועלכע האט געקויפט פאר 30 דאל. פראדוקטען, קריגט נאכהער צוריק 8 פראצענט פון 30 דאלער, וועלכעס באטרעפט 2.40 דאלער, און א מיידעל, וועלכע האט געקויפט פאר 20 דאלער קריגט צוריק 1.60 דאלער. יעדער מיטגליד פון דיזער סטאר האט א שעהר און איין שטימע. די שעהר־האלדערס קריגען א באשטימטען אינטערעסט פאר זייערע שעהר־געלדער.

דער קאאפעראטיווער סטאר האט אויך א ספעציעלע קאמיטע, וועלכע באזוכען די ארומיגע פארמערס און קויפען אויף פארשידענע גרינצייג. אזוי, למשל, קריגען די מיטגלידער פאטייטאס פאר א העלפט בילינער ווי אין די פריוואטע סטארס.

א דאנק דעם ערפאלג פון דער קאאפעראטיווער לאונדרי האט זיך דער קאאפעראטיווער געדאנק אין סיאטעל שנעל פארשפרייט. היינט־צו־טאג האבען שוין כמעט אלע ארטיגע טרייד יוניאנס אייגענע קאאפעראטיווע סטארס, און א היבשע צאהל ארבייטער גיבען שוין ניט אוועק קיין איין סענט פון זייערע שפירות צו די פריוואטע סטאר־קיפערס.

די סיאטעל'ער קאאפעראטארס האבען איצט אפגעדונגען א פאבליק מארקעט פאר 640 דאלער א מאנאט, וואו זיי קריגען דירעקט פון די פארמערס גאנצע וואגאנען מיט גרינצייג, אייער, מילך, פלייש און פרוכטען. די קאאפעראטיווע טרייד יוניאניסטען האבען איצט די גרעסטע וואורשט פאבריק אין שטאדט. זיי האבען איבערגענומען א שלאכט־הויז.

ווען די קאאפעראטארס האבען אויסגעפונען, אז די פארמערס קריגען צו 5 סענט א קווארט מילך פאר וועלכע זיי מוזען צאהלען 15 סענט א קווארט, האבען זיי זיך אונטערגענומען אליין צו פארטיילען די מילך. זיי האבען אויך אפגעדונגען אן אייגענעם רעפרידזשירייטאר.

מיט א געוויסער צייט צוריק האבען זיי אפגעקויפט פאר 10 טויזענד דאלער א קאנדענסינג פלענט כדי צו קאנדענסירען די מילך וועלכע בלייבט איבער. די קאנדענסירטע מילך האט א יוניאן לייבעל אויף יעדער קען. זיי מאכען איצט אן אומזאץ פון ז י ב ע ן ה ו נ ד ע ר ט ט ו י ז ע נ ד ד א ל ע ר א מאנאט. דער ריינער פראפיט באטרעפט, אראפגערעכענענדיג אלע הוצאות, צ ו ו א נ צ י ג ט ו י ז ע נ ד ד א ל ע ר.

זיי האבען אויך דריי קאאפעראטיווע באקערייען און רעסטאראנען, מיט קלוב־רומס און לעזע־צימערען איבער דיזעלבע.

אזא ערפאלגרייכע באוועגונג קען ניט און טאר ניט בלייבען אין די ענגע קרייזען פון סיאטעל אליין, נאר מוז זיך אויך פארשפרייטען איבער'ן גאנצען לאנד. א גוטען ביישפיעל פון די סיאטעל'ער טרייד יוניאניסטען מעגען זיך אראפנעמען די איבריגע ארבייטער פון לאנד. דער ערפאלג אין סיאטעל איז נאך א גוטער ארגומענט פאר דער קאאפעראטיווער באוועגונג, וואס די טרייד יוניאניסטען קענען אויפטאן אויפן געביעט פון קאאפעראציע.

אט אזוי זעהען מיר, וועלכע וויכטיגע וואפע די ארבייטער לאזען ארוים פון זייערע הענד, ווי באלד זיי באשעפטיגען זיך ניט מיט קאאפעראציע.

צום רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט“.

ווערטהער פריינד: — עס איז איבריג אייך צו דערמאנען וועגען דער לאגע פון די אידען אין פארשידענע לענדער פון אייראפא, איבערהויפט אין פוילען און די לענדער וואס געפינען זיך אונטער איהר פיהרערשאפט. עטוואס מוז געטאן ווערען און געטאן ווערען שנעל צו באקעגנען די עפענטליכע מיינונג פון אמעריקא, און אויב מעגליך, פון דער וועלט, מיט די גרויזאמע פארברעכענס פון דער איצטיגער פוילישער רעגירונג געגען אידען. די אידישע שרייבער, די פארשטעהער פון דער אידישער פרעסע, וואס זיינען אם בעסטען באקאנט מיט דער לאגע, האבען די ערשטע דערפיהלט די נויטיגקייט פון אזא ארבייט. מיר ווענדען זיך דאריבער צו אייך אלס אן אנגעזעהענעם אידישען כלל־טוער צו קומען צו א קאנפערענץ וועגען דער אידישער לאגע, וועלכע וועט אפגעהאלטען ווערען דינסטאג אבענד דעם 29טען אפריל, 8 אוהר פינקטליך, אין בראדוויי סענטראל האטעל, 673 בראדוויי, נויארק.

מיר ערווארטען אז איהר וועט עס מאכען פאר אייער פליכט צו זיין אנוועזענד, ווייל די געפאהר וואקסט מיט יעדען טאג און די שרעקען זיינען צו גרויס, אז מיר זאלען זיך קענען ערלויבען צו בלייבען גלייכגילטיג.

די קאנפערענץ ווערט איינבערופען פון א צייטווייליגער קאמיטע פון י. ל. פרץ שרייבער פאראיין, וועמעס אויפגאבע איז דער אנגעלעגענהייט איז צוזאמענצוברייננען אלע מעגליכע קרעפטען פאר דער נויטיגער ארבייט.

די דערוויילינע קאמיטע,

ב. וולאדעק, טשערמאן,

מנחם, סעקרעטער.

אדרעס פון סעקרעטער פון דערוויילינער קאמיטע:

מנחם, 183 איסט בראדוויי, נויארק.

פרעזענטירען דעם שאפ טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון שווארץ בראדערס שאפ, 150 וו. 22טע סט. דריקען אויס אונזער דאנקבארקייט צו אונזער שאפ טשערמאן, ברודער עטקין, עקזעקוטיוו מעמבער פון לאקאל 1, פאר די גוטע ארבייט וואס ער האט געטאן צום שאפ. א דאנק איהם האבען מיר דעם סיזאן זעהר גוט פארדיענט. אלס אנערקענונג פאר זיין גוטער ארבייט האט ער פון אונזער שאפ באקומען א זעהר ווערטפאלען פרעזענט.

נ. פינק, טש. לאקאוויטש,
א. אשעבינסקי, א. קאכמאן,
א. וואגנער. די קאמיטע.

נ. ב. — עס דארף דא באמערקט ווערען אז מר. שווארץ האט צושטייער געגעבען 25 דאלער צו קויפען דעם פרעזענט.

איטאליענער

נפתלי גראס.

דרויסען איז א ווארמער ווינטער טאג.
איך זיץ א רוהיגער ביים פענסטער
און זעה:
אנטקעגענאיבער אין דער גאס
גראבט מען, בויט מען און מען מויערט.
ברוינע און פארשווארצטע איטאליענער
אין צעריסענע, בלויע און געלע
ארבייטס קליידער און אין פארטיכער
שלעפען גרויסע, גרויע, שווערע שטיינער:
מען לייגט דעם פונדאמענט.
דער אינזשעניר
באפעהלט און רעדט און ווייזט אן דא און דארט.
(עס ווערט קיין ציגעל ניט פון ארט גערירט
אהן עמיצענס באפעהל).
און די ברוינע און פארשווארצטע איטאליענער
רויכערען די ליולקעס, ארבייטען און שווייגען.
שווייגען, טראגענדיג אין זיך פארבארגען
די בענקשאפט צו דעם זוניגען און ווארמען
זומערלאנד.

ערגעץ, אין דעם זוניגען און ווארמען זומערלאנד
ווארטען פעלדער ניט צעאקערטע,
ווארטען, גליהענדיג פון רייפקייט,
ווייטע פאמעראנצען־גערטנער;
אפשר ווארט אויך דארט א ווארעם הארץ,
וואס בלוטיגט שטיל פון בענקשאפט
אויף די ברוינע און פארשווארצטע איטאליענער
אין צעריסענע, בלויע און געלע
ארבייטער קליידער און אין פארטיכער,
וואס שלעפען גרויסע, גרויע און שווערע שטיינער
בויענדיג פאר פרעמדע אין דעם פרעמדען לאנד
רויכערען די ליולקעס
און שווייגען.

רעזאָלוציאָן פון ה. סטאַהל'ס שאַפּ

מיר, די ארבייטער, פון הערי סטאהל'ס שאַפּ, פארזאמעלט ביי א גוט באזוכטען מיטינג, שבת דעם 26טען אַפּריל, האָבען באשלאָסען צו פארעפענטליכען פאָלגענדע רעזאָלוציאָן:

„נעמענדיג אין אנבעטראַכט די גוטע ארבייט פון אונזערע ביזנעס איידזשענטס בר. ווארשאווסקי און ברודער קעסטין, וואָס זייערע קלוגע עצות האָבען געבראכט פיעל גוטעס אונזער שאָפּ, און,

„נעמענדיג אין אנבעטראכט די הילפע פון אָפיס וועלכע האט געלייסטעט אין יעדער פראגע פאר אונזער שאָפּ, און,

„נעמענדיג אין אנבעטראכט די טרייע און איבערגעבענע ארבייט פון אונזער שאָפּ־טשערמאן בר. דוד ליוויי,

„זיי עס באשלאָסען, ערשטענס, צו באדאנקען זיי אלעמען, און צווייטענס, אלס א צייכען פון אנערקענונג צו פרעזענטירען אונזערע ביזנעס איידזשענטס די ברידער ווארשאווסקי און קעסטין מיט פערטפולע פרעזענטען, און מיר ווינשען זיי פון אונזער טיעפען הארצען דאס געזונטערהייט צו באנוצען, און,

„זיי עס אויך באשלאָסען צו פרעזענטירען אונזער שאָפּ־טשערמאן בר. ליוויי מיט א גאָלדענער וואטש און טשיין. מיר דריקען אויס די האָפנונג, דאס אין דער צוקונפט ווי אין דער נעגענוואַרט וועט ער זיין טריי צו אונזער יוניאָן.

רעזאָלוציאָנס קאָמיטע:

אב. טאלטשינסקי,
ס. קאנטראָוויץ,
מאַקס ראָזמאַן,
ה. קאָהען

וואס יעדער מעמבער פון לאָקאַל 23 דאַרף וויסען און געדענקען וועגען קראַנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראנק מעלדעט זיך גלייך אין אָפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אָן אייער ריכטיגען אדרעס, דעם פלאָר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין באָרד, גיט אָן דעם נאָמען ביי וועמען איהר וואוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאָן בוך אין אָפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. ווען איהר געפינט זיך אין א האָספיטאל גיט אָן דעם נאָמען פון האָספיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאָן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאָג וואס איהר האט זיך אפיציעל געמאָלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאָן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאָן דאָקטאָר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאָקטוירים, סערטיפיקייטס פון לאָדזשען אדער פאראיינען וועלען פאזיטיוו נישט אנערקענט ווערען.

7. קראנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאקטאר'ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאָל אין וואָך אין אפיס פון יוניאָן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז באַרעכטיגט די וועלכע האָבען איינגעצאָלט אמווינציגסטען פאר איין מאָנאט בעפאר ער אדער זי האט זיך געמאָלדען קראנק.

9. ווען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאָנאטען, ווערט איהר פאררעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע וואָך בענעפיט ווערט געצאָהלט אויפ'ן 10טען טאָג. די איבריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ה. וואָנדער, מענעדזשער.

לעזער פון די „גערעכטיגקייט"! פאַטראָנייזט אונזערע אדווערטייזער.

רעזאָרסעס איבער

$60,000,000.00

מעהר ווי 100,000 דעפּאזיטאָרס

די סטייט באנק

זיכער — קאָנסערוואטיוו — צופריעדענשטעלענד

מעמבער פון ניו יארק קלירינג הויז

די יונייטעד סטייטס גאָווערנמענט, סטייט און סיטי אָוו ניו יארק, און די יונייטעד סטייטס פּאָסטאל סיווינגס דעפּאזיטען מיט אונז.

ווערט אויך איינער פון אונזערע דעפּאָזיטאָרס.

THE STATE BANK

שטארק ווי דער פעלזען פון גיבראלטאר

374 גרענד סטריט, ניו יאָרק

7 וועסט 26טע סטריט. 100 עסעקס סט. 1400 פינפטע עוועניו
158טע סטריט, יוניאן און וועסטשעסטער עוועניוס
ברוקלין ברענטשעס:
גרעהעם עוו. און ווערעט סט., פיטקין און סטאון עוועניוס.

צו די מיטגלידער פון דער אינט. לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

א וויכטיגע באקאנטמאכונג

די מעדיקאל און דענטאל קליניקס פון 31 יוניאָן סקווער, וועלכע זיינען עטאבלירט און אָנגעפיהרט געווארען פון דעם דזשאָינט באָארד אוו סאניטארי קאָנטראָל וועלען פון דעם 1טען מאי, 1919, איבערגענומען ווערען

פון דער „יוניאָן קליניקס אסאָסיאיישאָן"

די אסאסיאיישאָן איז צוזאמענגעשטעלט פון איינע ניו יארקער לאקאלס פון די אינטערנעשאנאל, מיט די פאָלגענדע פּערזאָנען אלס בעאמטע: הערי וואנדער, פּרעזידענט; אברהם ע. קאַזאַן, טרעזשורער; סעמיועל דזש. רינגער, סעקרעטער; י. זארעמסקי, דזשייקאב קעסטין און ד. רובין, — באָארד אוו דירעקטאָרס. אלס דירעקטאָר פון די קליניקס פארבלייבט אונזער דר. דזשארדזש מ. פּרייז.

מעדיקאל קליניק צו אונטערזוכען אַפּליקאנטען און קאָנדידאטען פאר די לאקאלס פון די אינטערנעישאנאל לידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן.

אפּליקאנטען וועלען אונטערזוכט ווערען יעדען טאָג, א חוץ פרייטאג און זונטאג, פון 11 אין דער פריה ביז 1 אוהר מיטאג צייט.

מאנטאג און מיטוואָך וועלען אויך זיין אווענט־שטונדען, פון 5 ביז 7.

ספּעציעלע אונטערזוכונגען פאר קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט.

מאָנטאג, צווישען 12 און 1 מיטאג צייט.

דר. דזשארדזש מ. פּרייז

מעדיקאל קליניק פאר אלגעמיינע אונטערזוכונגען.

אלע מיטגליעדער פון דער אינטערנייישאנאל לידיעס גארמענט ווארקערס יוניאָן קענען עקזאמינירט און באהאנדעלט ווערען ווען זיי ברענגען א קארד פון זייער לאקאל יוניאָן, אין פאלגענדע טעג:

דינסטאג און דאנערשטאג, צווישען 1 און 2 אוהר נאכמיטאג.

דר. דזשייקאב ליכטענשטיין.

דאָנערשטאג — פון 5 ביז 7 אווענט.

דר. הערמאן שוואָט.

דינסטאג, צווישען 5 און 7 (בלויז פאר פרויען)

דר. פּעני דעמבאָ.

ספּעציעלע מעדיקאל אונטערזוכונגען.

פאר מאָגען־קראנקהייטען.

א ספּעציעלע אַפּטיילונג פאר מיטגליעדער וואס דארפען א פּאַלשכענדיגע אונטערזוכונג און טריטמענט פאר די פארשיעדענע מאָגען־קראנקהייטען.

דאָנערשטאג, צווישען 2 און 3 נאָך מיטאג.

דר. הערריס וויינשטיין.
מיט דער הילף פון
דר. ה. פריעד.

דער נאָז און האלז קליניק.

וועט פארטגעזעצט ווערען ווי בעפאר, שבת, 2 א זייגער נאָכמיטאג.

דר. א. ווייזענהאָפּער.

פאר'ן אונטערזוכען און טריטמענט אין דיעזע קליניקס וועט מען דארפען צאָהלען איין דאלר, אום צו דעקען א טייל פון די אויסגאבען.

דענטאל קליניק.

אונזער דענטאל קליניק וועט פארטגעזעצט ווערען אויפ'ן זעלביגען קאָאפּעראטיווען באזיס. מיר וועלען געבען די בעסט־מעגליכע דענטאל ארבייט פאר קאָסט פרייז.

עס ווערט באשעפטיגט א שטאַף פון גוטע, קאָמפּעטענטע דענטיסטען.

דער דענטאל קליניק איז אָפען יעדען טאָג, אויסער זונטאג, פון 10 אין דער פריה ביז 8 אוהר אווענט. שבת פון 10 אין דער פריה ביז 6 פאר נאכט.

עקס־ריי פּיקטשורס, צעהן ווערען געצויגען אָהן שמערצען, ברידזש און פּלייט ארבייט ווערט געמאכט לויט די בעסטע מעטאָדען.

31 יוניאָן סקווער (אריינגאנג דורך 23 איסט 16טע סט.) נאָך 6 א זייגער רינגט די בעל

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

י. ה. גרינבערג, לאקאל 8, סאן פראנציסקא. — נו, האט איהר זיך עס צושריבען, קיין עין הרע. ביי אייך איז אדער גארנים, אדער צופיעל... נאר דאס איז א קלייניגקייט. מיר ווייסען נים, צי איהר ווילט עס האבען אין ענגליש און אין אידיש, צי בלויז אין ענגליש. איהר פארשטעהט דאך, מיר ווילען זיך איינשפארען אן ארבייט, אי אביסעלע פלאץ. לאזט גלייך וויסען. אין ענגליש וועט איהר עס געפינען אין דעם נומער.

ווארקערס דעפענס יוניאן. — ערהאלטען אייער בולעטין, געפונען אין איהם גאנץ וויכטיגען מאטעריאל, מיט וועלכען מיר וועלען זיך, לויט מעגליכקייט, באנוצען. הלוואי וואלט זיך נאר די איבעריגע פרעסע באנוצט מיט דעם, וואלט עס אפשר געהאלפען. מיט דער סימפאטיע פון אונזערע לעזער און לעזערינען זיינט איהר דאך זיכער.

ל. ראזענצווייג. — די אלע ארגומענטען פאר וואך־ארבייט, וואס איהר גיט אן, זיינען פאלשטענדיג ריכטיגע, און זיי זיינען שוין אפט ארויסגעזאגט געווארען אין דער „גערעכטיגקייט", און אויב עס איז נויטיג זיי איבערצו'חזר'ען, איז עס נים אין דער צייטונג, נאר טאקע אין שאפ, אין אייערע באגעגנישען מיט די ארבייטער. די בעסטע פראפאגאנדע איז די, וואס ווערט אנגעפיהרט פריוואט, פנים לפנים. און אט דאן, ווען דער פראפאגאנדיסט פון דער אנדערער זייט קומט און רעדט אזעלכע ווילדע נארישקייטען אדער אזעלכעס, וואס איז בלויז אין זיינע אינטערעסען, לויט זיין קורצזיכטיגקייט, אט דאן איז טאקי צייט ארויינצושפרינגען מיט אייערע ווערטער, וועלכע זאלען אויפדעקען דעם גאנצען בלאף. אין דער „גערעכטיגקייט" איז עס איבעריג, דאס ווערט שוין באזארגט פון מענשען, וועלכע לויידער קענען נים אנפיהרען אט די נויטיגע פנים־אל־פנים אגיטאציע.

ד. פינקעל. — די פראגע וועגען די עלטערע מענשען, וועלכע ארבייטען איצט אין די קלאוק־שעפער איז ווירקליך נים אזא לייכטע, ווי איהר מיינט. נאר, ווי זאגט אן ענגלישער שפריכווארט: דארט, וואו עס איז דא דער ווילען, וועט זיך אומער געפינען א וועג. נאטירליך, ווען עס וואלטען געווען גאר פיעלע אלטע לויט ביי דער ארבייט, זאגען מיר די מאיאריטעט, וואלט דער מינימום־פרייז געמוזט באשטימט ווערען לויט זייערע ארבייטס־כוחות, און נים לויט די ארבייטס־כוחות פון די אינגערע. אזוי ווי אבער די אינגערע זיינען אין דער מאיאריטעט, ווייל ערשטענס, איז זעהר זעלטען צו טרעפען אן אלטען קלאוקמאכער — ער שטארבט, איידער ער ווערט גוט אלט — און, צווייטענס, ווייל זאגאר אונטער דעם סיסטעם פון שטיק־ארבייט האט דער באס געזעהן וואס גיכער פטור צו ווערען פון די אלטע, און באשעפטיגען אנשטאט זיי יונגינקע, פרישינקע, דערפאר קען די פראגע, וואס וועט מען טאן מיט די אלטע, דאך מיט צופריעדענהייט פארענטפערט ווערען. מיר, פערזענליך, גלויבען, אז אזא שטארקע יוניאן, ווי די „אינטערנעישאנעל", קען האבען א באשטימטען פאנד פאר אלע אלט־געווארענע קלאוקמאכער, אז זיי זאלען נים דארפען געהן מעהר ארבייטען, נאר זייערע לעצטע ביסעל יאהרען פארברייגען אין רוה ערגיץ־וואו אין קאנטרי. נאטירליך, קען עס נים אויסגעפיהרט ווערען מיט די לעבערליך־קליינע דיוס, וואס די קלאוקמאכער צאהלען איצט, אלס יוניאן־מיטגליעדער. אבער שטעלט אייך פאר, אז יעדער יוניאן־מיטגליעד צאהלט עקסטרא פאר דעם פאנד 25 סענט א וואך, קען באשאפען ווערען איינער פון די גרעסטע פאנדס. דאס וועט זיין נים קיין נדבה, וואס דער אלט־געווארענער קלאוקמאכער וועט זיך שעמען אנצונעמען. דאס וועט דאך זיין זיין אייגען געלד. דאס וועט זיין א סארט אינשורענס, אבער נים אויף נאכ'ן טוידט צו געניסען, נאר טאקי ביים לעבען. די שריפטזעצער יוניאן האט אזא פאנד און אזא פלאץ פאר איהרע אלט־ אדער קראנק־געווארענע מיטגליעדער. אז איין יוניאן קען עס, ווארום זאל עס א צווייטע יוניאן נים קענען אויספיהרען! נאר דאס איז אויף שפעטער. די פראגע איז, וואס וועט מען קענען טאן מיט די עלטערע מענשען שוין באלד? דער באס וועט דאך מיט א געוויסען שיין פון רעכט נים קענען צאהלען די עלטערע און פיעל לאנגזאמערע ארבייטער דעם באשטימטען מינימום־פרייז. איז אבער אויף דעם אויך דא, אז מען וויל, א מיטעל: מען קען באשטימען צווייערליי מינימום־פרייזען. זאגען מיר, איין מינימום־פרייז פאר מענשען ביז זעכציג און א צווייטען מינימום־פרייז פאר מענשען עלטער ווי זעכציג, זאגען מיר, 40. די וואך, לויט דעם דורכשניטליכען פארדיענסט זייערען פון דער שעהנער צייט פון שטיק־ארבייט. די באסעס ווילען זיי גערן באשעפטיגען, ווייל, ווי זיי אליין זאגען, האבען זיי דאך מורא, אז אונטער דעם וואך־סיסטעם וועט די קלאוק־אינדוסטריע נים האבען גענוג ארבייטער. און טאמער ווילען זיי נים ווילען, קען מען זיי מאכען ווילען. די צייט, ווען דער באס מוז אלעס האבען, ווי ער וויל, איז שוין אוועק. אט וויל ער נים קיין וואך־ארבייט, וועט עס איהם עפעס העלפען? וואס אנבאלאנגט די גאנץ שוואכע, קענען זיי דאך זיכער אויך אונטער דעם שטיק־סיסטעם נים ארבייטען, און זיי מוזען נעבאך אויף דער עלטער געהן זוכען אן אנדער ארבייט, וואס דאס איז גרויזאם. פאר אזעלכע איינצעלנע פעלע, גלויבען מיר, קען די יוניאן שוין זארגען, אז זייער עלטער זאל נים זיין אזא טרויעריגע.

ב. פיינסטאן. — איהר פרעגט נאך, אויב מיר האלטען עס פאר אן עולה? ניין, עס איז א פארברעכען. ווען אן איינצעלנער סקעבט, קען מען נאך, אפשר, געפינען א שטיקעל זכות: ער איז הונגעריג; ער האט נים געקענט צוליעב הונגער אייגענטימס־געלד אריין אין דער יוניאן, אדער ער פארשטעהט מאקי נים, וואס דאס איז פאר א פארברעכען. ווען אבער איין ארבייטער־ארגאניזאציאן סקעבט געגען די צווייטע, און נאך אויף דעם גרונד, ווייל זי געהערט נים צו איהר קלייזעל צוליעב א געוויסער אורזאכע, דאן איז ווירקליך א שאנדע. אזא ארגאניזאציע איז אין דער אמת'ן, מיט וועלכע פראזען זי זאל זיך נים ווילען צודעקען, נים מעהר, ווי א קרעמעל, וועלכע האט נאר איין זאך אין זינען, וואס מעהר אפצוזעצען איהר פארפוילטע סחורה צו וואס מעהר קאסטאמער. אי, ווארום שווייגען מיר, איז, ערשטענס, וועט עס דאך קנאפ־וואס העלפען; צווייטענס, דאס איז דאך שוין אן אלטע קרענק. דריטענס, געגען דעם דארף מען ק ע מ פ פ ע ן, נים ריידען. מיר האפען, אז דאס מאל וועט געקעמפפט ווערען און אז די שמאלע, קורצזיכטיגע קרעמעל־אינטערעסען וועלען זעהר שלעכט אפשניידען.

אינדראסטריאלניק. — מיר האלטען נים פון ארויסגיסען דאס קינד צוזאמען מיט'ן שמוציגען וואסער. און דערפאר קענען מיר נים איינפארשטאנדען זיין מיט אייער רעוואלוציע, וועלכע האט אלס איהר ציעל אלעס פריהער צו צוברעכען און נאכהער זיך נעהמען בויען. איהר קענט זיכער זיין, אז קאפיטאל וואלט זיך גארנים געוואונשען קיין בעסערע זאך, ווי אזא רעוואלוציע אין דער ארבייטער באוועגונג. עס איז אמת, אז עס בילדעט זיך אויס א געוויסע ביוראקראטיע, וועלכע קען ווערען א גרויסע געפאהר פאר די ארבייטער באוועגונג. נון, דארף מען געגען איהר קעמפפען. אבער פונקט אזא זאך קען געמאלט זיין אויך אין אן אינדוסטריעלער יוניאן, וואו די ארבייטער האבען נים די נויטיגע ענערגיע און דעם נויטיגען שכל. דאס זעלבע איז מיט דעם געשריי „איין גרויסע יוניאן". די איין גרויסע יוניאן וועט נים קומען פון שרייען אין דער וועלט אריין. עס מוז צוערשט אריינדרינגען דאס באוואוסטזיין ביים ארבייטער פון אייגנע און דיזעלבע אינטערעסען, ביי וועלכער ארבייט זיי זאלען נים זיין באשעפטיגט. דאן ווערט במילא די „איין גרויסע יוניאן" א ווירקליכקייט. ביז דאן איז די גאנצע מיה פון אבער און ווידער רעארגאניזירען גאנץ אומזיסט. דאס אבער דארפט איהר נים אויסטייטשען אלס געגנערשאפט פון אונזער זייט געגען אירגענד א נייע שטרעמונג. נאר איינפאך, מיר האבען נים די פעהיגקייט זיך תינצורייסען דורך פראזען, און שטרעבען אלעס צו באטראכטען אזוי געלאסען און איבערלייגט, ווי ווייט עס איז נאר מעגליך.

„וואך ארבייט איז אלרייט!"

אזוי זאגען די ארבייטער פון דער קלאוק פירמא קלאץ און עפשטיין, 116 וועסט 22טע סט.

אין דעם שאפ האט מען דעם לעצטען סיזאן געארבייט פון וואך. די שכירות פון די ארבייטער איז געווען 46 דאלער א וואך. מיט די „לעדזשיטימייד" שטונדען, אוווערטיים ארבייט, וואס די יוניאן ערלויבט צו ארבייטען, האבען זיי פארדינט צו 63 דאלער א וואך. אין שאפ איז געווען שטיל און רוהיג און אויך די פירמא איז מיט דעם זעהר צופרידען געווען. א סימן האט איהר, דאס ווען דער סיזאן האט זיך געענדיגט האט די פירמא, גאנץ פרייוויליג, געגעבען יעדען ארבייטער הונדערט און פינף־און־צוואנציג דאלער א פרעזענט.

א קאמיטע פון דעם שאפ זיינען געקומען אין רעדאקציע איבערגעבען דעם פאקט. די ארבייטער זיינען העכסט צופרידען און זאגען אז וואך־ארבייט איז „אלרייט". זיי האבען געבעטען דאס צו פארעפענטליכען און מיר טוען דאס גאנץ גערן.

שרייבער באלל דעם שבת

דער פריהלינגס־באל פון י. ל. פרץ שרייבער פאראיין וועט זיין היינטיגען שבת אין ניו סטאר קאסינא, 107טע סט. און פארק עוועניו

4 סטארס וועלען אנטייל נעמען ביי דעם קאנצערט: צוויי זינגער, איין פיאניסטין און איין טענצער.

די זינגער זיינען יאזעף שליסקי, דער באריהמטער טענאר, וועלכער האט געמאכט א פוראר מיט זיין רעסייטעל אין קארנעגיע האל, און מאדאם פעני ק.

ארבייטער רינג מיוזיקאל קלוב.

די סקול מאכט זעהר גוטע פארטשריטע. דעם גרעסטען סוקסעס האבען מיר געמאכט מיט דעם קלאס אין טעארי אונטער דער לייטונג פון פראפ. פיערסאן פון פעטערבורגער קאנסערוואטאריע. עס איז צו באוואונדערען ווי די קינדער, אין אזא קורצער צייט, לעזען פליסיג נאטען, וואס דאס איז קיין מאל דער פאל פון אונזערע קינדער וועלכע לערנען מיט פרייוועט לערערס. מיר ווינשען אז אלע עלטערן וועלכע לערנען זייערע קינדער מוזיק זאלען שיקען די קינדער צו אונז אין סקול וואו מיר האבען די בעסטע לערערס. אין אונזער ווייאלין דעפארטמענט האבען מיר אן דער שפיצע אלפרעד מערגעלין, קאנצערט מייסטער פון דער פילארמאניק ארקעסטער און אויך דעם גרויסען איסיי'ס א תלמיד.

די סקול איז אפען יעדען טאג פון 10 מארגענס ביז 10 אבענדס אין 143 איסט 3טע סטריט.

טעלעפאן, ארטשארד 3593.

נייטען אלטערמאן, דירעקטאר.

העסקעל, א בארימטע פיאנאפיסטקע.

די פיאניסטין איז: מיורא סילבא, וועלכע איז אנערקענט אלס איינע פון די גרעסטע פיאנא קינסטלערינס.

דער טענצער איז העגרי, וועלכער ווערט געהאלטען אלס דער בעסטער כאראקטער טענצער אין אמעריקא.

טיקעטס פאר דעם באל און קאנצערט שוין צוזאמען מיט העטשעק קאסט 1 דאל. צו באקומען אין אלע אידישע צייטונגען און דעם טאג פון באל אין דער קאסע פון דעם האל.

לוידיס טיילארס און אלטערײשאן ארבייטער יוניאן לאקאל 80

אויף א מיטינג פון אונזער יוניאן איז באשלאסען געווארען אז יעדער מעמבער זאל געטעקסט ווערען מיט 5 ד א ל א ר אום צו בנעקסטען סיזאן אויסצוקעמפען א 44 שטונדען ארבייטס וואך און אנדערע טרייד אויסבעסערונגען.

דער באשלוס פון דער יוניאן איז אז דיעזער 5 דאלאר אסעסמענט, וועלכער נעהמט שוין אריין דעם $1.50 אינטערנעישאנאל אסעסמענט זאל באצאהלט ווערען נים שפעטער ווי ביז דעם 15טען מאי.

ווארט נים אויף צום לעצטען, קומט און צאהלט אפ דעם אסעסמענט וואס אם שנעלסטען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 80

ה. הילפמאן, סעקרעטער.

דער

ארבייטער רינג

איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מעמבערס.

דער ארבייטער רינג איז נים בלויז אן ארדען, נאר אויך א געזעלשאפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באוועגונג.

די יוניאן שטיצט אייך אין אייער עקאנאמישען קאמפף. — דער ארבייטער רינג איז א פריינד צו זיינע מעמבערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

די ארבייטער באוועגונג איז דער פעלז אויף וועלכען דער טעמפעל פון דער צוקונפט וועט געבויט ווערען.

דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.

אויב איהר זייט נאך נים קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE, 175 E. B'WAY, N.Y.

א אינטעליגענטע באלוינונג

אז גוטע ארבייט ווערט פון אלעמען געשעצט קענען מיר זעהן פון פאלגענדען ביישפיעל:

אין אנפאנג פון ספרינג סיזאן איז די לאגע פון די ארבייטער אין קאהן און קלאזנער'ס שאפ געווען כמעט אונערטרעגליך. א דאנק די אויסערגעוועהנליכע איבערגעבענהייט פון אונזער שאפטשערמאן, ברודער סעם באמראנד, וועלכער האט אונערמידליך געארבייט און אוועקגעשטעלט אונזער שאפ צווישען די הונדערט פראצענט יוניאן שעפער, אלס גוט־שטעהענדע יוניאן לייט, און אויך אפגעסעטעלט פרייזען אויף דעם באזיס פון מאכען איין אנשטענדיגען לעבען. מיר האבען דערפאר פרעזענטירט אונזער שאפטשערמאן מיט א סעט ביכער „ענציקלאפעדיא בריטאניקא" פאר הונדערט דאלער.

מיט ברודערל'בע אנערקענונג,

די פרעס קאמיטע.

True translation filed with the Postmaster at New York May 2, 1919, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

זייט איהר דאַנקבאַר?

אויף די שלאַכטפעלדער אין פראַנקרייך — וואו נאָר יענקים זיינען געווען — האָבען זיי אַלעס אוועקגעגעבען אום איהר זאָלט זיין פריי — 72,000 אמעריקאַנער באָיס, וועלכע האָבען אַזוי ליעב געהאַט דאָס לעבען און זיין פרעהליך.

פאַר אייך זיינען 200,000 געפאַלען פאַרוואונדעטע ביים פראָנט, — צעהנדליגע טויזענדער זיינען צוקאַלעטשעט געוואָרען פאַר'ן גאַנצען לעבען.

א מיליאָן און א פערטעל אַנדערע אמעריקאַנער האָבען ווידער און ווידער געאָפּפערט זייערע לעבענס פאַר אייך ביי טשאַטי טהערי, סט. מיהיעל, אין אַרגאָן און ביי דעם טייך מעאָז.

זייט איהר דאנקבאַר? די א. ע. פ. וועלען ענטפערן די פראַגע, ניט נאָך דער צאָהל פאָהנען וואָס איהר וועט פאָכען ווען זיי מאַרשירען צוריק אַהיים, זאָנדערן דורך דער צאָהל נייע וויקטאָרי ליבערטי באָנדס וואָס איהר וועט קויפען. די א. ע. פ. באַטראַכט איצט די נייע אַמעריקאַ, אין וועלכער זיי קומען צוריק, לויט די טאַטען, ניט לויט דעם שרייען.

אויב עס וועלען זיך ניט געפינען מעהר איינצעלנע סובסקרייבער פאַר די וויקטאָרי לאָון, ווי פאַר אירגענד וועלכען פון די פריהערדיגע לאָונס, אויב מען וועט זיך ניט פאַר דעם אַ סך מעהר אַריבערסובסקרייבען, וועלען די באָיס פון די א. ע. פ. איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּמאַכען זייער מיינונג, אַז דאָס אַלטע ווערטעל, דאָס רעפּובליקען זיינען אונדאַנקבאַר, איז אמת. די סאָלדאַטען וועלען זיך ניט צוהערען צו קיינע תירוצים.

עס ווענד זיך אָן אייך צו צייגען די צוויי מיליאָן מענער, וואָס האָבען געקעמפט פאַר אייך, דאָס איהר — דאָס אַמעריקא — איז דאַנקבאַר.

סובסקרייבט אייך וויפיעל איהר קענט נאָר פאַר'ן וויקטאָרי לאָון. דאָס איז דער איינציגער פּראַקטישער וועג ווי איהר קאָנט דעמאָנסטרירען אייער דאַנקבאַרקייט צו אַלע באָיס פון די א. ע. פ. פאַר דאָס וואָס זיי האָבען געטאָן. און דאָס וויינינגסטע וואָס איהר קענט טאָן איז, — צו באָרגען וויפיעל איהר קענט נאָר צו דעם לאַנד פאַר וועלכער יענע באָיס האָבען וויפיעל זיי האָבען נאָר געקענט, געקעמפט!

א מעמבער פון די א. ע. פ.

LABOR BUREAU
GOVERNMENT LOAN ORGANIZATION
LIBERTY LOAN COMMITTEE
949 Broadway Nw York City

דיעזער פלאַץ איז אוועקגעגעבען צו דער רעגיערונג צו אדווערטייזען דעם וויקטאָרי ליבערטי לאָון, ביי די

מעטראָפּאָליטאַן לאַיף אינשורענס קאָמפּאַני

אין נאָמען פון די וואָס האַלטען איהרע צוואַנציג מיליאָן פּאָליסים, וואָס באַטרעפען איבער פיער און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר אינשורענס, פאַר וועמעס פּראָטעקשאָן דיעזע קאָמפּאַני האַלט איבער זיבען הונדערט און צוואַנציג מיליאָן דאָלאַר ריזוירוו, אויסער אַנדערע עסעטס. איהרע אַנגעשטעלטע האָבען פאַרקויפט פאַר איבער $133,000,000 ליבערטי באָנדס און וואָר סייווינגס סטעמפּס לעצטעס יאָהר. און זיי זיינען נאָך אין דעם קאַמפּיין. די קאָמפּאַני האַלט פר $80,000,000 ליבערטי באָנדס און וועט סובסקרייבען פאַר מיליאָנען מעהר פון דעם יעצטיגען לאָון, וועלכען זי רעקאָמענדירט פאָזיטיוו אלס דעם זיכערסטען אינוועסטמענט אין דער וועלט.

דיעזען שבת, 3 מאַי

אין ניו סטאַר קאַסינאָ

פּאַרק עוו. און 107טע סט., ניו יאָרק.

וועט ענדליך פאַרקומען דער דריטער יעהרליכער

שרייבער פריהלינג

באַל

— פון —

י. ל. פּרץ

שרייבער פאַראיין

פאַר'ן באַל א רייכער מוזיקאַלישער פּראָגראַם

דזשאָזעף שליסקי

א נייער שטערען אין דער מוזיקאַלישער וועלט. די ענגלישע פּרעסע שרייבט וועגען איהם, אַז ער איז אין זינגען פּונקט אַזוי גרויס ווי יאַשא חפץ אין שפּיעלען.

„הענרי"

וועלט-באַריהמטער קלאַסישער כאַראַקטער-טענצער, דער מענערדזשער „איזאַדאָראַ דונקאַן".

פּעני ק. העסקעל

באַריהמטע מעצאָ-סאָפּראַנאָ, וואָס מען קען נאָר הערען אין גרענד אָפּערא.

מיזורי סילבא

א פּיאַניסטין, צו וועלכער בלויז א פּאָר אין גאַנץ אַמעריקא קענען זיך פאַרגלייכען.

טיקעט מיט העט-טשעק) — 1 דאָלאַר.

אָנפאַנג פּונקט 8 אוהר אָווענט.

טיקעטס שוין צו באַקומען אין אַלע אידישע רעדאַקציעס.

צו אלע סעקרעטערע פון אונזערע לאָקאַלס

אלע ענדערונגען אין די אדרעסען ווי אויך אלע אדרעסען פון נייע מעמבערס זאָלען צוגעשיקט ווערען צום רעקאָרד-דעפּאַרטמענט אויף די ספּעציעלע סליפּס, וועלכע ווערען צוגעשיקט צו אייך.

ענדערענדיג א מעמבער'ס אדרעס מוזט איהר אבער אָנגעבען זיין געוועזענעם אַלטען אדרעס. דאָס איז נויטיג כדי צו פאַרמיידען אומזיסטע ארבייט פאַר אייך און פאַר אונז און אויך כדי צו האָבען א בעסערען קאָנטראָל איבער אונזער מיילינג-ליסט.

עליאַס ליבערמאַן, מענערדזשער.

רוהט, הערט, לעהרע.ט

די מעהרסטע מענשען פארנאכלעסיגען צו לערנען ענגליש, ווייל קומענדיג אהיים מידע, זיינען זיי ניט געוואוינט אויפגעלעגט צו געהן אין סקול.

איהר קענט לייכט און באקוועם לערנען ביי זיך אין דער היים.

עס איז געדרוקט געווארען א בוך, וואס זאגט ווי אזוי ענגליש קאן געלערנט ווערען דורך א נייער, וואונדערבארער מעטאדע. איהר קענט לערנען רעדען, שרייבען און לעזען ענגליש אייפאך און גוט.

דורך הערען ספעציעל פארפערטיגטע פאנאגראף רעקארדס, וועלכע מען קען געברויכען אויף יעדער פאנאגראף מאשין.

פאר א באשטימטע צייט וועט דער בוך געגעבען ווערען

פריי צו אלעמען.

וואס וועלען שרייבען פאר איהם.

לעגט אוועק די צייטונג אויף א מינוט.

שניידט אויס דעם אדווערטייזמענט, פיהלט אויס דעם אויסגעשניטענעם קופאן און אדרעסירט צו די פאבלישער.

CORTINA ACADEMY
12 East 46th Street
Desk Y 25
New York, N. Y.

דזשענטלמען: —

זייט אזוי גוט און שיקט מיר צו פריי, אהן אירגענד וועלכער פארפליכטונג, אייער פרייען בוך ווי צו לערנען ענגליש.

נאמען ___________

אדרעס ___________

____

20

יאהר טרינקט שוין די וועלט קאלאמביא טהעע, און דערוויייל האט מען נאך ביז יעצט קיין בעסערע טהעע ניט אויסגעפונען — בלויז איין סארט טהעע איז דא וואס שמעקט עטוואס רייכער, און דאס איז —

צוויעטאטשני טשאי

די בעסטע און געזונדסטע טהעע פיר׳ן מאגען.

צוויעטאטשני טשאי קומט אין נומער 240, נומער 300 און נומער 500.

הויפט ווערהויז פון קאלאמביא טהעע, צוויעטאטשני טשאי, ווהייט לילי טהע, קאלאמביא קאפע און ווהייט לילי קאקא

185 דיוויזשאן סטריט

י. קראוז

בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

A. DELBON

פיקסט און שארפט שערס.

484-90 6טע עוועניו, ניו יארק.

צווישען 29טע און 30טע סטריט.

טעל. ארטשארד 2186

שיטצען האלל

12 כתז. מארקס פליים

זעהר שענע און בעקוועהמע מיטינג רומס.

א סטריקטלי יוניאן הויז.

טווירטעלטויב & שייפער, מענ.

די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי

לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן

פערקויפט אויסשליסליך

ווייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

ריזע צייטונג

ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענגלישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די

אפ־טו־דייט פרינטינג קא.

195 קאנעל סט. ניו יארק

טעלעפאן 5425 פרענקלין.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לענארד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

סטראטמאר פרעס

אפ־טו־דייט פרינטינג

447 פוירל סטריט, ניו יארק.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט ווי פון די קאנטרים, דאס די באריכטען ווענען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע ניט שפעטער ווי דינסטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספאנדענטען, בריעף־שרייבער און אזוי ווייטער.

ERON PREPARATORY SCHOOL
183-5-7 East Broadway

דזש. ע. איראן, פרינציפאל.

טאג און אבענד קלאסען אין אלע רידזשענטס, פארפערטיגט צום קאלעדזש, אין אויך קאמוירשעל סאבדזשעקטס.

לערענט זיך, אויב איהר ווילט זיך צופעס דערשלאגען אין דער וועלט.



„נייזעל־רעסט" הייסט בעקוועמליכקייט!

די קאסט איז קליין — דער פערגעניגען גרויס!

יעדער איינער וואס טראגט גלעזער — דארף נוצען א פריים וועלכע זאל פאסען זיין נאז, און זאל ניט פעראורזאכען שמערצען אדער נערוועזיטעט.

דר. ב. ל. בעקער׳ס „נייזעל־רעסט" איז געשאפען געווארען צו פערמיידען די אלע שוועריגקייטען.

דר. בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

אייגען ווערען עקזאמינירט ביי די בעסטע אויגען־ספעציאהיסטען.

צו אלע קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער.

ברידער און שוועסטער!

די צייט פון סטרייק דערנעהנטערט זיך, און דארום מוז יעצט זהערען די מאטא פון יעדען יוניאן מאן צו זיין א גוטשטעהענדער מעמבער אין זיין לאקאל און ניט ווארטען ביז דער לעצטער מינוט פון סטרייק.

ניט נאר דארף יעדער מעמבער אבצאהלען זיינע שולדען, נאר עס מוז ווערען דער שלאגווארט אין יעצטיגע מאמענט:

צוויי מאנאט דוס אין פאראוס

פיעלע שאפ טשערלייטע האבען שוין אנגעפאנגען א קאמפיין אין די שעפער דאס יעדער ארבייטער זאל איינצאהלען און דארום זאלט איהר זיך בעסער צוהיילען יעצט צו באצאהלען אייערע שולדען און ניט ווארטען ביז דער לעצטער מינוט. מיט דעם וועט איהר פארמיידען די אומבאקוועמליכקייט פון שטעהן אין „נעקסט" און ווארטען אין ליין, און אויך פארשפארען די ענגשאפט אין די אפיסעס.

טוט אייער פליכט צו זיך זעלבסט.

די דזשוינט באארד קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן

ל. לאנגער, סעקרעטער.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. PRICE 3 CENTS — New York, Friday, May 9, 1919. — פרייטאג, דער 9טער מאי, 1919. — No. 17

דער סיגנאל צום קאמפף!

סטרייק אדער ניט? דאס איז די פראגע, וועלכע עס שטעלט זיך איצט דער קלאוק-מאכער. עס איז איצט די רייהע אן איהם צו ענטשיידען, וואס ער זאל טאן.

די פיהרער, פון זייער זייט, האבען אלעס געטאן, וואס זיי האבען געקאנט. זיי האבען פארגעלייגט פאר די באסעס די פאדערונגען, וואס זיינען אויסגעארבייט געווארען פון דער גאנצער יוניאן. זיי האבען פאר זיי ארגומענטירט מיט דעם גאנצען כח פון זייער גרויסער בארעדזאמקייט, און געטאן אלעס וואס מענשען מיט א געפיהל פון שטאלץ און מענשענווירדע קענען נאר, אום צו מאכען פארשטעהן די באסעס די גערעכטיגקייט און די אונבאדינגטע נויטוועדיגקייט פון די געשטעלטע פאדערונגען.

עס האט אבער ניט געהאלפען. שוין ביי דער ערשטער פאדערונג האבען זיך די באסעס פאר'עקשנ'ט, און אלע אפגעהאלטענע קאנפערענצען האבען זיך אויסגעלאזט מיט גארניט.

די פיהרער פון דער יוניאן האבען דארום געקאנט און געמעגט גלייך רופען די ארבייטער פון די שעפער צום קאמפף. ווייל די פיהרער האבען דאך פארהאנדעלט מיט די באסעס נאר ווייל זיי זיינען געווען אינסטרואירט פון דער יוניאן. די פיהרער האבען געהאט דעם מאנדאט פון צוויי אפשטימונגען, איי פון דער לעצטער קאנווענשאן אין באסטאן, און איי פון א פארגענומענעם רעפערענדום-וואוט. די פיהרער פון דער יוניאן האבען דארום געהאט דאס פולסטע רעכט צו רופען גלייך די ארבייטער אין קאמפף. אבער זיי האבען עס ניט געטאן, און האבען באשלאסען נאך אמאל איבערגעבען די פראגע אין די הענד פון די ארבייטער. זאלען זיי נאך אמאל האבען די מעגליכקייט צו באשליסען: אויב אלעס זאל בלייבען, ווי עס איז געווען ביז איצט, אדער עס זאל אויפגעמישט ווערען א גאנץ נייע בלאט אין דעם לעבען און שטרעבען פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

און לויט דעם באשלוס פון די פיהרער, וואוטען איצט די צעהנדליגע טויזענדע קלאוקמאכער איבער דער פראגע: יע, אדער ניט סטרייקען.

* * *

מיר קענען, נאטירליך, ניט וויסען גאנץ גענוי, ווי גרויס עס וועט זיין דער וואוט פאר א סטרייק. לויט אלע סמנים אבער, וועלען די ארבייטער אין זייער גרויסער מאיאריטעט שטימען פאר א סטרייק. זיי וועלען עס שוין טאן דערפאר, ווייל די באסעס האבען זיי דאך ניט איבערגעלאזען קיין אנדער ברירה. און דאן איז דאך קלאר, אז אויב די אלע פאדערונגען פון די ארבייטער צו די באסעס זיינען געווען גוט און וויכטיג גענוג זיי אויסצוארבייטען און זיי צו שטעלען, מוזען זיי זיין גוט און וויכטיג גענוג, אז מען זאל וועלען קעמפען פאר זיי, ווען מען קען זיי ניט אויספיהרען מיט גוטען. עס איז קלאר, עס מוז זיין קלאר פאר יעדען קלאוקמאכער, אז ווען די באסעס האלטען די געשטעלטע פאדערונגען פאר אזוי געפעהרליך פאר זיי, אז זיי דערלאזען צו א סטרייק, כאטש זיי וויסען גאנץ גוט, אז קלאוקמאכער, ווען זיי סטרייקען, סטרייקען זיי ניט אויף קאטאוועס, דאן מוז עס זיין קלאר פאר יעדען קלאוקמאכער, אז עס איז ווערט צו קעמפען דערפאר.

דאס שרייבען מיר ניט, אום צו באאיינפלוסען דעם וואוט. דער פאקט איז, אז איידער די צייילען וועלען געלעזען ווערען פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק, וועלען שוין די מייסטע פון זיי האבען געשטימט פאר אדער דאגעגען. מיר ווילען נאר דערמיט זאגען, אז דער שכל הישר איז אויף דער זייט פון א סטרייק, און אז דער אפגעגעבענער וואוט וועט זיך דאס מאל אויסצייכענען דורך זיין אינטעליגענץ, דורך זיין איבערלעגטקייט און דורך דאס פעהלען פון יעדער לײדענשאפט, וואס קען אמאל פארבלענדען דעם שכל. ווארים נאך קיין מאל זיינען די פאדערונגען ניט דיסקוטירט געווארען אזוי פלייסיג און פון פארשיעדענע שטאנדפונקטען און פאר אזא לאנגע צייט, ווי די, וועלכע די קלאוקמאכער יוניאן האט ארויסגעשטעלט.

* * *

מיר, פון אונזער זייט, אויף וויפיעל מיר קענען דעם סענטימענט פון די קלאוקמאכער, באטראכטען דעם סטרייק פאר א שוין באשלאסענע זאך. מיר זיינען דאך צו נאהנט צו די קלאוקמאכער, אז מיר זאלען ניט וויסען זייערע אמת'ע געדאנקען און געפיהלען. פאר אונז וועט דארום ניט זיין די מינדעסטע איבערראשונג, אויב זאגאר 90 פראצענט פון דער יוניאן וועט שטימען פאר סטרייקען. אבער פאר דער וועלט בכלל און פאר די באסעס בפרט, וועט דער אפגעגעבענער וואוט געוויס זיין א גרויסע איבערראשונג.

מיר וויסען, אז די באסעס האבען זיך איינגעשפארט און האבען דערלאזען צו א סטרייק, ווייל זיי גלויבען, אז זיי האבען נאר א היבשען צד פאר זייער שטעלונג אין די רייהען פון דער יוניאן גופא. זיי האבען געלאזט זיך אפנארען פון א פוסטען געשריי, פון א געשריי, וועלכער קומט פון א הייפעלע פאראינטערעסירטע פערזאנען אין דער יוניאן, אבער וועלכע רעפרעזענטירען בשום אופן ניט אפילו א גאנץ קליינע מאיאריטעט. אט אין דעם פונקט וועט דער וואוט זיין פאר זיי די שטארקסטע איבערראשונג. עס וועט זיך ארויסווייזען, אז הינטער אלע געשטעלטע פאדערונגען און פאר א סטרייק איז פאזיטיוו די גרעסטע מאיאריטעט פון דער יוניאן, און דאס נאר א קליין הייפעלע מענשען מיט וועמען קיין יוניאן, וועלכע האט נאר אין זיך דעם אמת'ן לעבענס-פונק, קען זיך ניט רעכענען, שטעהט פאר דעם אז אלעס זאל בלייבען אזוי, ווי עס איז, ניט באגרייפענדיג, אז דאס איז אונמעגליך, אז די קלאוקמאכער יוניאן, אלס א יוניאן, מוז אדער געהן פאראווערטס, אדער געהן ריקווערטס, אז קיין שטילשטאנד קען דא ניט געמאלט זיין.

* * *

אנגעהמענדיג דארום, אלס מאסשטאב דעם געזונטען מענשענפארשטאנד ווי אויך די עקזיסטירענדע פארהעלטניסע, קען מען ניט קומען צו קיין אנדער שלוס, ווי דאס דער סטרייק איז שוין א באשלאסענע זאך. אויף דעם [illegible] האט [illegible] די דזשאינט באארד פון דער קלאוק, סקירט און ריפערמאכער יוניאנס, ווי אויך די גאנצע אינטערנעשאנאל אלעס, אלעס צוגעגרייט צום קאמפף. יעדער איינער האט זיין פלאן, זיין טעטיגקייט, און דאס וועט

זיין דער בעסט-ארגאניזירטער און ביז אין די קלײנסטע אײנצעלהײטען אויסגעארבייטער קאמפף, וואס איז אמאל פארגעקומען אין דער ארבייטער-באוועגונג. דאס וועט ניט זיין א קאמפף, וואס שפרינגט ארויס ספאנטאן, אזוי, דאס זאגאר די פאדערונגען ווערען ערשט אויסגעארבייט אין דער צייט פון קאמפף, וואס דאס איז, אגב אורחא, אפט זעהר ניט מזל'דיג. ניין, דא איז אלעס פאראויסגעזעהן און אויסגעארבייט געווארען אזוי ווייט, ווי קלוגע, ווייטזיכטיגע ארבייטער פיהרער קענען נאר פאראויסזעהן און אלעס צוגרייטען. מעגליך, אז דערפאר וועט דער קאמפף, אפשר, ניט האבען דעם עלעמענט פון דאס אונערווארטעטע, דאס אונפארהאפטע, וואס איז אפט אזוי ספעקטאקעלדיג, אבער דערפאר וועט ער זיין דאס פעסטער, דאס ענערגישער און מיט דאס מעהר ארדנונג, אזוי, אז קיינער זאל ניט קענען טייטלען מיט די פינגער אויף די קלאוקמאכער, ווי אויף א ווילדען מאב.

* * *

די פיהרער פון דעם סטרייק דאס זיינען אונזערע אלטע, געניטע, קלוגע ארבייטער גענעראלען. מען דארף נאר דערמאנען זייערע נעמען, און ווערען איבערצייגט, אז זייער שטעהן אין פראנט פון קאמפף מיינט א זיכערער זיעג: ב. שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעישאנעל; מאריס זיגמאן, מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד; האלפערן, קאטלער, פיינבערג, וואנדער, אשפיז, סאפין, מעטץ, לאנגער, פינקעלשטיין, ווינער, באביש, ניסנעוויטש, ברעסלאוער און ווער קען ניי אלע אויסרעכענען?

וואס אנבעטרעפט די רענק-און-פייל, האבען דאך שוין פון לאנג די קלאוקמאכער אן עטאבלירטע רעפוטאציע פון שטארקע, אונערמיעדליכע קעמפער. די פאדערונגען זיינען, אין דער אמת'ן גערעדט, געמעסיגטע, כאטש זיי מעגען אויסזעהן פון אויבען-אויף פאר די, וועלכע ווילען זיך ניט אריינטראכטען אדער האבען א קנאפען באגריף פון דער צייט, אין וועלכער מיר לעבען, אלס ראדיקאלע. ניין, די קלאוקמאכער פאדערען קיין זאך ניט, וואס זיי מוזען ניט פאדערען, אלס ארבייטער, אלס מענשען, וועלכע פיהלען זיך בארעכטיגט צו א שעהנעם, מענשליכען לעבען.

* * *

אלעס, אלעס רעדט דארום צו גונסטען פון א גרויסען קאמפף און נאך א גרעסערען זיעג, און אין דער ערווארטונג, דאס דער קאמפף וועט שוין אויסברעכען אין דעם משך פון די נעקסטע עטליכע טעג, נאך איידער עס וועט ערשיינען דער נעקסטער נומער פון אונזער „גערעכטיגקייט", רופען מיר צו צו די גרויסע קלאומאכער דיוויזעס:

איהר זיינט ארויס אין א גרויסען און א גערעכטען קאמפף. איהר, פון אייער זייט, האט אלעס אנגעווענדעט, אז צו קיין קאמפף זאל ניט קומען, אבער די באסעס האבען ניט געוואלט זיך צוהערען צו אייערע גערעכטע קריוודעס און צו דעם שכל פון אייערע פאדערונגען, טו איז דאך אייך קיין אנדער ברירה ניט געבליבען, ווי צו געבען זיי דערפיהלען אייער מאכט, פארלאזען אייערע שעפער און ארויסגעהן אין קאמפף.

און וואס מיינט אייער איצטיגער קאמפף? דאס איז דער קאמפף פאר אייער יוניאן, דער קאמפף פאר אייער וואוילזיין, און פאר דעם וואוילזיין פון אייערע פאמיליען, דאס איז א קאמפף פאר א לענגערען און שעהנערען לעבען, ווי עס איז ביז איצט געווען אייער גורל, דאס אלעס מיינט אייער איצטיגער גרויסער קאמפף, און פון גאנצען הארצען רופען מיר צו צו אייך:

קעמפט און זיעגט!

א גרויסער אויפטו פון די לײדיעס װײסט מאכער יוניאן

ערשט נאך אזא קאמפף, אין וועלכען יעדער טראפען ענערגיע איז דאכט זיך פארוועדנעט געווארען, און שוין אזוי גיך געקומען צו זיך, אז זי קויפט א זומערפלאץ פאר איהרע מיטגליעדער, אין וועלכען מיליאנערען האבען ביז איצט געלעבט! וואס פאר א גבורה, וויפיעל לעבען עס איז דא אין דער גרויסער ארגאניזאציע!

מיר שיקען אפ אונזערע לעזער און לעזערינען צו לייענען אויף דער לעצטער פיידזש די פראכטפולע שילדערונג פון דעם נייעם שטיק איינענטום פון דער ליידיס וויסט מאכער יוניאן, און מיר זיינען זיכער, אז זיי וועלען, ווי מיר, שטוינען און וואונדערן זיך איבער דעם, וואס א גרויסע יוניאן קען אויפטאן.

און דערוויל, אפליינענדיג אונזערע אנדערע געפיהלען און באטראכטונגען איבער דעם אויף שפעטער, גראטולירען מיר די גאנצע יוניאן, און די קאמיטע, וועלכע האט זיך דירעקט באשעפטיגט מיט דעם, — און מיר וויסען, וויפיל מיה און זארג דאס האט זיי געקאסט — צו זייער גרויסען וואונדערבארען אויפטו.

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 17 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואך — ש. י. מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער.
זייט 3. ערשטער מאי פייערונג אין ניו יארק — א סטעף רעפארטער.
זייט 4. די קאאפעראטיווע באוועגונג אין אמעריקא — מ. קאלטשין. צוויי מיטינגען פון לאקאל 1 — פ. קאטלער.
זייט 5. דזשין סטאר אונטערמיניער און איהר פאעזי — א. גלאנץ. שרה—אברהם'ס ווייב — דר. אסתר לוריע.
זייט 6. אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ביי דער ארבייט — ש. יאנאווסקי.
זייט 7. אונזער אסת'ע רעוואלוציע — ליליען וואלאד. דאס ווארט — מ. פערעלמוטער.
זייט 8. דער מאי יום טוב פון לאקאל 80 — ה. הילפמאן. איגבעגארג (ראמאן).
זייט 9. ראמאן. ערב סטרייק ביי די עמבראידערי ארבייטער אין ניו דזשוירזי.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 11. דער צוזאמענברוך פון דער עקסער באמישער מאשין — דזשוליעס סטוארט פוינטיז.
זייט 12. לינקע און רעכטע — נ. בוכוואלד. אין פאלעסטינא — א. וואהלינער.
זייט 13. לייבעל — א. באביטש.
זייט 14. דער קריזיס און זיינע אורזאכען — א. ש. זאקס. יונג איז נאך רחל... — י. אדלער.
זייט 15. די פרויען-וועלט—ראזע בעדריס.
זייט 16. יוניאן באריכטען.
זייט 17. שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.
זייטען 18 און 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. די נייע זומער-היים פון [illegible]

די יוניאן דענטאל און מעדיקאל קליניקס

פון דעם ערשטען מאי, 1919, ווערען די נויארקער לאקאלס פון אונזער אינ־טערנעשאנעל די אייגענטימער פון צוויי קליניקס, אין וועלכע טויזענדע ארבייטער ווערען יעהרליך באהאנדעלט.

פון א סטעף רעפארטער

עס איז איצט א צייט פון אומענדע־רונגען און א אומענדערונג איז אויך פאר־געקומען אין די יוניאן קליניקס, פון 31 יוניאן סקווער, וואס זיינען עטאבלירט גע־ווארען פון דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל" אין די קלאוק און סוט און ווייסט און דרעס אינדוסטריען.

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" האבען שוין אודאי באמערקט, איז אין דער צייטונג פון לעצטער וואך ערשינען א גרויסע אנאנסע וועגען אט דער אומ־ענדערונג אין די יוניאן קליניקס. די זעל־ביגע אנאנסע ערשיינט אויך די וואך אויף א צווייטער זייט פון דער צייטונג.

דר. דזשארדזש מ. פרייז, דער די־רעקטאר פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, וועלכער איז די נשמה פון דער גאנצער אינסטיטוציע האט אונז, ביי דער געלעגענהייט, איבערגעגע־בען, אין קורצען נאטירליך, די געשיכטע פון די צוויי יוניאן קליניקס, דער מעדי־קאל און דענטאל, און איך גלויב, אז דאס וועט זיין גאנץ אינטערעסאנטע לעזע־שטאף פאר די לעזער פון די „גערעכטיג־קייט".

דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל איז געגרינדעט געווארען נאך'ן גרויסען דזשענעראל סטרייק אין 1910, ווי עס האט געפאדערט דער „פראטאקאל" אגרימענט וואס איז דאן געשאפען געווא־רען. די אינסטיטוציע איז געשאפען גע־ווארען אויפצופאסען דאס די קלאוק און סקירט שעפער פון נויארק זאלען זיין ריין און „פייער־פרוף", און איז אויפגעהאל־טען געווארען בשותפות, פון דער קלאוק־מאכער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסס'ן. דר. דזשארדזש מ. פרייז איז נאכ־דעם אנגעשטעלט געווארען אלס דירעק־טאר פון דער גאנצער אונטערנעמונג.

ווען די זאך האט אנגעפאנגען צו ארבייטען אין דער פראקטיק האט מען זיך ארומגעזעהן, דאס צו היטען די שע־פער זאלען זיין ריין און ציכטיג איז נאך נים גענוג. מען האט זיך באלד ארומגע־זעהן, דאס מען דארף אויך זיך צוקוקען אויף דעם געזונד־צושטאנד פון די ארביי־טער אין די שעפער. ווארים, אויב, למשל, אין א שאפ געפינט זיך איין ארבייטער בלויז וועלכער האט קאנסאמפשאן, און אפטמאל ווייס ער אליין נים אז ער האט עס, אדער ער ליידעט פון עפעס אנאנ־דער קראנקהייט וואס איז אנשטעקענד, שטעלט ער אין געפאהר אלע אנדערע אר־בייטער אין דעם שאפ, ווען אפילו, דער שאפ ווערט געהאלטען ריין און ציכטיג. מען איז אלזא געקומען צום שלוס, דאס פונקט ווי עס איז נויטיג די שעפער זא־לען זיין ריין, ציכטיג און זיכער אין פאל עס ברעכט אוים א פייער, איז פונקט אזוי וויכטיג אויפצופאסען אויף דעם גע־זונד צושטאנד פון די ארבייטער אין די שעפער. אין יאהר 1912 האבען דאקטוי־רים, אונטער'ן אויפזיכט פון דר. פרייז, אנגעפאנגען אונטערזוכען דעם געזונד־צו־שטאנד פון די ארבייטער אין די „פרא־טאקאל"־שעפער. יענע מעדיצינישע אונ־טערזוכונגען האבען שוין אנגענומען דעם כאראקטער פון א „קליניק".

אין יאהר 1913 האבען דאקטוירים אין דעם קליניק אונטערזוכט 800 ארביי־טער פון קלאוק טרייד. נאך דעם יאהר איז דער קליניק רעארגאניזירט געווארען. אונ־זער פרעסער יוניאן לאקאל 35 האט דאן איינגעפיהרט קאנסאמפשאן־בענעפיט און נאכדעם אויך קראנקען־בענעפיט. אביסעל שפעטער האבען דעם זעלבען בענעפיט אויך איינגעפיהרט די פינישערס יוניאן, לאק. 9, און די סקוירט מאכער יוניאן לא־קאל 23. דאס האט געבראכט מיט זיך, דאס די נייע מיטגלידער וואס האבען גע־וואלט זיך אנשליסען צו דיזע לאקאלס האבען געדארפט פריהער זיך לאזען אונ־טערזוכען פון א דאקטאר, און דאס איז גע־טאן געווארען אין דעם מעדיקאל קליניק פון דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל".

ביסלעכווייז האט זיך די ארבייט פון דעם מעדיקאל קליניק אויסגעברייט. פון אנפאנג זיינען די אויסגאבען זיינע אין גאנצען געדעקט געווארען פון'ם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנ־טראל". שפעטער אבער, איז צוגעקומען דער איינקונפט וואס איז געצאהלט גע־ווארען פון די אפליקאנטען פאר די לא־קאלס 9, 23 און 35, וועלכע זיינען אונ־טערזוכט געווארען.

אויף דער לעצטער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל איז באשלאסען געווארען איינצופיהרען קאנסאמפשאן בענעפיט אין יעדער לא־קאל פון דער גאנצער יוניאן, און דאס מיינט, אז יעדער נייער מיטגליעד וואס שלאגט זיך פאר אויפגענומען צו ווערען, מוז בפאר זיך לאזען אונטערזוכען פון א דאקטאר, און דאס האט, נאטירליך, א סך פארגרעסערט די טעטיגקייט פון דעם מעדיקאל קליניק. דאס האט געפיהרט צו דעם, דאס דער מעדיקאל קליניק זאל ארויסגענומען ווערען פון אונטער דעם שוץ פון'ם „דזשאינט באארד אוו סאני־טארי קאנטראל" און די דריי דערמאנטע לאקאלס, און דאס שטעלען אונטער'ן שוץ און קאנטראל פון אלע אינטערנעשיאנאל לאקאלס אין גרויס נויארק. און מיט א צוויי מאנאטען צוריק איז געגרינדעט געווארען די „יוניאן קליניקס אססאסיאיישאן", וועלכע באשטעהט פון די לאקאלס 1, 3, 6, 9, 10, 11, 17, 20, 23, 25, 35, 41, 46, 48, 50, 58, 62, 64, 66, 80, 82 און 90, — אלע אינטערנעשיאנאל לאקאלס אין גרויס נויארק. צו דער אסס'ן באלאנגט יעצט נים נאר דער מעדיקאל קליניק, נאר אויך דער דענטאל קליניק. ביידע קליניקס שטעהן איצט אין גאנצען אונטער'ן קאנטראל פון דער אסס'ן, מיט דר. פרייז אלס דירעק־טאר און טשיעף. דאס גאנצע איינגענטום וואס איז אין די קליניקס אריינגעטאן גע־ווארען אין דער גאנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ איז איבערגעגעבען צו דער נייער יוניאן קליניקס אססאסיאיישאן און דאס אלעס באלאנגט איצט צו איהר.

די פאלגענדע פערזאנען זיינען ער־וועהלט געווארען אלס בעאמטע פון דער אסס'ן: ברודער ה. וואנדער פון לאק. 23, פרעזידענט; ברודער א. ע. קאזאן פון לאק. 35, טרעזשורער; ברודער ס. דזש. רינגער פון לאק. 1, סעקרעטער. די ברידער זארעמסקי, דזש. קעסטין און ד. רובין זיינען ערוועהלט געווארען אין באארד אוו דירעקטארס. דאקטאר דזש. מ. פרייז, וועלכער, ווי שוין באמערקט, ארבייט פאר דער אינסטיטוציע זינט 1912, פארבלייבט דער דירעקטאר פון דער אונטערנעמונג.

דער מעדיקאל קליניק האט שוין איצט איינינע אפטיילונגען און טוט אויף א מאסע גוטע ארבייט. אט זיינען איני־גע ציפערען וועגען די מעדיצינישע אונ־טערזוכונגען.

אין יאהר 1912 זיינען געמאכט גע־ווארען בלויז 800 עקזאמינייישאנס; אין 1913 איז שוין געווען 1234; אין 1914 — 4712; אין 1915 — 5229; אין 1916 — 7226; אין 1917 — 3415; און אין 1918 — 5024. די גרעסטע צאהל עקזאמינייישאנס זיינען, אלזא, גע־מאכט געווארען אין יאהר 1916, אין צייט פון'ם צווייטען גרויסען סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטרי פון נויארק. אין איין טאג, דעם 11טען מאי פון יענעם יאהר זיינען געקומען 156 קאנדידאטען זיך לאזען אונטערזוכען, 656 דורך יענער וואך און 1705 דורך דעם גאנצען מאנאט. דאס איז דעמאלט געווען די גרעסטע צאהל מעדיצינישע אונטערזוכונגען אין דער געשיכטע פון דעם מעדיקאל קליניק. אבער דער היינטיגער יאהר צייכענט זיך אין דער הינזיכט נאך מעהר אוים. דורך די מאנאטען יאנואר, פעברואר און מערץ, 1919, זיינען אין דעם קליניק געמאכט געווארען 3229 מעדיצינישע אונטערזו־כונגען. די גרעסטע וואך איז געווען אין מערץ. די וואך וואס האט זיך געענדיגט מיט'ן 22טען מערץ זיינען געמאכט גע־ווארען 205 אזעלכע אונטערזוכונגען. דער יאהר וועט שוין אלזא, אריבערשטיי־גען דעם יאהר 1916.

צום מעדיקאל קליניק לעגט מען איצט קיין געלד נים צו; ער באצאהלט זיך אליין, עס בלייבט נאך אפילו איבער א שטיקעל פראפיט. ער האלט זיך אויף דערפון וואס יעדער קאנדידאט פאר מיטגליד אין א לאקאל באצאהלט א דאלאר פאר דער מעדיצינישער אונטערזוכונג. ווען איינער, אדער איינע, וואס איז שוין א מיטגליד אין דער יוניאן לאזט זיך אונ־טערזוכען, קאסט עס בלויז 50 סענט. און די דאלערס מיט די 50 סענטיגע דעקען די אויסגאבען פון דעם מעדיקאל קליניק. דורך די מאנאטען יאנואר, פעברואר און מערץ פון דעם יאהר איז געווען די איינ־נאהמע פון דעם קליניק 2,888.40 דאל. און די אויסגאבען 1,645.30 דאל. די דריי מאנאטען צייגען, אלזא, א פראפיט פון 1,243.10 דאל.

וואס אמבעלאנגט דעם דענטאל קליניק, ווערט ער איצט קוים צוויי יאהר אלט. ער איז געעפענט געווארען דעם 7טען מאי, 1917. שוין דורך דער צייט האט אויך דער דענטאל קליניק זיך ארויסגעוויזען צו זיין אן ערפאלג. מען קאן זאגען, דאס אויך דער קליניק בא־צאהלט זיך שוין אליין. דורך די קנאפע צוויי יאהר וואס ער עקזיסטירט, האט דער קליניק אריינגענומען כמעט 22,000.00 דאלער, און דאס האט שוין באלד גע־דעקט אלע זיינע אויסגאבען. מען קען זיך אלזא, אויך אויף דעם נים באקלאגען.

אין דער אנאנסע פון דער ניי־גע־גרינדעטער יוניאן קליניקס אסס'ן, וועלכע איז געדרוקט אויף אנאנדער פלאץ אין דער צייטונג, וועט איהר געפינען די שטונדען פון דער באשטימטער צייט ווען די מעדיצינישע אונטערזוכונגען ווערען געמאכט אין פארשיידענע אפטיילונגען פון די צוויי יוניאן קליניקס.

די ספעציעלע אפטיילונגען אין דעם מעדיקאל קליניק ווערען געפיהרט פון קאמפעטענטע, באוואוסטע דאקטוירים, ספעציאליסטען אין זייער פאך. ווען א מיטגליעד פון דער אינטערנעשאנאל דארף זיך קורירען אויף עפעס אן ערנ־סטע קראנקהייט באקומט מען אין דעם קליניק א טריטמענט פאר 50 סענט אדער א דאלער, וואס וואלט געדארפט קאסטען פריוואט כמעט 5 דאלער.

דאס זעלביגע אויך אין דעם יוניאן דענטאל קליניק. עס ווערט געמאכט די בעסטע ארבייט צו א מעסיגען פרייז. דער דענטאל קליניק איז אונטער'ן אויפזיכט פון דר. לואיס ב. עליס, מיט א גאנצען סטעף קאמפעטענטע דענטיסטען.

ווי איהר זעהט, האט אונזער יוניאן אזוי נאך צוגעקראגען צוויי גאנץ וויכטי־גע אינסטיטוציעס, וואס זיינען פון גרויס נוצען פאר די מיטגלידער פון אונזער אינ־טערנעשאנעל.

דער עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25

א זיצונג פון'ם עקזעקוטיוו באארד פון די ווייסט און דרעס מייקער יוניאן, לאקאל 25, איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך אבענד, דעם 23טען אפריל, אין 210 איסט 5טע סט.

עס זיינען פארגעקומען וואהלען פאר טשערמאן פון'ם עקז. באארד פאר דעם קומענדען מאנאט, און שוועסטער דזשעני מעטיעס ווערט איינשטימיג ערוועהלט.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון דער „איידיעל ווייסט קאמפ." וועלכע האבען פריהער געארבייט ביי דער „בראדוויי ווייסט קאמפ.", גיט איבער צום עקזע־קוטיוו באארד אן ערקלעהרונג וועגען דער איצטיגער לאגע אין זייער שאפ.

נאכדעם ווי ברודער הארוויץ טיילט מיט דעם באארד די גענויע איינצעלהיי־טען וועגען דעם צושטאנד אין'ם דערמאנ־טען שאפ, ווערט ערוועהלט א קאמיטע פון דריי פערזאן, וועמען עס ווערט געגעבען די פולמאכט צו האנדלען אין דער דאזי־גער אנגעלעגענהייט.

דער באריכט פון דער דיסטריביו־שאן קאמיטע ווערט אויסגעהערט. אין דעם באריכט ווערט אנגעגעבען דער פלאן וועגען איינטיילען די שעפער, וואס ווע־רען קאנטראלירט פון דער יוניאן, אין פארשידענע דיסטריקטען, און עס ווערט אויך אנגעוויזען וויפיעל אנגעשטעלטע מען וועט דערצו באדארפען. די קאמיטע רעקאמענדירט אויך די פאסענדע מענשען פאר דעם אמט.

דער באריכט ווערט גאנץ גענוי דיס־קוטירט און גוט געהייסען. עס ווערט אויך באשלאסען אז בר. שאפירא זאל טראנס־פערירט ווערען אין דעם אססאסיאיישאן דעפארטמענט, און בר. רייזבערג אין איי־נעם מיט דער אפיס־קאמיטע ווערען אינ־סטרואירט צו טראנספערירען איינעם פון די ביזנעס־אייגדזשענטס אין דעם דאון־טאונער אפיס, אויפ'ן פלאץ פון בר. שא־פירא.

אויפ'ן פארלאנג פון בר. בוקטשין, וועלכער באקלאגט זיך, אז ס'איז אומ־מעגליך פאר איין מענשען צו אטענדען דעם גאנצען בראנזווילער דיסטריקט, ווערט באשלאסען, אז בר. דע־בעללא זאל צוגעשטעלט ווערען צום בראנזווילער אפיס און ער זאל אין די פרייע שטונ־דען ארויסהעלפען אויך אין'ם ברוקלינער דיסטריקט.

בר. יודעל שיקט צו א צושריפט אין וועלכען ער ציהט די אויפמערקזאמקייט פון'ם עקזעקוטיוו באארד אויף דעם איצ־טיגען צושטאנד בנוגע די אוט־אוו־טאון שעפער. דער עקזעקוטיוו באארד נעהמט אויף די פראגע און באטראכט ווייטערע פלענער אין באצוג צו דער דאזיגער אר־בייט.

עס ווערט אויסגעהערט דער באריכט פון דער דזשאינט קאמיטע פון ניין פער־זאן, וועלכע האט די אויפזיכט איבער די שעפער וואס זיינען נאך אין סטרייק.

פון'ם באריכט איז צו זעהן, אז פון צעהן ביז צוועלף טויזענד דאלער א וואך וועט נויטיג זיין צו פינאנסירען דיזע סטרייקס. דער באריכט ענטהאלט אויך איינינע פלענער וועגען דעם זאמלען פון א פאנד פאר דעם צוועק. די פלענער ווע־רען גוט געהייסען און אנגענומען.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם באריכט פון דער דאזיגער קאמיטע פון ניין, מאכט בר. שעהנהאלץ, דורך א בריעף, אויפ־מערקזאם דעם עקז. באארד אויף דער רעמזאמקייט צו שיקען א קאמיטע צו דער זיצונג פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד אין פילאדעלפיא און דארט אויפ־נעהמען מיט דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד די פראגע וועגען דער ווייטערער פינאנציעלער באפעסטיגונג פון לאקאל 25.

דער עקזעקוטיוו באארד ערוועהלט צו דיזען צוועק א קאמיטע פון פיער פער־זאן, צו פאהרען צו דער פילאדעלפיער זי־צונג פון'ם גענעראל עקזעקוטיוו באארד. די ערוועהלטע זיינען: די ברידער לי־בערמאן, גוזמאן, שעהנהאלץ און שוועס־טער מאלי פרידמאן.

ברודער טוירק, אין'ם נאמען פון'ם טאקערס ברענטש פון אונזער יוניאן, לא־דעט איין די מעמבערס פון'ם עקזעקוטיוו באארד צו דעם קאנצערט און באל, וואס דער דערמאנטער ברענטש וועט האבען אין פראגרעס קאסינא, מיטוואך דעם 30טען אפריל. די איינלאדונג ווערט אנ־גענומען און ברודער טוירק ווערט בא־דאנקט פאר דער איינלאדונג.

די פראגע וועגען אן ערשטע מאי פייערונג ווערט אויפגענומען, און א קא־מיטע, באשטעהענד פון די ברידער קאהן, וואסילעווסקי, וויטאשקין און די שוועס־טער קלארא פרידמאן און פעני דזשאקעל ווערט ערוועהלט, אז זיי זאלען אין איינעם מיט ברודער שעהנהאלץ ארראנזשירען א קאנצערט פאר אונזערע מעמבערס אויפ'ן ערשטען מאי.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

א פינסטערע פאר־שווערונג

(שלוס פון זייט 1)

א פינסטערע פארשווערונג געגען אליץ, בשוה, וועלען זיי געוויס א טעות האבען. אין דעם מאמענט פון א געפאהר פאר דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג ווע־לען די אמת'ע פארטגעשריטענע ארביי־טער פארגעסען אן זייערע קליינע מינ־דערוויכטיגע שטרייטיגקייטען, און די פינסטערע פארשווערער וועלען באגעג־נען א שטארק־פאראייניגטע מחנה, וועל־כע וועט זיין דאס שטארקער, ווייל זי האט קיינע אנדערע אינטערעסען, ווי נאר די אינטערעסען פון דער גאנצער ארביי־טער־באוועגונג.

מעגען דארום אט די פאררעטער פרו־בירען טאן זייער ערגסטעס; דער רעזול־טאט קען נאר זיין אזעלכער, וועלכער וועט העלפען דעם ווייטערען פארטשריט.

עס וועט מוזען פארקומען איינס פון די ביידע: אדער זיי וועלען קלעגליך דורכפאלען אין זייער קאנספיראציע, און דאן וועט די ארבייטער־באוועגונג ענדליך פטור ווערען פון זיי. אדער עס וועט זיי געלינגען ארויסצוטרייבען אלעס, וואס איז עהרליך, ראדיקאל און ענערגיש פון דער עקזיסטירענדער ארבייטער־באווע־גונג, דאן וועט זי במילא צופאלען פון איהר אייגענער פוילקייט, און אויף איה־רע חורבות וועט זיך ערהויבען א גרויסע, א מעכטיגע ארבייטער־באוועגונג, פאר וועלכער עס איז שוין לאנג צייט געוועזען אין אמעריקא, כדי זי זאל נים בלייבען די צוריקגעשטאנענסטע פון אלע ציוויליז־זירטע לענדער אין דער וועלט.